STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01110

NOENTE GESHTALTN

Itzik Manger

*Permanent preservation of this book was made possible
by David, Joel & Martin Brochstein
in honor of
Harry Brochstein*

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

איציק מאַנגער

נאָענטע געשטאַלטן

פאַרלאַג ה. בזשאָזאַ • וואַרשע • 1938

XP 2547

Printed in Poland

I. MANGER: „Noente geszta{ł}tn"

Wydawn. Ch. Brzoza, Warszawa.

Druk. „Grafia", Warszawa

פאָרוואָרט

די סקיצן, וואָס זענען געזאַמלט אין דעם דאָזיקן בוך, האָב איך פאַרעפנטלעכט אין דער וואַרשעווער „נייער פאָלקסצייטונג".

מיין כוונה דערביי איז געווען אַרויסצופירן די געשטאַלטן פון אונזער ליטעראַרישן עבר פאַר די ברייטע לייענער־מאַסן, כדי זיי צו באַקענען מיט דער עלטערער יידישער ליטעראַטור.

דער דערפאָלג האָט מיך דערמוטיקט. און איך האָב באַשלאָסן די „נאָענטע געשטאַלטן" אַרויסצוגעבן אין בוך־פאָרם.

„נאָענטע געשטאַלטן" הייסט דאָס בוך דערפאַר, ווייל די גע־שטאַלטן, וואָס ציטערן אין דעם בוך, זענען ווייטע און נאָענטע. דעם פרנס אייזיק וואַליך ווירמייסן, די בתולה „עטוואָס אונטער צוועלף יאָרן", גלעל, פאַרבינדט דער זעלבער ליטעראַריש־געשיכט־לעכער פאָדים מיט דעם פאָלקס-דיכטער מאַרק מאַרקאָוויטש וואַר־שאַווסקי און דעם טראַגישן אַרבעטער־דיכטער יוסף באָווטעווער.

איך ווייס, אַז דאָס דערשיינען פונם בוך איז אַביסל צוגע־איילט, סיפעלן אין אים אַ גאַנצע ריי געשטאַלטן, וואָס זענען נישט ווינציקער נאָענט און אייגן, ווי די אַריינגענומענע. אַזאַ געשטאַלט, ווי יוסף פערל, למשל, טאָר נישט פעלן אין אַזאַ בילדער־גאַלעריע. נישט ער און נישט אַ גאַנצע ריי אַנדערע וויכטיקע פיגורן פון דער עלטערער יידישער ליטעראַטור.

אויב זיי פעלן פאָרט אין דער איצטיקער זאַמלונג, איז דאָס די שולד פון די אַרבעטס־באַדינגונגען. אָט, למשל, זענען די אַלע אַרטיקלען געשריבן געוואָרן אין וואַרשע — די הקדמה ווערט שוין געשריבן אין פּאַריז. די היימלאָזיקייט האָט נישט כסדר אַלע נוי־

טיקע מאַטעריאַלן אונטער דער האַנט, און דערפאַר טאַקע אַנט־שולדיק איך זיך סיי פאַר די באַוואוסטע געשטאַלטן און סיי פאַר די לייענער פון דעם דאָזיקן בוך.

מעגלעך, אַז איך וועל זיך נאָך אומקערן צו די „נאָענטע געשטאַלטן" און פאַרריכטן די עוולה. דערווייל לאָז איך די צוואַנ־ציק אַפּאָסטאָלן פון דער יידישער ליטעראַטור זיך פאַרנויגן פאַרן געשעצטן פובליקום. די בכבודיקע פאַטריאַרכן האָבן דערוועגט סיי אַביסל ליבע, סיי אַפּלאָדיסמענטן.

דאָס דאָזיקע בוך ווידמע איך דער יידישער שול־אָרגאַניזאַ־ציע אין פוילן. אַ באַשיידענע מתנה פאַר די שול־טוער, לערער און שילער פון די יידיש־וועלטלעכע שולן.

איציק מאַנגער

פּאַריז, מאַי 1938.

אייזיק וואַליד ווירמייסן

„זע נאַר, וואָס פאַר איין ליבער גאַסט!" — האָט אויסגערופן דער פּרנס פון וואָרמס ר' אייזיק וואַליך און איז אַנטקעגנגעגאַנגען דעם אורח און אים אָפּגעשטעקט אַ וואַרעמען שלום עליכם.

ר' שלמה זינגער פון פּראָג האָט ממזריש אַ פינקל־געטון מיט זיינע שוואַרצע, קלוגע אויגן, אָפּגעענטפערט אַ ברייטן „עליכם שלום" און אַ מידער פון וויטן וועג זיך אַוועקגעזעצט אויף אַ שטול.

„פריידכען" — האָט ר' אייזיק אריינגעשריגן אין צווייטן צי־מער אַריין — „מיר האָבן איין ליבן גאַסט, פריידכען, זע און דער־לאַנג עפּעס צום איבערבאַפּן. דו ווייסט דאָך, אַז ר' שלמה זינגער האָט נישט פיינט דאָס, וואָס איך האָב ליב, נעמלעך איין גוט קאַלט ביר. אין ווירטסהויז „צום גאָלדענעם שילד" פינדט מאַן דאָס צו אַלער צייט, אום צו דערקוויקן די פרייליכע לייט, וואָס טוען זינגען און וואַנדערן פון איין אָרט צום אַנדערן".

דורכן פענסטער האָבן טאַקע דיביידע פריינט געזען, ווי פריידכען, ר' אייזיק וואַליכס פרוי, האָט פאַרנומען דעם באַפעל. זי איז אריינגעגאַנגען אין ווירטסהויז „צום גאָלדענעם שילד" און ס'האָט נישט קיין סך געדויערט און דאָס קאַלטע, בלאָנדע געטראַנק איז געשטאַנען אויפן טיש.

שלמה זינגער האָט אַ זופּ געטון פונם קופּל, אָפּגעווישט דעם שוים פון די וואָנסעס און דער באָרד און זיך פאַסמאַקעוועט: „איין גוט ביר ביי איך אין ווירמייזן, ר' אייזיק. דאָס הייסט, אַז אין פּראָג איז עס אויך נישט שלעכט, מעכט דער טאַלער זיין, דאַ פינדט מען איבעראַל גוט ביר און וויין".

די ביידע פריינט האָבן זיך באַטראַכט איינער דעם אַנדערן און יעדער האָט געזען אָן דעם צווייטן, אַז ער האָט זיך געעלטערט.

די שוואַרצע האָר וועדן ווינציקער און די ווייסע האָר זילבערן שוין היפש די קעפּ און די בערד.

זיי האָבן געזופּט דאָס קאַלטע ביר און געשמועסט פון דעם און יענעם, ביז זיי זענען אַרויפגעקומען אויף עפּעס, וואָס איז זיי געווען צום נאָענטסטן. זיי האָבן זיך צערעדט וועגן לידער...

„נישט לאַנג" — האָט אייזיק וואַליך אַ זאָג געטון — „בין איך געווען אויף איין קנס־מאָל, איין „נאַר" האָט דאָרט געזונגען פאַר־שידענע לידער. אָבער דאָס ליד דאָס מיר אַממייסטן געפעלן, וואָר איין רעטעניש־ליד, וועגן איין נביא אוים הינערבערגן־לאַודן. „דער באָרט פון נביא איז צימליך גרוים, מיטן קאָפּ גייט ער גאָר בלויז, באָרוועס מיט זיינען פיסען"—איין קעסטליך ליד, וואָס איז אַלעמען געפעלן און מיר באַזונדער. כ'האָב דאָס ליד גלייך פאַרשריבן ווי עס מיין טבע איז. נון דאָ דער מחבר ביי מיר איז, מעכט עס ווּסן, אויב עס איז ריכטיק פאַרשריבן".

שלמה זינגער „דער לוסטיק פריילעך ייד" האָט אַ שמייכל גע־טון. ער קען אייזיק וואַליכס שוואַכקייט, דער דאָזיקער פּרנס האָט ליב צו פאַרשרייבן יעדעס ליד, וואָס ער הערט, פאַרשטייט זיך, אויב ס'געפעלט אים. דאָס וואָס ר' אייזיק האָט פאַרשריבן זיין ליד וועגן נביא אוים הינערבערגן־לאַנדן טוט אים הנאה. און אַ זופּ־טועגדיק פון זיין קופּל ביר האָט ער פאַר זיין פריינט איבערגעזונגען דאָס ליד.

אייזיק וואַליך האָט אַריינגעקוקט אין אַ פאַרשריבענעם בלאַט. אַלצדינג האָט געשטימט. אַ זעלטנקייט, ווייל די וואַנדערנדיקע „נאַרן" האָבן אַ טבע צו פאַרגרייזן די לידער, און אַפילו זיך אָנ־געבן פאַר די מחברים, באַטש זיי זענען עס נישט.

אַז ר' שלמה זינגער האָט שוין געהאַלטן ביים לעצטן סטראָף איז אייזיק וואַליך אויפגעשפּרונגען:

„וואָרט איין קליין ווייל, ר' שלמה, דאָ היר שטימט עס נישט, ביי מיר שטייט פאַרשריבן:

„דער דאָ האָט געמאַכט דאָס ליד,
דער הייסט דער נאַריש ייד."
און ביי איך איז „דער הייסט דער פריילעך ייד".

די דאָזיקע נישט־פּינקטלעכקייט האָט אים פאַרדראָסן. ער האָט תיכּף ארויסגענומען זיינע שרייב־מכשירים און אַלצדינג פאַרריכט, ווי ס׳דאַרף צו זיין.

אייזיק וואָליך האָט זיך נישט געקענט איינהאַלטן און נאָכ־אַמאָל געלויבט דאָס ליד ביז אין זיבעטן הימל אריין. צווישן אַלע לידער, וואָס ער האָט פאַרשריבן איז נישט פאַראַן קיין צווייטס אַזאַ שטיפערישס אַזאַ וויציקס, מיט אַלע חנען פון באַהאַלטענע מיינען און אָנצוהערענישן. אמת איז, אַז אין זיין זאַמלונג זענען פאַראַן אַ סך שיינע לידער, ערנסטע און פריילעכע, אָבער דאָס ליד פון ר׳ שלמה פון פּראָג איז „איין שעלם מיט חן״. אַזאַ „שעלם״ גלוסט זיך אַ גלעט צו טון איבערן קעפּל פאַר ליבשאַפט און נישט אַ צי־טון פאַרן אויער, ווי דעם אויסגעלאַסענעם ליד פון אייזיק קיטל.

שלמה זינגער האָט געשמייכלט גליקלעך, ווי אַ קינד. די לויב־ווערטער פון זיין פריינט האָט ער געטרונקען ווי גוטן אַלטן בור־גונדער־וויין. מיט ליבשאַפט האָט ער געקוקט אויף דעם אַלטן פּרנס מיט די תמימותדיקע, שוואַרצע אויגן.

„דאָס ביר איז צו ענד״— האָט ער אַ זאָג געטון, סתם אַזוי, כדי עפּעס צו זאָגן. ר׳ אייזיק אָבער האָט עס אויפגענומען ווי אַן אָנצוהערעניש און נאָכאַמאָל האָט זיין פּלוניתטע פריידכען געמוזט אַריבערוואַנדערן אַנטקעגנאיבער „צום גאָלדענעם שילד״, כדי אָנצו־פילן די קאַן מיט ביר.

טרינקענדיק די צווייטע פּאַרציע ביר האָבן ביידע געשוויגן, פריידכען האָט זיך געפּאָרעט אין אַלקער. שלמה זינגער האָט גע־טראַכט, אַז ס׳איז גוט, וואָס אָט דער דאָזיקער אייזיק וואָליך פאַר־שרייבט אַלע לידער. ער, למשל, האָט ביז צום הייַנטיקן טאָג קיין איין זאַך זיינע נישט פאַרשריבן, און אַנדערע „נאַרן״ מסתמא אויך נישט. ס׳איז נישט דער שטייגער פון די „לוסטיקע פריילעכע יידן״ צו פאַרשרייבן. זייער שטייגער איז צו זינגען.

אייזיק וואָליך פון זיין זייט האָט זיך געיִשובט: יאָ צי ניין? פרעגן אים צי נישט־פרעגן מבינות אויף דעם אייגענעם ליד, וואָס ער האָט אָנגעשריבן? אָט, אָט האָט ער שוין געוואָלט ארויס מיט לשון, נאָר די ווערטער האָבן זיך פאַרהאַלטן צווישן די ציין.

שלמה זינגער האָט דערפילט, אַז אייזיק וואָליך שלאָגט זיך עפּעס מיט דער דעה. ווייל אים עפּעס זאָגן און זאָגט אים נישט. ער האָט אויף אים אַ קוק־געטון מיט זיינע ממזרישע קלוגע אויגן און געזאָגט:

„איך זע איר ווילט מיר עפּעס זאָגן, נון בין איך גרייט צו הערן. מרת פריידכען איז אין אַלקער, זי וועט אונז וואָהל נישט שטערן".

און אייזיק וואָליך האָט אים דערציילט, ווי אַזוי אַ פּאָר אָרעמע בחורים האָבן זיך צו אים געווענדט: „עס גייט דער פריילעך יום־טוב פּורים. נון מעכטן מיר האָבן איין פּורים ליד". אַזוי איז שוין דער שטייגער אין ק"ק ווירמייזן, פּונקט ווי אין אַנדערע יידישע קהלות, אַלס אין בעמען און אין פּוילן. אָרעמע בחורים גייען פּורים־צייט איבער די יידישע הייזער, זינגען פריילעכע לידער און מען גיט זיי עסן און טרינקען און עטוואָס געלט.

ער האָט געוואָלט זיי געבן דאָס שיין פּורים־ליד פון יוסף בן־בנימין, וואָס ער האָט פאַרשריבן צווישן זיינע אַנדערע לידער. זיי האָבן אָבער געזאָגט, אַז דאָס ליד איז שוין יעדערן באַקאַנט אין גאַנצן ווירמייזא־קאַנט. „נון — פאַרענדיקט אייזיק וואָליך — האָב איך איין ניי פּורים־ליד געשריבן".

און נישט לאַנג געטראַכט האָט ער אָנגעהויבן צו זינגען דאָס פּורים־ליד:

„פּומיי, איר ליבן געזעלן,
גאָט געב אייך איין גוט פּורים,
איך קום דעריין מיט מיינע שעלן,
וועגן דעם קיניגם בחורים".

שלמה זינגער האָט זיך איינגעהערט מיט צוגעמאַכטע אויגן, גאָר באַזונדערס איז אים דאָס ליד נישט געפעלן געוואָרן, אָבער אַן איבעררעאַשונג איז עס פּאָרט. אָט דער פּרנס פון וואָרמס איז נישט נאָר אַ זאַמלער, נאָר ער שרייבט אויך אייגענע לידער. טשעקאַווע — האָט ער געטראַכט און געגלעט מיט דער האַנט די שוואַרצע, עטוואָס באַזילבערטע באָרד.

אז אייזיק וואָליך האָט געענדיקט זינגען האָט שלמה זינגער באַמערקט:

,,דאָס פּורים־ליד איז וואָהל געראָטן, די בחורים וועלן קריגן איין פּעטן בראָטן און דאַצו פּיל המן־טאַשן און פּירניס־וויין צוויי פלאַשן".

אייזיק וואָליך האָט זיך נישט געלאָזט קיין סך בעטן און אים געזונגען נאָך אַ ליד ,,פון תהילים" און ער וואָלט נאָך געלייענט און געזונגען, ווער ווייסט וויפל, ווען מען וואָלט נישט געהערט פונדרויסן אַ יאָמערלעך געוויין און דאָס קלינגען פון די צדקה תציל ממות־פּושקעס.

,,מען שטאַרבט אלהי, אָלס אנדערשוואו" — האָט אַ ברום־געטון שלמה זינגער. ,,דער טויט פינדט איבעראַל זיין קרבן, נון מעכט איך אָבער וויסן, ווער עס איז געשטאָרבן?"

זיי זענען ביידע ארויסגעגאַנגען פון שטוב און נאָכגעגאַנגען דער לויה.

די לויה האָט זיך געשלעפּט איבער די ענגע פאַרדרייטע וואָרמ־סער געטאָ־געסלעך. יידן און ווייבער זענען נאָכגעגאַנגען און געזאָגט שבחים פאַר דעם געשטאָרבענעם.

אייזיק וואָליך האָט דערציילט זיין גאַסט ווער דער געשטאָרבענער איז געווען. איין פרומער גאָטספאַרכטיקער מאַן משה בן אלחנן לאַנ־קום. ,,ער האָט פיל לייד געליטן", פאַר זיין טיר האָט מען, עס גע־פונען דאָס טויטע קריסטלעכע ייִנגעלע, פאַר פינף יאָר פּסח־צייט איז דאָס געווען, מען האָט אים געפּייניקט און צום סוף פאַראור־טיילט ,,צום שטראַנג". דורך אַ נס און פיל ממון איז ער ניצול גע־וואָרן, דער רוצח האָט זיך איינעם טאָגס געטאָן באַזוויזן און זיין צונג האָט אלצדינג אויסגעפּלוידערט.

אַ שאַרף געוויין האָט זיך דורכגעשניטן דורכן עולם, וואָס האָט באַגלייט די לויה.

,,דאָס איז רויזליין, די טאָכטער פון דעם געשטאָרבענעם" — האָט אייזיק וואָליך אויפגעקלערט זיין גאַסט — ,,פאַר צוויי יאָרן איז איר חתונה געוועזן. די חתונה האָט געדויערט אַכט טאָג. צוויי קאַפּעליעס האָבן געשפּילט, דען דיזער משה בן אלחנן לאַנקום וואַר

איין פארמעגלעכער מאן. אויף איר חתונה האט לייב קוטנים געזונגען זיינע שיינע כלה־לידער — איך האב זיי פארשריבן אין מיין העפט".

ער איז אנטשוויגן געווארן. געגאנגען פארטראכט נעבן זיין פריינט. אין דמיון האט ער געזען די חתונה, די כלה אין איר חופה־שלייער, געהערט ווי לייב קוטנים זינגט זיינע צנועהדיקע כלה־לידער.

„איך עפן מיין מונד מיט זיסעם געזאנג
דעם חתן צו ער, דער כלה צו דאנק,
איך וויל עס אויך נישט מאכן לאנג.
גינגאלד טוט זיך פארבלייכן,
וואל פיר דער כלה צארט
זי איזט זא ציכטיגלייכן"...

דאס חתונה־בילד אין דמיון און דאס לויה־בילד אויף דער וואר, האבן דעם גוטן, פרומען פרנס צעדרודערט. ער האט דערפילט שארף און ווייטאגלעך די פארגענגלעכקייט פון אלץ, און אט דאס נאגנדיקע געפיל האט ער מיטגענומען מיט זיך אהיים, ס'האט נישט געוואלט אפטרעטן. דער ווייסער כלה־שלייער און דאס שווארצע טהרה־טוך האט געפלאטערט אין זיין חלום. דער פריילעכער ניגון פון ר' לייב קוטנים כלה־ליד האט זיך צונויפגעפלאנטערט מיטן קדיש־ניגון, וואס איז געפאלן ווי אש אויפן קבר פונם ווארמסער בית־עולם.

ער איז געלעגן מיט אפענע אויגן און געפילט, ווי דאס נאגנדיקע געפיל ווערט וואָרט און דאס וואָרט ווערט ליד. קודם אומקלאר, דערנאך קלארער, קלארער, און אט:

„אך עדלהייט, אך עדלהייט,
עס איז דאך נישט קיין עדלהייט,
וואס איז דא אויף דער ערדן.
אלצדינג פארגייט זא שנעל, גלייך,
וויר אדמס קינדער, ארעם און רייך,
מוזן אלע צו אשן ווערדן".

און סטראָף נאָך סטראָף. בילד אויף בילד. דער צער און די וויזיע פון דער פאַרגענגלעכקייט. דער טויט ער גייט אונז נאָך, ער שלייכט זיך ווי א שלאַנג. „ער האָט נישט קיין דערבאַרמען, זיין אורטייל איז שטרענג און האָט נישט קיין גענאָד, איינעם פריער דעם צווייטן שפּעטער, דעם רייכן אַלס דעם אָרמען"...

„ווּ זענען די הערן און פירשטן אַל,
קיניג, קייזער, פּאַפּסט און קאַרדינאַל,
וואָס זענען געווען פאַר הונדערט יאָרן?
איר נאָמען וואַר אַלן וואָהל באַקאַנט,
זי מוזטן אין איין אַנדער לאַנד,
דאָ זיין זי הינגעפאַרן".

ווען די מאָרגן-בלויקייט האָט געדעמערט, איז אייזיק וואַליך אַנטשלאָפן געוואָרן. זיין צער איז געוואָרן ליד. ער האָט שטיל געאָטעמט. דער ערשטער און לעצטער פּרנס, וואָס האָט עפּעס אויפגעטוּן פאַר דער יידישער ליטעראַטור, ער איז געשלאָפן און נישט געאַנט, דער זאַמלער און דיכטער, אייזיק וואַליך, אַז ער האָט זיך באַהעפט מיט קומענדיקע דורות...

געלע

דער דרוקער משה בן אברהם איז געזעסן מיט זיין ווייב און זיי־נע צוויי טעכטער ביים טיש. די שבתדיקע מאכלים האָבן געהאַט אַלע טעמים. זיין ווייב פריידע איז אַ בריה פון שטענדיק, נאָר דאָס מאָל איז עס איר „גאָר ווויל געראָטן".

בשעת ר׳ משה האָט געבענטשט מזומן, האָט מרת פריידכען אָפּגערוימט פונם טיש. אַ פליג האָט געזשומעט אויף דער שויב. די עלטערע טאָכטער עלאַ איז אַוועק צו אירע חברטאָרינס און תיכף נאָך איר, נאָכדעם ווי זי איז פאַרטיק געוואָרן מיטן אויפ־רוימען, איז אויך מרת פריידכען אַוועק צו אַ שכנה און פאַר־פירט מיט איר אַ שמועס וועגן ווייבערישע ענינים.

די אַנדערע טאָכטער, געלע, „אַ בתולה עטוואָס אונטער צוועלף יאָרן", האָט ארויסגענומען פון ספרים־אַלמער אַ חומש אויף טייטש, זיך אוועקגעזעצט ביים פענסטער און גענומען לייענען.

ר׳ משה האָט ארומגעשפּרייזט איבער דער שטוב אהין און צוריק. פון צייט צו צייט איז ער שטיין געבליבן און מיט ליבשאַפט אַ קוק געטון אויף זיין טאָכטער געלע, וואָס איז געזעסן ביים פענסטער און געלייענט אין טייטש־חומש, ווי אַזוי גאָט האָט באַ־שאַפן די וועלט אין איינע זעקס טעג און דעם זיבעטן האָט ער גערוט און אים, דעם זיבעטן, דעם מוזיניקל פון די טעג, האָט ער אַ נאָמען געגעבן: שבת.

ער האָט געוואָלט צוגיין צו איר, געבן איר אַ גלעט איבערן בלאָנדן קאָפּ, נאָר ער האָט זיך מישב געווען: ניין, ער וועט איר נישט שטערן. זאָל די קליינע לייענען און זיך חידושן, ווי אַזוי ס׳איז פונם תוהו־ובוהו געבוירן געוואָרן די וועלט. ווי אַזוי דער אַלמעכטיקער האָט געטון אָפּטיילן די געוויסערן פון דער יבשה, ווי אַזוי ער האָט פון שטויב געטון באַשאַפן דעם מענטש און אין אים אַריינגעבלאָזן זיין געטלעכן אָטעם.

ער האָט דערפילט אַ מידקייט. צייט צו כאַפּן אַ דרימל — האָט ער געטראַכט. אַ גאַנצע וואָך אַרבעט ער שווער, ער צוזאַמען מיט זיינע טעכטער. די פּרנסה קומט אים אָן שווער. קוים, קוים, וואָס מען שטופּט אַדורך די וואָך. דעם איינציקן טאָג שבת, גלייכט ער אַביסל אויס די ביינער.

די פליג האָט נאָך אַלץ געזשומעט אויף דער שויב, געוואַלט, ווייזט אויס, אַרויס אין דרויסן אַרויס און נישט געקענט. אַ פּאַר־מאַטערטע איז זי געבליבן ליגן און אַ צווייטע פליג האָט פאַרנומען איר אָרט.

די קליינע געלע איז געזעסן ביים פענסטער און געליינט אויף אַ קול:

„דעם אָנהויב האָט גאָט באַשאַפן דעם הימל און די ערד און די ערד איז געווען וויסט און ליער און די פינסטערניש אויף דעם אָפּגרונד און די נבואה פון גאָט שוועבעטע איבער די וואַסערן און גאָט שפּראַך עס זאָל ליכט זיין און עס וואַר ליכט און גאָט זאָך דאָס ליכט דאָס עס גוט וואַר און גאָט מאַכט אַן אונטערשייד צווישן דעם ליכט און דער פינסטערניש".

ר' משה בן אַברהם איז געזעסן אויף זיין געלעגער און צו־געקוקט זיך צום זון־פלעק, וואָס האָט געציטערט אויף דער וואַנט, ווי אַ גילדענע שפּין.

דאָס שעפּטשען פון זיין טאָכטער געלע איבערן טייטש־חומש און דאָס זשומען פון דער פליג איבער דער שויב האָבן אים נאָך מידער געמאַכט, ער האָט צוגעמאַכט די אויגן און אין זיין דמיון האָבן אויפגעלעבט שוין לאַנג פאַרשוווּנדענע בילדער.

אָט איז ניקלסבורג, זיין היימשטאָט, אָט איז דאָס ראָטהויז, און אָט די מאַריען־קירך. ס'איז זונטאָג. די קלויסטער־גלאָקן קלינ־גען, רופן די פרומע קריסטן אין קלויסטער אַריין צום געבעט. אָט גייט זיין טאַטע, דער שמיד יאָהאַן, מיט ערנסטע, געמאָסטענע טריט. די מאַמע, די שטילע, פרומע באַרבאַראַ, פירט אים. דעם קליינעם געאָרג, ביי דער האַנט, ס'איז זונטאָג. אַלץ איז אַזוי פייַ־ערלעך און גאָטספאַרכטיק. די גלעקער קלינגען, און די פייגל פלאַ־טערן אין זון־ליכט אַרום צלם פון דער מאַריען־קירך.

דאָס בילד צערינט, ווערט נישט. אַ צוווייטס ווערט בולט. ער איז שוין אַ דערוואַקסענער, לערנט דאָס דרוקער־פאַך. די שטילע, פרומע מאַמע איז שוין נישטאָ. אויף איר קבר שטייט אַ הילצערנער צלם. דער טאַטע פאַרברענגט די נעכט אין ווירטס־הויז. נאָר זונ־טאָג און חגא פאַרפעלט ער נישט צו גיין אין קלויסטער. ער, דער דרוקער־געזעלן, חברט זיך מיט זיינס גלייכן. און פון צייט צו צייט מאַכט מען אַ העץ אויף יידן, דער עיקר אין די זונטאָגס, ווען מען אַרבעט נישט. די אָנפאַלן אויף יידן מאַכן דער חברה שפּאַס. די דערשראָקענע בערד פון די, וואָס האָבן געקרייציקט דעם דערלייזער, בעטן זיך ממש מען זאָל זיי פאַרטשעפּען.

ער דערמאָנט זיך אַ זומער־פאַרנאַכט אין ניקלסבורג. ער, דער דרוקער־געזעלן, גייט אַהיים פון דער אַרבעט. אין אַ געסל נאָענט פאַרן געטאָ־טויער שטויסט ער זיך צונויף מיט אַן אַלטן, גרייז־גראָען ייד. ער וויל דעם ייד פאַרטשעפּען, דער ייד בלייבט שטיין, קוקט אים גלייך אין די אויגן אַריין, און די האַנט הויבט זיך עפּעס דאָסמאָל נישט אויף. דער ייד קוקט אויף אים מיט זיינע קלוגע שוואַרצע אויגן און אַ פאַרשעמטער טראָגט ער זיך אָפּ אַהיים.

שפּעטער, ווען ער איז געקומען צום רב פון ניקלסבורג זיך מגייר זיין, האָט ער דערקענט דעם ייד, וואָס ער האָט דענצמאָל פאַרטשעפּעט פאַרן געטאָ־טויער.

ביי אים, ביי דעם זעלבן רב, האָט ער געלערנט אַ שטיקל צייט יידישקייט און מיט דעם נייעם נאָמען משה בן אברהם אבינו איז ער אוועק קיין האַללע, חתונה געהאַט און געעפנט אַ יידישע דרו־קעריי. —

ר׳ משה איז אַנטשלאָפן געוואָרן. געלע איז נאָך אַלץ גע־זעסן ביים פענסטער און אַריינגעקוקט אין טייטש־חומש. זי איז ביז איצט געוועזן אַן עדות, ווי די וועלט איז באַשאַפן געוואָרן, ווי מען האָט געבויט דעם טורעם פון בבל, ווי נח האָט אויסגעמיים־טרעוועט די תיבה און איז ניצול געוואָרן פון דעם מבול, וואָס האָט פאַרגאָסן די ערד.

איצט לייענט זי, ווי אברהם פירט זיין זון יצחקן צו דער

עקידה. דער אויבערשטער וויל, אַז אברהם זאָל אים פּרעננגען זיין איינציקן זון פאַר אַ קרבן, און כאָטש געלע ווייסט, אַז אין דער לעצטער רגע וועט זיך באַווייזן דער מלאך און נישט דערלאָזן צו דער רציחה, פונדעסטוועגן קלאַפּט איר דאָס הארץ — טוק, טוק, טוק...

אינדרויסן האָבן זיך געשפּילט קינדער. אויף די שוועלן זענען געזעסן ווייבער און באַלאַקעט. אין מערב־זייט האָט זיך געזעצט די זון.

דער פאָטער האָט זיך איבערגעוועקט. שוין שפּעט — האָט ער אַ טראַכט געטון — מען דאַרף שוין דאַווענען מנחה.

ער האָט זיך אָנגעטון, געוואַשן די הענט, און זיך געלאָזט גיין אין שול אַריין.

דורכן פענסטער האָט געלע געזען, ווי יידן איילן זיך אין שול אַריין. זי האָט געפילט, ווי דער שבת געזעגנט זיך שוין. גייט אַוועק. מאָרגן וועט זי צוזאַמען מיטן טאַטן און דער עלטערער שוועסטער ווידער אַרבעטן אין דער דרוקעריי, העלפן אויסזעצן דעם סידור, וואָס דער פאָטער האָט איבערגעזעצט אויף טייטש פאַר ווייבער און מיידלעך. אַ גאַנצע וואָך וועט מען מוזן וואַרטן ביז ס'וועט נאָך אַמאָל זיין שבת און זי וועט ווידער אַמאָל קאָנען לייענען דעם חומש, אַזוי ווי היינט, אַזוי ווי פאַראַכטאָגן, ווי יעדן שבת.

די זון האָט געהאַלטן ביים פאַרגיין. אירע לעצטע שטראַלן האָבן זיך געזעגנט מיט דער יידן־גאַס, געפינקלט אין די פענסטער און אַ רגע לענגער זיך פאַרהאַלטן און געציטערט אויפן דאַך פון דער גרויסער שול, איידער זי איז געגאַנגען אין איר רו אַריין.

געלען האָט זיך אויסגעדוכט, אַז זי זעט ווי די מלכה־שבת ווינקט צו איר, געזעגנט זיך מיט איר, זאָגט איר עפּעס און זי פאַרשטייט יעדעס וואָרט: אין איין וואָך אַרום וועל איך ווידער זיין דאָ הי, איין טרייסט פאַר די, וואָס טוען אַרבעטן שווער, מיט מי.

און דער שבת איז אַוועק. איבערגעלאָזט אַ קלעמונג אין האַרץ ביי געלע, דער טאָכטער פון דעם דרוקער משה בן אברהם אבינו.

דאָס צוועלף־יאָריקע מיידל איז געווען אַזוי פאַרטראַכט, אַז

זי האָט אפילו נישט געהערט, ווען די מאַמע איז אריינגעקומען. אין שטוב איז געווען טונקל. די מאַמע האָט געזאָגט „גאָט פון אברהם" און געלע האָט שטילערהייט נאָכגעזאָגט. די מאַמע האָט ארומגעשוועבט איבער דער שטוב, פרום געשעפּטשעט און איר שעפּטשען האָט זיך צונויפגעוועבט מיט דער טונקלקייט פון צימער.

עלאַ, די עלטערע שוועסטער איז אריינגעקומען. שטילערהייט האָט זי צוגעמאַכט די טיר און זיך אוועקגעזעצט אין אַ ווינקל.

מרת פריידע איז צוגעגאַנגען צום פענסטער,ביידע טעכטער האָבן זיך אוועקגעשטעלט נעבן איר, זיי האָבן געוואַרט אויפן ערשטן שטערן.

די צוויי שוועסטער האָבן זיך שטילערהייט געשושקעט, די עלטערע האָט דערציילט דער יינגערער, ווי אזוי זי האָט פאַרבראַכט דעם שבת נאָכמיטאָג. דורכן פענסטער האָט מען נאָך געזען, ווי אַ קאַץ דראַפּעט זיך אַקעגנאַנדער אויף אַ מויער. דערנאָך איז געוואָרן אינגאַנצן טונקל.

אויפן הימל האָט אַ פינקל געטון אַ שטערן. פריידע האָט אָנגעצונדן אַ ליכט און הויך אַ זאָג־געטון:

„אַ גוט וואָך, קינדער!"

די טעכטער האָבן אָפּגעענטפערט ביידע מיטאַמאָל:

„אַ גוט וואָך, אַ מזלדיקע וואָך".

ר' משה איז אהיימגעקומען, געמאַכט הבדלה. מען האָט אָפּגעגעסן וועטשערע און זיך געלייגט שלאָפן.

דאָס הייסט געלייגט שלאָפן האָבן זיך נאָר פריידע און די ביידע טעכטער. ר' משה איז געבליבן זיצן ביים טיש. פאַר אים איז געלעגן אַ בלאַט פּאַפּיר. ער האָט געקנייטשט דעם שטערן, געטראַכט, געטראַכט און עפּעס אָנגעשריבן. ס'וויזט אָבער אויס, אַז דאָס, וואָס ער האָט אָנגעשריבן, איז אים נישט געפעלן געוואָרן, וואָרום ער האָט עס תיכף אויסגעמעקט.

געלע איז געלעגן אין בעט, זי איז נאָך נישט געשלאָפן. זי האָט זיך צוגעקוקט צום פאָטער, געזען ווי ער שרייבט אַלץ און

מעקט. און צום סוף טוט ער א מאַך מיט דער האַנט. ער טוט זיך אויס און לייגט זיך שלאָפן.

קוים איז דער פאָטער אַנטשלאָפן געוואָרן, איז געלע שטיל אַרויסגעשפּרונגען פון בעט. זי האָט אַ קוק געטון אויפן פּאַפּיר, וואָס איז געבליבן ליגן אויפן טיש. זי האָט איבערגעלייענט די פּאָר שורות, וואָס דער פאָטער האָט אָנגעשריבן און לייכט דורכגע־שטראָכן און האָט תיכף פאַרשטאַנען.

דער סידור אויף עברי־טייטש, וואָס איר פאָטער האָט איבער־געזעצט, איז שוין כמעט אין גאַנצן אָפּגעדרוקט. ער אַליין, ר׳ משה בן אברהם אבינו, מיט זיינע ביידע טעכטער, זענען געווען די זעצער. איצט פעלט נאָך איין זאַך: אַ געגראַמט פאָרוואָרט, אָדער אַ נאָכוואָרט, ווי ס׳איז דער שטייגער פון אַלע מחברים, וואָס גיבן אַרויס אַזוינע נוצלעכע ספרים פאַרן פּראָסטן פאָלק.

געלע פאַרשטייט איצט, פאַרוואָס דער פאָטער פלעגט די לעצ־טע כעג אָפּט זיצן ביז שפּעט ביינאַכט און קריצן מיט דער גענזע־נער פעדער אויפן פּאַפּיר. דאָס האָט ער אַליין געפּרוווט מאַכן די גראַמען און ווייזט אויס, עס איז אים נישט געגאַנגען, די גראַמען זענען אים נישט געראָטן.

זי האָט אַ קוק־געטון אויפן פאָטער מיט ליבשאַפט און רחמנות. זי האָט פאַרלאָשן דאָס ליכט און איז צוריק אַריינגעקראָכן אין בעט. שטיל, אַז קיינער זאָל נישט הערן.

אָבער אַנטשלאָפן ווערן האָט זי נישט געקאָנט. זי איז געלעגן מיט אָפענע אויגן און זיך צוגעקוקט צום שאָטן־שפּיל אויף די ווענט.

דער נאַכט־וועכטער אין דרויסן האָט געבלאָזן אין זיין האָרן. צוויים געטון, אַז ס׳איז שוין ווייט נאָך מיטן־נאַכט, אָבער געלע איז נאָך אַלץ נישט געשלאָפן. זי האָט געקלערט און געקלערט, גע־זוכט גראַמען, וואָס זאָלן זיך פּאַסן פאַר אַ נאָכוואָרט צו איר פאָטערס סידור.

געלע איז אַראָפּגעשפּרונגען פון איר געלעגער, געכאַפּט אויף זיך דאָס קלייד און די שיך, גענומען דאָס ליכט, וואָס איז געשטאַ־

נען אויפן טיש, אויסגעזוכט דעם שליסל צו דער דרוקעריי און שטיל אויף די שפיץ פינגער, איז זי ארויסגעגאנגען.

די זעצעריי איז געווען אין דעם זעלבן הויז. זי האט געעפנט די טיר. אריינגעגאנגען, אנגעצונדן דאס ליכט און ביים שיין פונם ליכט האט זי געקליבן די אותיות, געשטעלט אות נעבן אות, ווארט נעבן ווארט און די גראמען זענען דאסמאל געקומען ווי פון זיך אליין:

דיזע שיינע נייע תפילה פון אנפאנג ביז צו ענד,
האב איך געזעצט אלע אותיות מיט מיינע אייגענע הענט.
געלע בת הר"ר משה המדפיס
ואמי מרת פריידה בת הר"ר ישראל כ"ץ ז"ל.
זי האט מיך צווישן צען קינדער געבארן,
איך בין איין בתולה נאך עטוואס אונטער צוועלף יארן.

און ווייטער: ס'זאל אייך נישט חידושן, וואס איך מוז ארבעטן. די שכינה איז אין גלות פון לאנגע צייטן. „איין יאר גייט אוועק און דאס אנדערע טוט קומען און מיר האבן נאך פון קיין גאולה נישט פארנומען".

און פארענדיקט האט זי דיזע שיינע תפילה מיט א ווענדונג צו די קויפערס:

אהובי רבותי, קויפט די תפילה פאר איין גרינג געלט,
דען מיר האבן זונסטן קיין אנדערע מחיה אין דער וועלט.

א סנאפ זונשטראלן האט זיך אריינגעריסן דורכן פענסטער. געלע איז געשטאנען איבער איר פארענדיקטער תפילה מיט א צו־פרידענעם שמייכל. און אט אזוי איז זי פארבליבן אין זכרון פון דער יידישער ליטעראטור — די בתולה עטוואס אונטער צוועלף יארן, וואס האט די שיינע תפילה געזעצט מיט די אייגענע הענט.

איציק אייכל

אין א שיינעם יוני־נאָכמיטאָג איז איציק אייכל, דער באַרימ־טער בערלינער משכיל פון דער בערלינער אויפקלערונגס־באַווע־גונג, אַרויסגעגאַנגען פון זיין וווינונג. ער האָט פאַרשלאָסן די טיר און זיך געלאָזט גיין מיט געמאָסטענע טריט איבער די מיט זון פאַרגאָסענע בערלינער גאַסן.

אונטערן אָרעם האָט ער געטראָגן א דיקן העפט. דעם מאַנוסקריפּט פון זיין קאָמעדיע „ר׳ הענעך, אָדער וואָס טוט מען דאַמיט". א גאַנצן פרימאָרגן האָט ער געאַרבעט איבער די לעצטע עטלעכע סצענעס פון דער קאָמעדיע. און כאָטש ער האָט זי גע־שריבן אין א שפּראַך פון וועלכער ער האַלט נישט — נעמלעך אין דעם קוידערוועלש, וואָס די דייטשע יידן רעדן — פונדעסטוועגן איז ער טשעקאַווע, וואָס זיין פריינט אהרן האַללע וואָלפסאָן וועט דערויף זאָגן.

ער שטעלט זיך פאָר, ס׳אַרא גרויסע אויגן זיין פריינט וועט מאַכן, ווען ער וועט אים פאָרלייענען זיין קאָמעדיע אין יידן־דייטש, ער ר׳ איציק אייכל, איינער פון די הויפּט־מיטאַרבעטער פון דעם העברעאישן השכלה־אָרגאַן „המאסף", וואָס האָט גע־קעמפט פאַר דער אויפלעבונג פון העברעאיש צווישן די דייטשע יידן. ער האָט דאָס אָראָפּגענידערט צום פאַראַכטן און פאַרהאַסטן „זשאַרגאָן" און אין דער דאָזיקער שפּראַך האָט ער עס אָנגעשריבן זיין קאָמעדיע!

איציק אייכל פילט, אז אויב זיין פריינט וועט צו אים האָבן טענות, וועט ער זיין בפירוש גערעכט, אָבער ער, איציק אייכל, האָט אַנדערש נישט געקענט. שרייבן די קאָמעדיע אין העברעאיש — פאַרשטייען לײדער די דייטשע יידן וואָס אַמאָל אַלץ ווײניקער די דאָזיקע שפּראַך. שרייבן זי אין דייטש, אין ריינעם ליטעראַרישן דייטש, איז אים געווען א בושה פאַר די דייטשן אויפצודעקן דעם

גאַנצן עיפּוש פונם יידישן לעבן. די אָפּגעשטאַנענקייט פון איין זייט און די פּסיידאָ־בילדונג פון דער צווייטער זייט. ניין, אין די דאָזיקע צוויי שפּראַכן האָט ער נישט געקענט און נישט געטאָרט שרייבן זיין קאָמעדיע. ער האָט זי געמוזט שרייבן אין יידיש, אַנטקעגן זיין ווילן אפילו, אויב ער האָט געוואָלט דערגרייכן זיין ציל. ברייטע שיכטן פון די דייטשע יידן זאָלן אריינקוקן אין דער קאָמעדיע, ווי אין אַ שפּיגל און דערזען דאָרט זייער אייגענע לעכער־לעכקייט, זייער אָפּגעשטאַנענקייט. די אַלע ר' הענעכס, וואָס פירן דאָס רעדל אין קהל, מוזן אָפּטרעטן. זיי זענען נישט ראוי מער צו זיין די וועג־ווייזער פון די דייטשע יידן. זייער פּאַרעקשנט האַלטן זיך ביי אַ פאַרגליווערטן אָפּגעשטאַנענעם לעבנס־שטייגער איז אַ שטער, אַ שטיין אין וועג דעם קאַמף פאַר דער יידישער גלייכבאַרעכ־טיקונג, וואָס זיי, די אויפקלערער, ווילן דערגרייכן און קעמפן פאַר איר שוין זינט יאָרן. אויף זייער זייט שטייען אַ סך פון די גע־בילדעטע דייטשן. צווישן זיי איז געווען דער נישט לאַנג פאַר־שטאָרבענער גרויסער לעסינג, דער פריינט און פּראָטעקטאָר פון משה מענדעלסאָן, דעם פירער פון דער יידישער אויפקלערונג־באַוועגונג.

און נישט נאָר די אָפּגעשטאַנענע אַלט־פרענקישע ר' הענעכס וועלן אין דער קאָמעדיע דערזען זייערע לעכערלעכע מאַסקעס, נאָר אַפילו זיי, די פּסיידאָ־אויפגעקלערטע, די טעכטער פון די ר' הע־נעכס, וואָס האָבן אויפגעכאַפּט נאָר דעם שיין פון די לאָזונגען און זיך אַוועקגעלאָזט אויף גליטשיקע וועגן. פּלאַטערן ארום די „פאָן"־טיטלען פון דייטשע אַדל־לייט, וואָס מאַכן זיך פון זיי, פון די לייכטזיניקע יידישע מיידלעך, בלויז אַ שפּילעכל. אמת איז, אַז די אויפקלערונגס־באַוועגונג האָט אויפגעטון אַ סך. אין די פאַר־מעגלעכע יידישן קרייזן האָט זי געפונען אַ שטאַרקן אָפּקלאַנג, כאָטש די גרויסע שמד־באַוועגונג, וואָס האָט ארומגעכאַפּט די דאָ־זיקע שיכטן, איז די אויפקלערער נישט צום הארצן. נישט דאָס האָבן זיי געוואָלט, נישט די אָפּפרעמדונג פונם אייגענעם פאָלק, נאָר אַ גרינדלעכע איבעראַנדערשונג פון אינעווייניק און די גלייכ־באַרעכטיקונג מיט די אַנדערע בירגער פון דרויסן.

נאָר די כּוחות, וואָס זיי האָבן באַשווירן און געהאָלפן אַרויס־רופן — טראַכט איציק אייכל מיט ביטערקייט — זענען שטאַרקער און גייען אונז איבער די קעפּ אַריבער. וואָס דאַרף מען מער — אָט תּיכּף נאָכן טויט פון משה מענדעלסאָן, האָט די אייגענע טאָכטער פון דעם פילאָזאָף און אויפקלערער, דאָראָטעא, זיין געגט מיטן מאַן, דעם סוחר פייט, זיך געשמדט און חתונה געהאַט מיט דעם דיכטער, דעם פירער פון דער דייטשער ראָמאַנטיק פרידריך שלעגל.

די הויכע פיגור פון איציק אייכל האָט זיך בעתן גיין עט־וואָס איינגעהויקערט און זיין שאָטן הינטער אים האָט נאָכגעמאַכט די באַוועגונג זיינע, פּונקט ווי עס איז דער שטייגער פון די הויף־נאַרן נאָכצומאַכן זייערע הארן און באַפעלער.

אייכל האָט זיך אָפּגעשטעלט נעבן אַ בוכהאַנדלונג: גוט, וואָס ער האָט זיך דערמאָנט. אַ פריינט פון קאָפּענהאַגן האָט אים דאָ נישט לאַנג געבעטן אין אַ בריוו, אַז ער זאָל פאַר אים קויפן אין בערלין מענדעלסאָנס „פעדאָן" און לעסינגס „לאַאָקאָן".

אייכל איז אַריינגעגאַנגען אין דעם בוך־געשעפט, געהייסן זיך געבן די צוויי ביכער און אין עטלעכע מינוט אַרום איז ער אַרויס־געגאַנגען און זיך געלאָזט ווייטער אין וועג אַריין צו זיין פריינט אהרן האַללע.

די נאָכמיטאָגדיקע יוני־זון האָט געבלענדט און געוואַרעמט. אייכל האָט אַ ווײַלע פאַרזשמורעט די אויגן. אַריינגעאָטעמט דאָס ווינטל, וואָס האָט פון ערגעץ־ווו מחיהדיק אַ בלאָז געטון און גע־טראַכט, אַז אַלצדינג איז גוט און שיין אויף דער וועלט, נאָר נישט אַלע פאַרשטייען צו געניסן און צום ווינציקסטן פון אַלע טאָקע, זיי — זיינע יידן.

אַ פאַרבייגייער האָט אים געגריסט און זיך אויף אַ ווײַלע אָפּגעשטעלט. אייכל האָט זיך געוואָלט דערמאָנען, פון וואַנען ער קען דעם דאָזיקן מענטש און מיט פאַרדראָס האָט ער פעסטגעשטעלט, אַז דער זכרון איז ביי אים היפּש אָפּגעשוואַכט געוואָרן. — דאָס פּנים איז מיר קענטיק ביז גאָר — האָט ער געטראַכט אין געדאַנק צו זיך אַליין — נאָר פונוואַנען.... פונוואַנען?...

ער האָט זיך דערמאָנט. פון קעניגסבערג! ריכטיק, ריכטיק, פון קעניגסבערג. איינער פון די יונגעלייט, וואָס פלעגן אָפט קומען צו זיין פריינט פרידלענדער. דער נאָמען קעניגסבערג גיט אים א שטאָך אין האַרץ. קעניגסבערג, די דאָזיקע שטאָט, ווו ער האָט פאַר־בראַכט אַזוי פיל יאָרן, איז פאַר אים איינע פון די גרעסטע אַנטוי־שונגען אין זיין לעבן. ער האָט קאַנדידירט אַלס דאָצענט פאַר העברעאיש אויף דעם דאָרטיקן אוניווערסיטעט. דער גרויסער פי־לאָזאָף עמאַנועל קאַנט האָט געשטיצט זיין קאַנדידאַטור, אָבער די פּרייסישע רעגירונג האָט זיין ווענדונג אָפּגעוואָרפן מיט דעם תירוץ, אַז אַזאַ אַמט קאָן פאַרנעמען נאָר אַ בירגער פון עוואַנגעלישן גלויבן.

אייכל האָט אַ פאַרביטערטער פאַרלאָזט קעניגסבערג און איז אַוועק קיין בערלין. דאָ, אין בערלין, האָט ער ווייטער געפּרוווט אַרויסגעבן דעם „המאסף" און דאָ, אין בערלין, האָט ער אָנגע־שריבן זיין קאָמעדיע „ר' הענעך", און די דאָזיקע קאָמעדיע גייט ער איצט לייענען זיין פריינט אהרן האַללע.

אייכל האָט זיך אָפּגעשטעלט. אַט אַזוי פאַמעלעך גייענדיק, איז ער צוגעקומען צו דער וווינונג פון זיין פריינט. ער איז אַרויפ־געגאַנגען די טרעפּ און אָנגעקלאַפּט אין טיר.

אהרן האַללע, אַ מיטלוווקסיקער, ברייטפּלייציקער ייד מיט גראָע אויגן האָט אַליין געעפנט די טיר, זיך האַרציק באַגריסט מיט זיין אַלטן פריינט און מיטקעמפער. אייכל האָט אַוועקגעלייגט די ביי־כער און דאָס העפט אויפן טיש און זיי האָבן זיך אַוועקגעזעצט איינער אַנטקעגן צווייטן און האָבן פאַרפירט אַ שמועס אויפן שטייגער פון נאָענטע און אינטימע פריינט.

זיי האָבן גערעדט וועגן די געשעענישן אין פראַנקרייך. די רעוואָלוציע האָט אַראָפּגעוואָרפן לודוויג דעם זעכצנטן פונם טראָן. זיין פּרווו צו אַנטלויפן האָט געשטייגערט דעם צאָרן פון פאָלק. איצט האַלט עס דערביי, אַז מען זאָל דעם בירגער לואי קאַפּעט משפּטן און ס'איז אַ סברה, אַז ס'וועט אים קאָסטן דעם קאָפּ. בערלין און אַנדערע דייטשע שטעט זענען פול מיט עמיגראַנטן, וואָס העצן צו אַ מלחמה מיט די יאַקאָבינער.

ביידע פריינט האָבן זיך פאַרטראַכט. דער שטורעם אין פראַנקרייך איז אַ גרויסער אָנזאָג. אַ וועלט, אַן אַלטע, אַ פאַרגליווערטע, גייט אונטער, און אַ יונגע, אַ נייע, שטייט אויף מיט דרייסטע לאָזונגען וועגן „פרייהייט, גלייכהייט, ברידערלעכקייט". די לאָזונגען גרייכן שוין ווייט איבער די גרענעצן פון פראַנקרייך. אַפילו אין דעם פאַרשטאַרטן, פעאָדאַלן פּרייסן חזרט מען זיי שטילערהייט איבער. דערווייל שטיל, אָבער ווער ווייסט, וואָס עס קאָן זיין שפּעטער.

דער חלום פון יידישער גלייכבאַרעכטיקונג, דער אַלטער חלום פון די יידישע אויפקלערער, האָט דאַסמאָל אַ ווונק געטון מיט ממשות און נישט, ווי ביז אַהער, מיט די פאַלשע פייערלעך פון אילוזיע, אָדער אוטאָפּיע.

ביידע פריינט האָבן אינסטינקטיוו אַ בליק געטון אויפן פאָרטרעט פון משה מענדעלסאָן, וואָס איז געהאָנגען אויף דער וואַנט.

אהרן וואָלפסאָן האָט גענומען אין דער האַנט אַריין דאָס העפט וואָס איז געלעגן אויפן טיש, איבערגעמישט אַ בלעטל און געלייענט:

רב הענעך
אָדער
וואָס טוט מען דאָמיט
קאָמעדיע אין 5 אַקטן פון איציק אייכל.

אייכל האָט ביי אים אַרויסגענומען דאָס העפט פון דער האַנט און אים דערציילט די סיבה, פאַרוואָס ער האָט אָנגעשריבן די קאָמעדיע אין יידיש. צו זיין גרויסער פאַרוווּנדערונג האָט אָבער וואָלפסאָן נישט אַרויסגערוקט קיין שום טענה, ווי ער האָט זיך עס פאָרגעשטעלט אויפן וועג, גייענדיק אַהער.

פאַרקערט, וואָלפסאָן האָט אַ גלעט געטון דאָס בערדל און נייגעריק אַ זאָג געטאָן:

„איך מעכטע דיזע קאָמעדיע קעננען לערנען, וואָלען זי זאָ פריינדליך זיין אונד זי מיר פאָרלעזען".

און אייכל האָט אָנגעהויבן לעזן. אהרן האַללע וואָלפסאָן איז געזעסן אַנטקעגנאיבער אים און זיך אויפמערקזאַם צוגעהערט.

און וואָלפסאָן האָט אין עטלעכע רגעס ארום דערפילט, דער־זען די געשטאַלטן פון דער קאָמעדיע. ווי לעבעדיקע זענען זיי געשטאַנען פאַר אים. דער שוץ־יודע הענעך און זיין גאַנץ הויז־געזינט. ער, אהרן האַללע וואָלפסאָן, וואָלט געקאָנט שווערן, אַז ווען ער וואָלט באַגעגנט דעם דאָזיקן ר׳ הענעך אויף דער גאַס, וואָלט ער אים תיכף דערקענט, אַזוי לעבעדיק האָט אים איציק אייכל אָפּגעמאָלן. און נישט נאָר אים, נאָר זיין ווייב גיטל, זיינע טעכטער עליזאַבעט (עלקע) און די נאַרישע העדוויג (האָדעס), וואָס פרעגט דעם לעכערלעכן סטודענט ברייטנבאַך (נישט לאַנג האָט דער כטודענט געהייסן לייבל באַהעלפער), נאָכדעם וואָס ער באַרימט זיך פאַר איר, אַז ער איז אַ קאַנטיאַנער — פון וואָס פאַר־קאַנט שטאַמט ער...

און נישט נאָר זיי. אַלע, אַלע געשטאַלטן פון דער קאָמע־דיע, אַפילו די שבת־פרוי, דער פראַנצויזישער עמיגראַנט דע קאַמפּ, דער ענגלישער באַנדאַזשיסט דזשאָן, דער צבועקישער שערער און דער מאַן פון דער עלטערער טאָכטער עליזאַבעט, מאַדל — אַלע געשטאַלטן לעבן, אָטעמען און וואָלפסאָן וואָלט אַפילו געקאָנט שווערן, אַז ער הערט יעדערן פון זיי רעדן מיט זיינע באַזונדערע העוויות, מיט זיין קנייטש.

נאָר די פּאָזיטיווע געשטאַלטן, די, וואָס זענען דער קעגנזאַץ פון דעם אַלטפרענקישן רב הענעך און זיינע פסידאָ־געבילדעטע טעכטער, זענען עפּעס פאַרנעפּלט, בלאַס, אַנעמיש. וואָלפסאָן פּרוּווט זיי זען און זעט זיי נישט, כאָטש ער האָלט מיט זיי: מיט דעם כטודענט מארקוס און מיט דעם פּראָווינץ־דעפּוטאַט נאַטאַן, די אויפגעקלערטע. פאַרוואָס — טראַכט וואָלפסאָן — זעט ער זיי נישט? שוין זשע דערפאַר, ווייל זיי זענען נישטאָ אין דער יידישער ווירקלעכקייט, נאָר אין דמיון פון די אויפקלערער?

איציק אייכל לייענט זיין קאָמעדיע. סצענע נאָך סצענע, אַקט נאָך אַקט. צו דעם אַלטפרענקישן ר׳ הענעך אין שטוב, דעם פירער פון כהל, דעם וואָס שטעלט זיך אַנטקעגן דער מינדסטער רעפאָרם־באַוועגונג אין יידישן לעבן — גנבענען זיך אריין די נייע אידייען דורך דער הינטער־טיר. אמת, אין אַ פאַרקריפּלטער פאָרם. האַלב

בילדונג, אַנשטאָט אמתער בילדונג. און אַלצדינג קערט זיך אי־בער מיטן קאָפּ אַראָפּ, מיט די פיס ארויף. ר׳ הענעך, וואָס מיינט, אַז ער האָט אָפּגעשלאָגן און פאַרזיכערט זיין היים פאַר די אַלע נייַ־מאָדישקייטן, בלייבט צום סוף פון דער קאָמעדיע שטיין אַ צעטומל־טער מיט דער פראַגע אויף די ליפּן: „וואָס טוט מען דאַמיט?"

אַז איציק אייכל האָט געענדיקט לייענען זיין קאָמעדיע, איז ער אַ ווײַלע געבליבן זיצן פאַרמאַטערט. אהרן וואָלפסאָן האָט געשוויגן. ביי אים אין דמיון האָט זיך אויך עפּעס אָנגעהויבן צו וועבן. אַ לוסט־שפּיל אויפן שטייגער פון איציק אייכלס קאָמעדיע. וואָס, ווער און ווי־אַזוי, ווייסט ער נאָך נישט אויף קלאָר, אָבער אַז די אָנרעגונג, וואָס ער האָט באַקומען פון זיין פריינטס קאָמעדיע, וועט נישט פאַרלוירן גיין, דאָס ווייסט ער אויף זיכער.

„איינע שעהנע אונד נוצליכע קאָמעדיע" — האָט ער אַ זאָג געטון — „זי האָבן רעכט מיט אירן מאָטאָ אוים האָראַץ: „ווער קאָן אונז פערביטען לעכלענד צו זאָגן די וואַרהייט".

די זון האָט געהאַלטן ביי פאַרגיין. ביידע פריינט זענען גע־זעסן פאַרטיפט אין זייערע מחשבות. פונדרויסן האָט זיך געהערט דאָס גערויש און דאָס גערודער פון דער פאַרנאַכטיקער אויפלעבונג פון דער גאַס. דאָס פאָרן פון די וואָגנס און וויאָקען פון די קוּ־טשערס.

אַ רויטער זונשטראַל האָט אַ רגע געציטערט אויף דער ערש־טער יידישער קאָמעדיע, וואָס איז געלעגן אויפן טיש. דער פּאָר־טרעט פון משה מענדעלסאָן אויף דער וואַנט האָט זיך אָנגעהויבן שאָטענען...

ד״ר שלמה עטינגער

(געווידמעט ד״ר מאַקס וויינרייך, דעם פאָרשער
און אַרויסגעבער פון ד״ר עטינגערס כתבים)

די יידענע האָט גערעדט און גערעדט. געמאָלן ווי א מיל. איידער זי האָט ארויסגעזאָגט איין וואָרט, זענען שוין צען אנדערע גע־פלויגן אויף צו פריער. דאָקטאָר עטינגער איז געזעסן, אנגעשפּאַרט מיט ביידע עלנבויגנס אין טיש און זיך צוגעהערט.

,,אז די כאָליערע האָט געזאָלט כאַפּן די כאָליערע, דאָקטער, איידער זי איז געבוירן געוואָרן אויף דער וועלט. וואָס האָט זי גע־וואָלט פון מיין איידעם, וואָס? אָט איז ער געווען פריש און געזונט, געהאָרעוועט און מפרנס געווען דאָס ווייב מיט די פינף קינדערלעך, האָט זיך באוויזן אין א שיינעם טאָג די כאָליערע און האָט אים אוועקגעלייגט אין איינע דריי טעג. איבערגעלאָזט מיין טאָכטער, א ווייסטע אַלמנה מיט 5 יתומים, נעבעך. איצט ליגט דאָס אַלץ אויף מיינע פּלייצעס, און איך אַליין, דאָקטער, בין אן אַלט און שוואַך מענטש, קוים וואָס איך זשיפּע".

דאָקטאָר עטינגער האָט זיך צוגעהערט צו די רייד פון דער אַלטער יידענע. מיט האַלב צוגעמאַכטע אויגן האָט ער געטראַכט, אז די יידענע איז בפירוש גערעכט: ,,א כאָליערע האָט טאַקע געמעגט נעמען די כאָליערע", איידער זי איז געקומען אויף דער וועלט. א היפּשן חורבן האָט זי אָנגעמאַכט אין זאַמאָשטש. כמעט אין יעדער שטוב איז געווען א מת.

ער, דער דאָקטאָר, האָט אייגנטלעך נישט געהאַט וואָס זיך צו באַקלאָגן אויף איר. א דאַנק איר האָט מען זיך דערמאָנט אָן אים, אז ער האָט געענדיקט מעדיצין אין לעמבערג. אין דער צייט פון אַזאַ מגפה האָט מען זיך געמאַכט נישט וויסנדיק; ביז איצט האָט מען

אים נישט געוואָלט אָנערקענען דעם דאָקטאָר־טיטל, דערפאַר ווייל ער האָט געענדיקט אין אויסלאַנד.

בשעת דער מגפה האָט מען זיך אפילו געווענדעט צו אים פון דער מאַכט, אַז ער זאָל טון, וואָס ער קען און העלפן פאַר־טרייבן די כאָליערע צוריק אין איר רו אריין. איצט, אַז מען האָט שוין די מגפה פאַרטריבן, ווערט מען זיך ווידער דערמאָנען, אַז ער האָט נישט לעגאַליזירט זיין דיפּלאָם און מען וועט אים ווידער דעגראַדירן צו דער מדרגה פון אַ פשוטן פעלדשער.

די אַלטע האָט דערווייל נישט פאַרלוירן קיין איין רגע. וואָס דער דאָקטער טראַכט, זאָל ער זיך טראַכטן געזונטערהייט און זי האָט ווייטער געמאָלן ווי אַ מיל, אויסגעגאָסן איר ביטער האַרץ. דערציילט וויאַזוי שווער ס׳קומט איר אָן אויפצוכאָווען די אייניק־לעך, די בידנע יתומים. די מאַכטער, די אלמנה, איז אויך נישט קיין געזונטע און זי אַליין איז אויך לעצטנס נישט מיט אַלעמען. ס׳שטעכט איר דאָ און דאָ און דער הוסט, און קאָפּ־ווייטאָג נישט צו פאַרזינדיקן, און עס שווינדלט איר פאַר די אויגן...

דער דאָקטאָר האָט זיך אַלץ נאָך צוגעהערט צו די רייד פון דער אַלטער און געטראַכט, ס׳אַרא שיין לשון דאָס יידיש־לשון איז, ער האָט פון תמיד אָן זיך ליב צוצוהערן צו דער שפּראַך פונם פּראָסטן פאָלק. אַ טייערע, שיינע שפּראַך. ער פאַרשטייט נישט פאַר־וואָס די אינטעליגענץ באַציט זיך מיט אַזאַ ביטול צו דער דאָזי־קער שפּראַך. פאַרוואָס מען רופט זי מיט דעם זידל־נאָמען „זשאַר־גאָן". ער, דער דאָקטאָר שלמה עטינגער, האָט ליב די דאָזיקע שפּראַך באהבת נפש. זי איז אים אייגן און טייער. אָפט זיצט ער ביינאַכט, ווען זיין גאַנץ הויזגעזינט שלאָפט שוין, און שרייבט אין דער שפּראַך משלים, קליינע מעשהלעך און קאַטאָוועסלעך.

די יידענע טענהט אָבער ווייטער דאָס איריקע: „איז בין איך הייסט עס געקומען צו אייך, דאָקטער, איר זאָלט מיר געבן אַ רפואה. נאָר זעט, דאָקטער, אַז די רפואה זאָל נישט קאָסטן טייער, פון וואַנען זאָל איך נעמען, אַז איך בין אַן אָרעם מענטש, און אויף מיינע פּלייצעס ליגט, נישט פאַר אייך געדאַכט, אַן אַלמנה מיט

פינף ווערים. אוי, די כאָליערע, דאָקטער, אַז די כאָליערע האָט זי געדאַרפט טרעפן, איידער זי איז אויף דער וועלט געקומען".

דער דאָקטאָר האָט זיך אויפגעהויבן, אונטערזוכט די אַלטע און איר פאַרשריבן אַ רעצעפּט. „ס'איז אַ קלייניקייט מומעשי, אין עטלעכע טעג אַרום וועט איר זיין אינגאַנצן געזונט. איר וועט נאָך טאַנצן אַ ברוגז־טאַנץ אויף דער חתונה פון אייער יינגסטן איי־ניקל".

די יידענע האָט גענומען דעם רעצעפּט, מיט טרערן אין די אויגן אים געדאַנקט.

„איר זענט אַ טייערער מענטש, דאָקטער. דער אויבערשטער זאָל אייך באַצאָלן פאַר דעם גוטס, וואָס איר האָט געטון פאַר מיר און נאָך אַזעלכע אָרעמעלייט ווי איך".

אַזוי ווינטשנדיק, איז זי אַוועקגעגאַנגען. דאָקטאָר עטינגער האָט געשמייכלט: „גאָט זאָל אייך באַצאָלן דאָקטער". פון דעם רוב פּאַציענטן זיינע הערט ער דאָס. אַ שיין פּנים וועט ער מאַכן, דער אויבערשטער, אַז ער, דער דאָקטאָר עטינגער וועט אים איבער הונדערט און צוואַנציק יאָר צושטעלן די רעכנונגען פון אַלע אָרע־מעלייט, וואָס ער האָט באַהאַנדלט אין משך פון זיין לעבן. אויף יענער וועלט וועט ער פון דער סומע קענען לעבן אַ גוטן טאָג. אויף דער וועלט איז אים דערפאַר ביטער. פון די אַלע פּאַציענטן האָט ער קוים אויף וואַסער צו דער קאַשע. נאָר דאָס וואָלט נאָך געווען צום דערליידן. ער פון זיין זייט האָט קיין טענות נישט. אָבער זי, זיין ווייב גאָלדע, איז נישט צופרידן. גייט אַרום כסדר מיט אַן אַראָפּגעלאָזטער נאָז און זאָגט אים שטעכווערטלעך וואָס דערגייען ביז צו דער זיבעטער ריפּ.

און אַז מען וויל קלערן אויף קאַריק, איז זי נעבעך אויך גע־רעכט. אַז גאָט האָט איר באַשערט אַ מאַן אַ שלים־מזל, וואָס פאַר אים איז געגוג, אַז ער שרייבט משלים, קליינע מעשהלעך און קאַ־טאָוועסלעך. גאַנצע נעכט קען ער אַזוי אָפּזיצן ביי זיך אין חדר און שרייבן. „טענטלען" הייסט עס אויף איר לשון.

„טענטלען" — אַ טייער וואָרט — טראַכט דאָקטאָר עטינ־

נער. ער האָט עס שוין אפילו פאַרשריבן ביי זיך אין נאָטיץ־ביכל, ס'וועט אַמאָל צונוץ קומען צו אַ משל, אָדער אַ קאַטאָוועסל.

מען קען נישט זאָגן, אַז אים אַרט נישט דאָס, וואָס ער האָט נישט קיין פּרנסה, ס'אַרט אים בפירוש שטאַרק. נאָר וואָס קען ער זיך העלפן. ווייל ער דען נישט? נאָך אַ מין וועלן. אָבער ווי זאָגט טאַקע זיין גאָלדע: „ס'איז נישט געפּידלט און נישט געפּאָרן".

דאָס וואָרטשען פון זיין פּלוניתטע טוט אים וויי. בפרט אַז ער פילט, ווי זי איז גערעכט. אָבער פונדעסטוועגן קען ער נישט גובר זיין די שוואַכקייט זיינע. אפילו אירע שטעכווערטלעך פאַר־שרייבט ער. ער איז אַ דיכטער, דער דאָזיקער שלמה עטינגער. ער לאָזט די פּאַרסמטע ווערטער האָגלען איבער זיין קאָפּ און פילט בשעת מעשה זייער שיינקייט. ס'טוט אים וויי און ער האָט הנאה פון זיי. ביינאַכט ביים שרייבטיש לעבן זיי אויף פאַר אים. די חיות פון זיינע משלים רעדן דאָך אויף יידיש, קומט אים יעדעס וואָרט צונוץ. ווען אַ שלאַנג אין זיינעם אַ משל דאַרף באַקומען לשון, רעדט זי אין דער שפּראַך פון זיין פּלוניתטע, בשעת זי איז אין כעס. גיפטיק, מיט שטעכווערטלעך, מיט אָנצוהערענישן. ציש, ציש, ציש.

ער דרייט זיך אַרום איבערן קאַבינעט. אַהין און צוריק. אַהין און צוריק. אָט שטעלט ער זיך אָפּ ביי דער ביכער־שאַפע. מיט ליבשאַפט קוקט ער אויף די ביכער. דעם איינציקן אוצר, וועלכן ער פאַרמאָגט. אָט שטייען זיי איינער לעבן דעם צווייטן. די ווערק פון די דייטשע משלים־שרייבער געלערט, ליכטוועער, די עפּי־גראַמען פון לעסינג, די לידער פון טעאָדאָר קערנער. דאָ נישט לאַנג האָט ער איבערגעזעצט קערנערס באַלאַדע „וואַלעהייד" אויף יידיש. און מיט צופרידנהייט האָט ער פעסטגעשטעלט, אַז יידיש טויג זיך נישט נאָר פאַר משלים און קאַטאָוועסלעך, אפילו פאַר דער פאַנטאַסטיק פון דער באַלאַדע איז זי פּאַסיק. צו אַלע פאָרמען פון דער דיכטונג איז זי מסוגל, עס דאַרפן נאָר קומען די גענעריקע מייסטערס.

מיט אַ באַזונדערער ליבשאַפט האָט שלמה עטינגער באַטראַכט דעם גרויסן באַנד „שילערס ווערקע", וואָס איז געשטאַנען אין

זיין ביכער־שאַנק. דאָרט אין דעם באַנד געפינט זיך שילערס מעכ־טיקע פּאָעמע ,,די גלאָקע". אויפן שטייגער פון שילערס ,,גלאָקע" האָט ער, דער דאָקטאָר שלמה עטינגער פון זאַמאָשטש, אָנגע־שריבן זיין פּאָעמע ,,דאָס ליכט". ביי זיי, ביי די גויים, באַגלייט דער גלאָק דעם מענטש פונם וויגל ביז צום קבר. און ביי יידן באַגלייט דאָס ליכט דעם מענטש פונם וויגל ביז צום קבר. מיט אמתער מייסטערשאַפט האָט ער גובר געווען די שווערע און קאָמפּליצירטע פאָרמען פון דער פּאָעמע. דער ריטם פּאַסט זיך צו יעדער שטימונג, וואָס ווערט געשילדערט. אַנדערש פלאַקערט דאָס ליכט אויפן ברית פונם ניי־געבוירענעם קינד און אַנדערש פלאַקערט עס צוקאָפּנס פון דעם מת. אַ טייערע שפּראַך, אָט די יידישע שפּראַך. פאַר אַלץ אין דער וועלט האָט זי דאָס נויטיקע וואָרט. זי איז בויגעוודיק און האַרט, צאַרט און שטעכיק. זי קען פּישטשען ווי אַ קינד און שעלטן ווי אַ סעדעכע. זי קען וויינקען מיט אַן אויג, ,,שטוים דיך אָן, וואָס איך מיין" און קען זיין באַרעדעוודיק ביז צום דול ווערן. אים טוט אַ הנאה, וואָס ער שרייבט אין דער דאָזי־קער שיינער שפּראַך. ס'איז נאָר אַ שאָד, וואָס ער האָט נישט פאַר־וועמען צו לייענען זיינע שאַפונגען. פאַר וועמען, למשל? פאַר זיין ווייב גאָלדע שתחיה? גייט שוין, גייט. ער איז צופרידן, אַז זי לאָזט אים צורו, וועט ער גיין פאַרטשעפּען מיר איר. אָט האָט ער לעצטנס אָנגעשריבן אַ דראַמע ,,סערקעלע", ליגט זי ביי אים אין שופלאָד און קיינער ווייסט אַפילו נישט וועגן דעם. ער האָט שוין אַ סך מאָל געטראַכט, אַז מען דאַרף אָפּדרוקן די אַלע כתבים זיינע און זיך אַליין צעלאַכט פון אָט דעם דאָזיקן איינפאַל.

ס'דאַרף אָפּקאָסטן אַ פאַרמעגן מיט געלט. און ווו נעמט מען עס. קוים, קוים וואָס ער האָט אויף איבערצוקומען די וואָך.

אַלע מאָל, ווען ער טראַכט וועגן אַרויסגעבן זיינע ווערק, גיט אים אַ שטאָך אין האַרץ. ווערק, וואָס ליגן אין שופלאָד, זענען אַ ברכה לבטלה. נאָר וואָס קאָן מען זיך העלפן?

אין פאָדער־הויז האָט עמיצער געפרעגט צודרינגלען און [illegible]:

,,דער דאָקטאָר איז דאָ אין דער היים? מען בעט אים, ער

זאָל תיכף קומען צו אַ חולה, וואָס איז קראַנק געוואָרן אויף כאָ־ליערע".

עטינגער האָט געעפנט די טיר פונם קאַבינעט. פאַר אים איז געשטאַנען אַ יונג מיט צעשויבערטע האָר און מיט אַ פּלאַטשיקער נאָז.

ווער איז קראַנק אויף כאָליערע?

„איינער, אברהם בער גאָטלאָבער. ער איז נישט קיין היגער. אויפן דורכפאָר האָט ער זיך אָפּגעשטעלט אין אונזער אכסניה און איז קראַנק געוואָרן אויף כאָליערע".

דאָקטאָר עטינגער האָט ממש אויפגעשיינט. די אויגן זיינע האָבן אויפגעלויכטן פאַר פרייד:

— אברהם בער גאָטלאָבער איז דאָ אין זאַמאָשטש.

איצט וועט ער דאָך האָבן פאַר וועמען צו לייענען זיין „סער־קעלע".

ער האָט אינגאַנצן פאַרגעסן, אַז דאָס רופט מען אים איצט צו אַ חולה, וואָס איז קראַנק אויף דער כאָליערע. פאַר אים איז גאָטלאָבער נישט קיין חולה, נאָר אַ באַרימטער שרייבער. פאַר אים וועט ער לייענען זיין דראַמע און ער וועט זאָגן מבינות.

— ער קומט שוין, טאַקי די רגע—האָט ער זיך אָפּגערופן צום יונג. דער יונג איז תיכף אַוועק. און אַנשטאָט דער וואַליזקע מיט די אינסטרומענטן האָט דער דאָקטאָר עטינגער אַ כאַפּ־געטון אַ דיקן העפט פונם שרייב־טיש און זיך געלאָזט אין וועג אריין.

אברהם בער גאָטלאָבער איז געלעגן אין בעט, געוואַרט אויפן דאָקטאָר.

ענדלעך האָט זיך די טיר אויפגעעפנט און דער דאָקטאָר עטינ־גער איז אריינגעפאַלן אַ פאַרסאַפּעטער, קוים געקענט דעם אָטעם כאַפּן.

ער האָט זיך אַוועקגעזעצט נעבן חולה. אַ רגע אים באַטראַכט. דאָס אויג פונם דאָקטאָר האָט תיכף דערקענט, אַז דער באַרימטער משכיל איז ווייט פון כאָליערע. ס'איז העכסטנס אַ קליינע מאָגן־שטערונג און נישט מער.

„וואָס טויג אייך כאָליערע — האָט ער צו אים אַ זאָג געַ־טון — אַמער וועל איך אייך בעסער לייענען מיין „סערקעלע".

און נישט אָפּוואַרטנדיק קיין ענטפער האָט ער תיכף פונאַנ־דערגעוויקלט דעם העפט און אָנגעהויבן לייענען:

„סערקעלע, אָדער די יאָרצייט נאָך אַ ברודער, גאָר אַ ניי טעאַטער־שטיק אין פינף אויפציען. פּאַרשוינען: ר' משה דאַנצי־קער, אַן אויפגעקומענער עושר, סערקעלע זיין ווייב, פריידע אַלטע־לע זייער..."

דער דאָקטאָר האָט געלייענט אין איין אָטעם, זיך אַליין פאַר־כליניעט מיט די ווערטער. אברהם בער גאָטלאָבער האָט זיך איינ־געהערט מיט גרויס אינטערעס. די געשטאַלטן פון דעם טעאַטער־שטיק האָבן ממש געלעבט. ער האָט געפילט זייער אָטעם. זיי האָבן זיך ארומגעדרייט דאָ אין שטוב. דער פאַנטאָפל־העלד ר' משה דאַנציקער, די אשת חיל סערקעלע—אַלע, אַלע פאַרשוינען פון דער דראַמע, וואָס זענען געווען אריינגעפלאָנטערט אין דער אינ־טריגע.

דער דאָקטאָר האָט געלייענט. אברהם בער גאָטלאָבער האָט געהערט. די וויזערס פונם גרויסן וואַנט־זייגער האָבן זיך גע־רוקט נענטער, נענטער קעגן נאַכט־צו.

אַז דער דאָקטאָר האָט געענדיקט דאָס לייענען, איז אברהם בער גאָטלאָבער געשטאַנען נעבן אים. עטינגער האָט אפילו נישט באַמערקט, ווען דער חולה איז ארויסגעקראָכן פונם בעט און ווען ער האָט זיך אָנגעטון.

גאָטלאָבער האָט ארויפגעלייגט די הענט אויף עטינגערס אַקסל און אַ זאָג־געטון:

„אייער טעאַטער־שטיק איז גאָר אַ וואַזשנע זאַך, דאָקטאָר, אייער „סערקעלע" האָט מיך אין גאַנצן געזונט געמאַכט".

לאַנג, לאַנג זענען זיי נאָך ביידע געזעסן צוזאַמען. געשמו־עסט וועגן השכלה־זאַכן און וועגן דער נוצלעכקייט פון שרייבן „זשאַרגאָן". דאָס וואָרט „זשאַרגאָן" האָט באַנוצט נאָר גאָטלאָ־בער. דער דאָקטאָר האָט כסדר באַנוצט דעם נאָמען „יידיש".

אַהיימגעגאַנגען איז דער דאָקטאָר אַ צופרידענער, אַ גליק־

לעבער. די גוטע ווערטער, וואָס גאָטלאָבער האָט אים געזאָגט וועגן זיינע שריפטן, האָבן אים אויפגעלעבט.

— מען דאַרף אָנווענדן אַלע כוחות, האָט ער באַשלאָסן, אַז אַלע מיינע ווערק זאָלן דערשיינען אין דרוק. שוין צייט, בלעבן, אַז דאָס פאָלק, פאַר וועלכן איך האָב געשריבן, זאָל הנאה האָבן פון די אַלע זאַכן. לייענען, לערנען און דער עיקר הנאה האָבן.

מיט פאַמעלעכע טריט איז ער געגאַנגען, דער דאָקטאָר. דער הימל איז געווען טיף און אויסגעשטערנט. ער האָט מיט דער פולער ברוסט אין זיך אריינגעאָטעמט דעם זומער־ווינט. געזען אין דמיון ווי יידן לייענען זיינע משלים, זיינע קליינע מעשהלעך, זיינע קאַטאָוועסלעך און זיין „סערקעלע".

ער האָט נישט געאַנט, דער דאָזיקער ליבער און האַרציקער דאָקטאָר, אַז אים וועט נישט זיין באַשערט צו זען קיין איין געדרוקט וואָרט זיינס ביים לעבן און אַז ערשט אין אַ סך, אַ סך יאָרן נאָך זיין טויט, אין אַן ערך 100 יאָר אַרום וועלן זיינע כתבים דערזען די ליכטיקע שיין און די יידישע ליטעראַטור וועט געפינען, דערקענען און אָנערקענען איר דאָקטאָר שלמה עטינגער.

ישראל אקסנפעלד

ביים נאָטאַריוס ישראל אַקסנפעלד האָבן זיך פאַרזאַמלט געסט. אָדעסער משכּילים און סתם נאָענטע פריינט. דאָס דינסטמיידל האָט דערלאַנגט טיי מיט איינגעמאַכטס. דער גרויסער מעשענער סאַמאָוואַר האָט געזשומעט.

צווישן די געסט איז, פאַרשטייט זיך, געווען דער מערקווירדיקער מלמד משה זשוויף. אַ באַגייסטערטער פאַרערער פון אַקסנפעלדס ווערק און בכלל אַ טשעקאַווע פיגור צווישן די אָדעסער אויפקלערער.

אַליין אַ לערער אין אַן אָדעסער שול — איז פאַר דעם דאָזיקן מענטשן ווינציק געווען צו קנעלן מיט אַ פּאָר צענדליק קינדער. ער איז אַרומגעגאַנגען איבער די אָרעמע יידישע גאַסן פון אָדעס און גערופן די קינדער זיך לערנען. אַליין אַ ביטערער אביון, וואָס האָט היפּש אונטערגעהונגערט מיט ווייב און קינדער — האָט ער זיין גאַנץ לעבן אָוועקגעגעבן דער אויפקלערונג פון די יידישע מאַסן. די אָדעסער משכּילים האָבן אים דערפאַר געקרוינט מיטן נאָמען „דיאָגענעס”.

איצט איז „דיאָגענעס” געזעסן אויבנאָן ביים טיש און גע־פּיפּקעט נערוועז זיין ליולקע. ער האָט זיך אויפמערקזאַם צוגעהערט צום שמועס, אָפטמאָל אים איבערגעריסן מיט אַ נערוועזער און ליידנשאַפטלעכער באַמערקונג.

דער באַלעבאָס אַליין, דער נאָטאַריוס ישראל אַקסנפעלד, אַ הויכער ייד מיט שוואַרצע, קלוגע אויגן, האָט זיך אין דעם שמועס נישט באַטייליקט. ער האָט געשוויגן און זיך צוגעקוקט צו די נער־וועזע באַוועגונגען פון זיין פריינט „דיאָגענעס”, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן ליידנשאַפטלעך צו היצן, ווי זיין שטייגער און פּאַרטיי־דיקן זיין מיינונג. פאַרשטייט זיך, אַז די אַנדערע האָבן אויך נישט געשוויגן. דער עיקר האָט זיך אַנטקעגנגעשטעלט „דיאָגענעסן” דער

אפטייקער שמואל גאָלדמאַן, אַ משכיל אין בריל‍ן מיט אַ שיטער בערדל. אויך ער האָט זיך זיינע אייגענע דרכים — אַן איינגעעקשנטער ליטוואַק, וואָס וועט אַ האָר נישט אָפּטרעטן פון זיינס. „דיאַגנעס" איז אָבער אויך נישט פון די, וואָס גיבן זיך לייכט אונטער. ער האָט געשאָסן מיט ארגומענטן, ציטאַטן פון די ביכער, זיך פאַררופן אויפן „דעסער", דעם גרויסן משה מענדלסאָן. אזוי און אזוי שטייט בפירוש אין מענדלסאָנס כתבים און אנדערש קאָן ניט זיין. קומט דער דאָזיקער ליטוואַק און זאָגט פונקט קאַפּויער. איר פאַרשטייט אַ מעשה? שטעלט זיך אַנטקעגן דער מיינונג פון משה זשוויף, וואָס איז בקי אין מענדלסאָנס כתבים, ווי אַ פרומער ייד אין אשרי. אדרבא, וואָס וועט אַ שטייגער דער ליטוואַק, דער עקשן, זאָגן אַנטקעגן אַזאַ ציטאַט?...

דאָס דינסטמיידל האָט ווידעראַמאָל דערלאַנגט טיי. דער שמוע איז געוואָרן געמיטלעכער, דער ליטוואַק דער עקשן איז אָבער געבליבן ביי דעם זייניקן.

איינער האָט דערציילט אַ טשעקאַוון „מופת" פון אַ חסידישן רבין. אַ צווייטער האָט דערציילט אַ טשעקאַוון שטות פון אַ חסיד, וואָס האָט זיך באַרימט, אַז ער האָט אַליין געזען דעם רבין זיי־נעם רעדן מיט מלאכים.

מען האָט געלאַכט. איין אַנעקדאָט איז געפלויגן נאָכן צווייטן. אין צענטער פון אַלע אַנעקדאָטן איז געשטאַנען דער חסידישער רבי, דער שווינדלער, דער פאַרפירער, דער אָפּנאַרער. אויף אַלעמענס ליפּן האָט געשוועבט אַ חוזק־שמייכל, איינער פון יענע שמייכלען, וואָס האָבן אויפגעריסן אַ גאַנצן יידישן לעבנסשטייגער און אים פּעמ'ן אַ טרייסל געטון.

„וואָס טויג מיר אַנעקדאָטן און איבערדערציילטע מעשיות? — האָט זיך אָפּגערופן איינער פון עולם — אַמער זאָל אונז אונ־זער פריינט אַקסנפעלד דערציילן, וואָס ער האָט אַליין מיט די איי־גענע אויגן געזען ביי די חסידישע רבנים. ער איז דאָך עפּעס אין זיין יוגנט געווען אַ פאַרברענטער „בראַצלאַווער". האָט גוט געקענט ר' נחמנען און מיט דער „רעכטער האַנט" פון בראַצלאַ־ווער, מיט ר' נתן, איז ער געווען אַ גאָר נאָענטער שמעלקע."

אקסנפעלד האָט אַ שמייכל געטון: „וואָס איז דאָ צו דער־ציילן, מיינע ליבע פריינט? ס'הייסט צו דערציילן איז דאָ אַ סך, גאָר אַ סך. אָבער איר ווייסט גאַנץ גוט, אַז מיט דער פען בין איך אַ גרעסערער מומחה ווי מיטן מויל. אַלצדינג, וואָס איך האָב זיך אָנגעזען און אָנגעהערט אין די רבישע הויפן, האָב איך שוין באַ־שריבן אין מיינע ביכער. נעמט אַ שטייגער מיין „ספר חסידים", לייענט עס אדורך און איר וועט אַלץ געוואָר ווערן. דערזען דאָס גאַנצע עיפּוש, די פינסטערניש, די אָפּגעשטאָנענקייט, די הפקרות מיט אַלע אירע אַבערגלויבענישן, אַנטקעגן וועלכע מיר קעמפן שוין זינט יאָרן און יאָרן און ס'העלפט נאָך אַלץ נישט."

ער איז אַנטשוויגן געוואָרן און אַ קוק געטון אויף זיין פריינט זשוויף, וואָס איז געזעסן אויבנאָן ביים טיש, לאָזנדיק כסדר דיקע קנוילן רויך פון זיין ליולקע.

„ס'איז מיר אַ גרויסער ווייטיק, — האָט אקסנפעלד אָפּגע־זיפצט — וואָס מיינע כתב־ידן ליגן אין שופלאַד. גרויסע עטלעכע־בענדיקע ראָמאַנען, דערציילונגען און דראַמעס. מען וואָלט זיי באַ־דאַרפט אָפּדרוקן. זאָלן יידן לייענען און אריינקוקן אין זיי. זיי וואָלטן אין די דאָזיקע ביכער דערזען זייער אייגן לעבן ווי אין אַ שפּיגל."

אַלע האָבן געשוויגן. אַלע ווייסן, אַז דער נאָטאַריוס ישראל אקסנפעלד האָט אָנגעשריבן אַ היפּש ביסל וויכטיקע און נוצ־לעכע ספרים אויף פּראָסט יידיש. עטלעכע פון די קלענערע אַר־בעטן האָט מען שוין אָפּגעדרוקט, אָבער דאָס איז נאָך גאָרנישט אַנטקעגן דעם, וואָס ליגט נאָך אין כתב־יד. אַן אוצר, אַן אמתער אוצר, וואָס וואַרט, אַז ער זאָל דערזען די ליכטיקע שיין.

דער ערשטער האָט זיך אָפּגערופן „דיאָגנעס". ער ווייסט און קען אַמבעסטן פון אַלע דעם ווערט פון אקסנפעלדס כתבים. אָבער ער קאָן אויך די מניעות, וואָס ליגן אין וועג און לאָזן זיי נישט דערשיינען. די צוויי יידישע דרוקערייען אין ווילנע און אין זשיטאָמיר האָבן זיך אָפּגעזאָגט צו דרוקן די אפיקורסישע ספרים פון אקסנפעלד. ראָמס דרוקעריי האָט זיך קונציק אויסגעדרייט אפילו פאַרן בילדונגס־מיניסטער אוואַראָוו, וואָס האָט לויט אַ

בקשה פון אקסנפעלדן און זיינע פריינט אָנגעפרעגט, פּאַרוואָס די דרוקעריי זאָגט זיך אָפּ צו דרוקן דעם „ספר חסידים" פון אקסנפעלדן. די „שטריימעלעך" ווייסן, וואָס פאַר א סכנה אקסנ־פעלדס ווערק זענען פאַר זיי און זיי דערלאָזן נישט מיט אלע כוחות, אז זיי זאָלן דערשיינען. א חוץ דעם איז פאַראַן נאָך א מניעה: געלט! עס דאַרף אָפּקאָסטן א פאַרמעגן און דער מחבר איז נישט קיין גביר. „אָבער — זאָגט משה זשוויף הויך אויפן קול — מען דאַרף, מען מוז זיך אָנשטרענגען. מען טאָר נישט דערלאָזן, אז אזא גרויסע און וויכטיקע אַרבעט זאָל פוילן אין שופלאָד".

אלע זענען מסכים. אפילו דער אַפּטייקער, דער ליטוואַק איז דאָסמאָל איינשטימיק מיט „דיאָגענעסן". ער האָט א זופּ־געטון פון זיין גלאָז טיי און צוגעגעבן: זשוויף איז גערעכט. מען דאַרף זען מיט אלע כוחות אַרויסצוגעבן אקסנפעלדס ווערק.

די טיר האָט זיך געעפנט און ס'איז אַריינגעקומען נאָך א גאַסט. א מיטלוווקסיקער און מיטליאַריקער מאַן מיט א בינאַקל אויף דער נאָז און א ברייטן „גוטן אָוונט" אויף די ליפּן. ער האָט זיך אַנטשולדיקט פאַר זיין פאַרשפּעטיקן זיך און זיך אוועקגעזעצט ביים טיש.

אלע האָבן זיך מיט אים באַגריסט. באַזונדערס האַרציק האָט אים באַגריסט אקסנפעלד. דער ערשט־אָנגעקומענער דאָס איז גע־ווען זיין פריינט, דער יידיש־רוסישער שרייבער ז. ז. לערנער. א גרויסער פאַרערער פון אקסנפעלדס כתבים. דאָ נישט לאַנג האָט ער אָנגעשריבן וועגן אקסנפעלדס ווערק א גאַנצן מאמר אין רו־סיש. געלויבט די וויכטיקייט פון די כתבים און נישט פאַרגעסן זיך אָפּצושטעלן אויף זייער קינסטלערישער באַדייטונג.

דאָס דינסטמיידל האָט דערלאַנגט דעם ערשט־אָנגעקומענעם גאַסט א גלאָז טיי. מען איז ווייטער געזעסן געמיטלעך און גע־פּלוידערט וועגן פאַרשידענע זאַכן, ביז מען איז ווייטער אַרויפ־געקומען אויף אקסנפעלדס כתבים.

„דיאָגענעס" האָט אַרויסגענומען זיין ליולקע פון מויל און א זאָג געטון:

„ס'וואָלט געווען אַ יושר, אַז אַקסנפעלד זאָל אונז איבער־לייענען זיין ניי ספר, וואָס ער האָט געשריבן אין דער פאָרם פון אַ טעאַטער־שטיק: „די גענאַרטע וועלט" הייסט עס. און ס'איז שוין איינמאָל אַ גענאַרטע וועלט".

אַלע האָבן גענומען בעטן און פאָדערן אַקסנפעלד זאָל ליי־ענען זיין „גענאַרטע וועלט".

אַקסנפעלד האָט זיך אַביסל געקווענקלט. דערנאָך האָט ער זיך אָבער אויפגעהויבן פונם טיש, צוגעגאַנגען צום קאָמאָד, ווו עס זענען געלעגן זיינע כתב־ידן, אַרויסגענומען אַ דיק העפט, זיך אוועקגעזעצט צוריק און אָנגעהויבן צו לייענען:

„אַלע קלוגע אומות וואונדערן זיך אויף פּאַרצייטן:
ווי האָט מען געקאָנט גלויבן, אַז כישוף זאָל עפּעס
באַדייטן, —
צו גלויבן אין רוחות, אין שדים, אין לצים, אין זנאַכערס,
אין באַשווערער, אוצרות־נעמער און אין כישוף־מאַכערס".

די גאַנצע הקדמה, אָנגעשריבן אין קונציקע גראַמען, איז דעם עולם געפעלן געוואָרן ביז גאָר, דער עיקר דער סוף פון דער הקדמה:

„אין שפּיצניץ איז אַלץ אמת און אין שאַרעוועקע אַקוראַט,
אַלץ אַזוי ווי ס'איז באַשריבן, נאָר דערציילט גלאַט.
די מעשה האָט זיך דאָרט געטראָפן פאַר 46 יאָר,
ווילט איר געוואָר ווערן — טוט כ'לעבן אַהין אַ פאָר".

די ערשטע סצענע ביים חסידישן רבין ר' לייב שפּיצניצער, דעם בעל־מופת, האָט תיכף קלאָר געמאַכט, וואָס אַקסנפעלד מיינט מיט זיין „גענאַרטער וועלט", ווער ס'פירט זי ביי דער נאָז, די וועלט. אָט די לייב שפּיצניצערס מיט זייערע מקורבים, דאָס רוב גראָבע יונגען, שווינדלערס פערווע סאָרט, אַנשיקעניש, וואָס מען קען אַזוי לייכט נישט פּטור ווערן — זיי פירן די וועלט ביי דער נאָז.

דער יידישער זנאַכער ר' לייב שפּיצניצער און דער גוישער זנאַכער אַגאַפאַן אַגאַפאַנאָוויטש וואַדקין פירן דאָס רעדל. אַ גאַנ־

צער עולם־התוהו, וואָס איז נישט אויסגעטראַכט, נאָר איז פאַראַן אויף דער וואָר. אויב איר ווילט נישט גלויבן, וועט אייך אקסנ־פעלד איבערצייגן אויף קלאָר.

אַלע האָבן געהערט מיט גרויס אינטערעס. „דיאָגענעס" האָט געפּיפּקעט זיין ליולקע און לערנער איז געזעסן אָנגעשפּאַרט דעם קאָפּ אויףביידע הענט. דער סאַמאָוואַר האָט שטיל געזשומעט.

אַז אַקסנפעלד האָט געענדיקט לייענען איז אויפגעשפּרונגען משה זשוויף פון זיין אָרט.

„וואָס שטייט מען און מען וואַרט? מען דאַרף די זאַך תיכף אָפּדרוקן. און נאָכדעם אַ צווייטע. אַזוי לאַנג, ביז אַלצדינג וועט פאַרעפנטלעכט ווערן. אַרויס פונעם שופלאַד און אַריין אין המון, וואָס נויטיקט זיך אין די דאָזיקע ספרים, ווי אין לעבן".

דאָס, וואָס זשוויף האָט אַרויסגעזאָגט אויף אַ קול, האָבן אַלע באַשלאָסן שטילערהייט ביי זיך.

דער נאָטאַריוס אַקסנפעלד האָט פאַרמאַכט דעם העפט און אים צוריק אַריינגעלייגט אין שופלאָד.

*

די וויזערס פונעם זייגער האָבן זיך גערוקט, גערוקט. ס'איז שוין געווען שפּעט אין דער נאַכט און ביים נאָטאַריוס אַקסנפעלד איז נאָך אַלץ געווען ליכטיק. ביים טיש זענען געזעסן זיינע פריינט, אָדער משכּילים און זיך באַראָטן וויאַזוי אַרויסצוגעבן זיינע כתבים.

עטלעכע חסידים, וואָס זענען אַהיימגעגאַנגען אַביסל בגילופין פון אַ שמחה, האָבן פאַרבייגייענדיק אַקסנפעלדס הויז דריי מאָל אויסגעשפּיגן.

אברהם בער גאטלאבער

אַ ליכטיק־זוניקער מאי־נאָכמיטאָג. דער אַלטער אברהם בער גאָטלאָבער זיצט איינגעדרייט אויף דער הילצערנער באַנק פאַר דער שטוב. די מאי־זון שפּילט אויף זיינע אַלטע פאַרוויאַנעטע הענט. וואַרעמט זיי.

אויפן דאַך צווישטשערן פייגל: טשיריק, טשיריק: „פרילינג״. פרילינג רופט מען דאָס. אַ פּאָר שוואַלבן פלאַטערן איבערן וועג. ער, דער אַלטער משורר געדענקט דאָס דאָזיקע פלאַטער־שפּיל פון די שוואַלבן פון זיינע קינדער־יאָרן. אַן אַלט שפּיל — טראַכט ער. מיט יעדן פרילינג חזרט זיך עס איבער. אָבער די פרילינגען זענען אַנדערע און די שוואַלבן אַנדערע.

ער זיפצט אָפּ. שטערנגט אַן די האַלב בלינדע אויגן. פּרוווט דערקענען די פאַרבייגייער, וואָס גריסן אים פונדערווייטנס.

די לעצטע צוויי יאָר געפינט ער זיך דאָ, אין דובנע, ביי דער טאָכטער און ביים איידעם. אָפּגעלעבט אַ לעבן, געראַנגלט זיך, געקעמפט מיטן פאַנאַטיזם, געקעמפט פאַר בילדונג, פאַר אויפקלערונג, פאַר דער „הימלישער טאָכטער״, דער — השכלה. און איצט אויף דער עלטער — ער שמייכלט ביטער — איצט ווידער אַמאָל אויף קעסט. דאָס מאָל נישט ביי זיין שווער און שוויגער, נאָר ביי דער אייגענער טאָכטער און ביים איידעם.

דעם אמת געזאָגט, האָט ער זיך נישט וואָס צו באַקלאָגן. די קינדער האַלטן אים בכבוד, ציטערן איבער אים, ווי איבער אַן אבן־טוב. נאָר אים איז עס נישט ניחא. ער ווייסט, אַז דער איידעם האָרעוועט שווער און פאַרדינט קוים אויף פּרנסה. אים, דעם אַלטן, זאָגט מען גאָר נישט. נאָר ער ווייסט אַליין, פאַרשטייט אַליין. אַלט איז ער טאַקע, די ראיה איז אים טאַקע געשלאָגן אָבער דער שכל איז אים נאָך נישט אויסגערונען.

נאָר וואָס קען ער זיך העלפן? א לעבן אוועקגעגעבן פאַרן פאָלק. געשריבן פאַר אים לידער, סאַטירעס און קאָמעדיעס, אי אויף העברעאיש, אי אויף ,,זשאַרגאָן". און אַט אויף דער עלטער ווידעראַמאָל אויף קעסט ביי דער אייגענער טאָכטער און ביים ...עבן...

גאָטלאָבער טוט א מאַך מיט דער האַנט. די זון־פּלעקן, וואָס האָבן געציטערט אויף זיין האַנט, פאַלן אים אַראָפּ צופיסנס.

— פאַרפאַלן — טראַכט ער — אַזוי איז שוין באַשערט. ס'איז דער גורל פון א יידישן מחבר. פאַרפאַלן.

עטלעכע קינדער טראָגן זיך פאַרביי זיינע האַלב-בלינדע אויגן. זיי יאָגן זיך איינס נאָכן צווייטן. דאָס קינדערישע געלעבטער קלינגט טיף אָפּ אין זיין געמיט. זיין דמיון צעשפּילט זיך. ער יעט ווידעראַמאָל זאַכן און געשטאַלטן, וואָס די צייט האָט שוין פון לאַנג אָפּגעמעקט. דער איצטיקער פרילינג מיט זיין זונגאָלד, מיט זיינע שוואַלבן, מיט זיינע צוצוויטעטע בוימער, איז טאַקע אַן אָנגעלייגטער אורח. אָבער ער, דער אַלטער משורר, פילט זיך היימישער מיט די געשטאַלטן, וואָס זיין זכרון באַשווערט, ציט ארוי פון דער פאַרגאַנגענהייט.

אַט זעט ער דעם טאַטן זיינעם, דעם חזן, וואָס איז אים אַזוי פרי אָפּגעשטאָרבן. ער זעט זיין הויכע פיגור, דאָס איידל־בלאַסע פּנים מיט דער שוואַרצער באָרד. עפּעס רעדט צו אים דער פאָטער, נאָר זיין קול הערט ער נישט. משמעות, אַז די געשפענסטער פאַרלירן נישט די געשטאַלטן, נאָר דאָס קול.

אַט זעט ער די שטוב פון זיין שווער אין שטעטל טשערני כאָוו. זעט זיין ווייב, וואָס איז קוים אַלט דרייצן יאָר, און אַט זעט ער זי, די אייגענע יהודית, אַן אַכצן־יעריקע, א שיינע, צעבליטע. ער גט זי אָפּ, כאָטש ער וויל נישט. דער שווער וויל נאָר דערפאַר, ווייל די חכידים האָבן דערניוכעט, אַז ער, דער איידעם, איז געוואָרן אַן אַפּיקורס. יהודית וויינט און ער וויטיקט טיף, ליידט. דעם דאָזיקן וויטיק וועט ער זיי קיינמאָל נישט מוחל זיין: נישט דעם חסידישן רבין און נישט זיינע ,,כניאָקעס". ער וועט קעמפן אַנטקעגן זיי דאָס גאַנצע לעבן, די פאַרזעגלעכע עוולה, וואָס זיי האָבן אים גע־

טון, וועט ער קיינמאָל נישט פאַרגעסן. די עוולה, צוליב וועלכער ער האָט אַזויפיל געליטן, וועט אים תמיד שטיין פאַר די אויגן בעת זיין לעבן.

דער אַלטער פאַרמאַכט די אויגן. די זון בלענדט צו שטאַרק. איבעריקנס, צו וואָס דאַרף ער איצט די אָפענע אויגן? אַז די אַלע בילדער און געשטאַלטן פון אַמאָל, וואָס זיין זכרון באַשווערט אין דער דאָזיקער רגע, זעט מען דאָך בעסער און בולטער מיט צוגע־מאַכטע אויגן. בילד נאָך בילד, איינס יאָגט דאָס צווייטע, אַן אויסטערלישע פּאַנאָראַמע. די פּאַנאָראַמע פון זיין לעבן.

אָט איז דאָס שמאָלע טייכל, די גרענעץ צווישן רוסלאַנד און עסטרייך. ער, דער יונגער גאַטלאָבער, מיטן טאַטן דעם חזן, שמוגלען זיך אַריבער איבער דער גרענעץ. אָט איז די שטאָט טאַר־נאָפּאָל, דער צענטער פון דער השכלה. דאָ האָט יוסף פּערל אוועקגעשטעלט די ערשטע יידישע פאָלקס־שול. דער פאָטער האָט אים געוויזן יוסף פּערלס קלויז. אָבער אים, דעם יונגן גאַטלאָבער, האָט זיך געוואָלט זען אים אַליין, דעם רעפאָרמאַטאָר יוסף פּערל, אָט דעם מענטש, וואָס די חסידים האָבן געשאָלטן מיט טויטע קללות, און די משכילים געהויבן אין הימל אַריין. אָן דעם פאָ־טערס וויסן איז ער אַוועק צו יוסף פּערל. אָט זיצט ער ביי אים אין קאַבינעט. פּערל פאַרפירט מיט אים אַ שמועס. דעם דאָזיקן שמועס געדענקט ער ביזן היינטיקן טאָג וואָרט ביי וואָרט און וועט אים נישט פאַרגעסן כל־זמן אים איז נאָך באַשערט צו אָטעמען אויף דער וועלט. דער דאָזיקער שמועס איז געווען אַ ווענד־פּונקט אין זיין לעבן. יוסף פּערל זיצט אַנטקעגן אים, שמייכלט פאָטערלעך און מילד, ווען ער, דער יונגער שנעק, וויל אים באַווייזן, אַז מיט אַזוינע מיטלען, ווי אויסלאַכן חסידים, וועט ער זיין ציל נישט דער־גרייכן. אַזאַ ספר, ווי יוסף פּערלס „מגלה טמירין”, וועלן דאָך חסידים אפילו אין האַנט אַריין נישט נעמען. טאָ ווי אַזוי וועט עס האָבן אויף זיי אַ ווירקונג?

יוסף פּערלס פּנים איז געוואָרן ערנסט. אָבער מיט דער זעל־בער ווייכער און פאָטערלעכער שטים האָט ער אים, דעם יונגן גאָט־לאָבער מבטיח געווען, אַז ווען ער וועט עלטער ווערן וועט ער

פארשטיין דעם קאַמף, וואָס ער און די אַנדערע משכילים פירן, און ער, גאָטלאָבער וועט קעמפן מיט די זעלביקע כלי־זיין, ווייל ער וועט ערשט דעמאָלט קאָנען אַפּשאַצן אין אַ פולער מאָס דעם כוח פון געדרוקטן וואָרט.

יוסף פערל איז גערעכט געווען. צום קאַמף האָבן אים אַרויסגעפאָדערט די חסידים גופא. זיי האָבן זיך אַריינגעמישט אין זיין פאַמיליע־לעבן, געצווונגען אים זיך צו גטן מיט זיין ערשטן ווייב. די וווּנד איז נאָך ביזן היינטיקן טאָג נישט פאַרהיילט. אַפּט, אַפילו איצט אויף דער עלטער, זעט ער זי אין חלום און אין האַלבן חלום פאַר די אויגן, די שיינע, שלאַנקע יהודית מיט די שוואַרצע, גרויסע אויגן.

איבערן קאָפּ פונם אַלטן גאָטלאָבער פלאַטערט פאַרביי אַ פויגל. „טשיריק, טשיריק" און נישטאָ אים. אַ וואַרעם ווינטל ברענגט אים צו טראָגן פון ערגעץ דעם ריח פון צעבליטע סעדער. דער אַל־טער אָטעמט אין זיך אַריין דעם דאָזיקן גרוס, וואָס שמעקט אַזוי ווי דער שלאַנקער, יונגער גוף פון יהודית, בעת זי האָט אים דער־וואַרט נאָכן צוריקקומען פון זיין ערשטער וואַנדערונג, אויף וועל־כער ער האָט פאַרלוירן דעם פאָטער.

די ליפּן פון דעם אַלטן משורר באַוועגן זיך, קוים קוים וואָס מען הערט. ער שעפּטשעט שטיל און פרום די ערשטע שורות פון זיין ליד „אַ זיפץ":

גיב מיר מיין יוגנט צוריק,
גיב מיר די קינדערשע צייט,
דאָס איז געווען מיין גליק,
איצט איז דאָס גליק פון מיר ווייט.

גאָטלאָבער עפנט אויף אַ וויל אויף די האַלב־בלינדע אויגן. ס'איז טאַקע פרילינג. און ווי יעדער פרילינג איז ער שיין. אָבער מיט צוגעמאַכטע אויגן איז בעסער. ער פאַרמאַכט צוריק די אויגן און זעט:

ער איז אין זאַמאָשטש. ס'איז די צייט פון דער גרויסער כאָ־ליערע. אין דער זאַמאָשטשער אכסניה ווערט ער קראַנק. מען שיקט רופן אַ דאָקטאָר. דער דאָקטאָר איז שלמה עטינגער. ער זעט פאַר

זיך א פּאָר פאַרחלומטע אויגן און ער הערט דאָס שעפּטשען פון א קול:

,,וואָס טויג אייך כּאַלערע, אמער וועל איך אייך בעסער ליי־ענען מיין ,,סערקעלע".

עטינגער לייענט פאַר אים זיין טעאַטער־שטיק. אים, גאָט־לאָבערן, געפעלט עס ביז גאָר און ער באַשליסט ביי זיך אויך אָנצו־שרייבן א טעאַטער־שטיק אויף ,,זשאַרגאָן". אהיימקומענדיק, זעצט ער זיך טאַקע אוועק און שרייבט אָן זיין קאָמעדיע: ,,דאָס דעק־טוך, אָדער צוויי הופּות אין איין נאַכט". אויפגעפירט האָט מען מאַקיז נישט די דאַזיקע קאָמעדיע ביז צום היינטיקן טאָג — טראַכט ער — אָבער זי האָט משפּיע געווען אויף אַנדערע. אונטערן איינ־פלוס פונם ,,דעקטוך" האָט זיין תּלמיד אברהם גאָלדפאַדן אָנגע־שריבן זיינע ,,ביידע קוני לעמל".

דער אַלטער גאָטלאָבער צעשמייכלט זיך. ער האָט תּענוג פון זיין געראָטענעם תּלמיד, ער געדענקט נאָך אברהמעלען, ווען ער איז געווען א יונג בחורל, געזונגען מיט א שיין קול ביי אים אין שטוב סיי גאָטלאָבערס לידער סיי אייגענע, וואָס ער פלעגט פאַר־פאַסן שפּעטער איז דער דאָזיקער בחורל געוואָרן דער באַשאַ־פער פונם יידישן טעאַטער.

גאָלדפאַדן איז נישט דער איינציקער, וועמען גאָטלאָבער האָט מקרב געווען און וואָס איז שפּעטער געוואָרן א לייט. א בענקט־שונג פאַר זיין פאָלק און א זייל פאַר דער יידישער ליטעראַטור, וואָס ער, אברהם בער גאָטלאָבער, האָט געהאָלפן בויען. איצט זעט ער זיי אַלע, סיי די, וואָס זענען שוין אויף יענער וועלט, סיי די, וואָס לעבן און שאַפן נאָך פאַרן וווּל פון די אחינו בני ישראל.

אונטער צוגעמאַכטע אויגן טראָגן זיך פאַרן אַלטן גאָטלאָבער פאַרביי א גאַנצע ריי געשטאַלטן; יעדע פון זיי האָט געשפּילט א מער אָדער ווייניקער באַדייטנדיקע ראָלע אין דער יידישער און העברעאישער ליטעראַטור. א טייל פון זיי זענען שוין געשיכטע און א טייל מאַכן געשיכטע. ער זעט פאַר זיך די געשטאַלט פון ר' יצחק בער לעווינזאָן, דעם ריב"ל, די פיגור פונם ד"ר ליליענשטיין, די געשטאַלט פון דעם באַהעמיען ראובן אשר ברוידעס — א גאַנ־

צע גאַלעריע פון געשטאַלטן, וואָס אַקאַרשט זענען זיי פאַר אים געווען די כאַמע וואָר און איצט בלויז דערמאָנונג. א טייל פון זיי נאָר און בלויז דערמאָנונג...

איינע פון די געשטאַלטן בלייבט א רגע לענגער שטיין פאַר אים. דאָס איז א יונג ליטוויש בחורל, א מאָגערס, א בלייכס, קוים זיבעצן יאָר אַלט. אַט קלאַפּט ער אָן אין טיר ביי אים, ביי גאָטלאָ־בערן. גאָטלאָבער אַליין עפנט אים. דאָס בחורל איז צעטומלט, קוים וואָס מען פאַרשטייט אים.

— דאָ וווינט דער הער גאָטלאָבער? — שטאַמלט אַרויס דאָס בחורל און ווערט רויט ווי א צוויק.

— דאָס בין איך טאַקע אַליין — ענטפערט אים גאָטלאָבער און פאַרבעט אים אין שטוב אריין.

פון דעם יונגנמאַן ווערט גאָטלאָבער געוווּיר, אַז ער הייסט שלום יעקב אבראַמאָוויטש, ער לערנט דאָ אין דעם קאַמענעץ פּאָ־דאָלסקער בית־המדרש, אַז אים איז ענג געוואָרן אין דעם בית־המדרש, אַז עס ציט אים צו עפּעס אַנדערש, אַז ס׳איז אים נמאס געוואָרן דאָס קוועטשן די באַנק, און אַז א געוויסער ר׳ אברהם׳צע, וואָס לערנט מיט אים אינאיינעם, האָט אים געעצה׳ט, ער זאָל אריינגיין צו אים, צו אברהם בער גאָטלאָבער „דעם גרויסן בעל תנ״ך און מדקדק״.

גאָטלאָבער האָט דאָס דאָזיקע בחורל מקרב געווען, זיין טאָכ־טער האָט מיט אים גערעדט רוסיש און דייטש און דאָס דאָזיקע באַשיידענע בחורל איז דאָס היינט דער באַרימטער מענדעלע מוכר ספרים.

גאָטלאָבערס פּנים צעשטראַלט זיך. צו תלמידים דאַרף מען אויך האָבן מזל און וויניקסטנס מיט דעם דאָזיקן מזל איז ער גע־בענטשט געווען זיין גאַנץ לעבן. זיינע תלמידים זענען ב״ה געוואָרן לייט, אפילו מער ווי ער אַליין האָט זיך פאַרגעשטעלט.

גאָטלאָבער האָט דערפילט א האַנט אויף זיין אַקסל. ער האָט געעפנט די אויגן און דערזען זיין טאָכטער, וואָס איז געשטאַנען א באַזאָרגטע נעבן אים:

„טאַטע, דו שלאָפסט?"

„ניין — ענטפערט דער אַלטער — בלויז אַזוי צוגעמאַכט די אויגן.״

„אַלץ איז שוין איינגעפּאַקט — זאָגט די טאָכטער — בלי־נדר מאָרגן פאָרן מיר קיין ביאַליסטאָק.״

גאָטלאָבער האָט אינגאַנצן פאַרגעסן, אַז זיין איידעם קלויבט זיך אַריבער מיטן גאַנצן הויזגעזינט קיין ביאַליסטאָק, און אַז היינט איז דער לעצטער טאָג, וואָס זיי פאַרברענגען דאָ אין דובנע. משמעות, אַז דער זכרון איז ביי אים אויך אַביסל אָפּגע־שוואַכט.

די זון פאַרגייט אין מערב, רויט, טליענדיק. יידן פאַרמאַכן די קרעמען. דער שניידער בערל מאַקאָווסקי לויפט פאַרביי, הינטער אים טראָגט דאָס לערן־יינגל אַ „שטיקל אַרבעט״.

„געמיינט, אַז דאָ אין דובנאָ וועל איך שוין געפינען אַ שטיקל מנוחה, — זיפצט־אָפּ דער אַלטער משורר. — איז מאַלע וואָס אַ מענטש מיינט? מיינע וואַנדערונגען האָבן זיך נאָך ווייזט אויס נישט פאַרענדיקט, באַשערט נאָך אַ וועג צו מאַכן אין מיין לעבן, דעם וועג דובנאָ — ביאַליסטאָק.

ער הויבט זיך אויף. קוקט זיך איין אין דער ריכטונג, ווו ס׳געפינט זיך דער דובנער בית־עולם. דאָרטן אויפן דאָזיקן בית־עולם האָט ער שוין פאַר זיך אפילו שטילערהייט געהאַט אָפּגעקליבן אַ קרקע. נאָר וואָס ווייסט אַ מענטש? — טראַכט ער און בויגט דעם ווייסן קאָפּ.

יידן איילן זיך אין שול אַריין צו מנחה. איינס פון זיינע לידער, וואָס ער האָט אין די לעצטע יאָרן אָנגעשריבן, רופט טאַקע אין שול אַריין. די פּאָגראָמען אין צאַרישן רוסלאַנד האָבן אויסגעניכ־טערט אַלע משכילים און אים, דעם אַלטן גאָטלאָבער, אויך. פון אַלע „רעפאָרמעם״ האָט זיך אויסגעלאָזט אַ בוידעם. פון אַלע חלומות אַ טייך. דער נייער דור — טראַכט דער אַלטער משורר — לאָזט זיך אויף נייע וועגן. אפשר וועלן זיי מער מצליח זיין. מיר אָבער, די אַלטע און די אַנטוישטע, וועלן גיין אין שול אַריין.

און מיט שטילע טריט לאָזט ער זיך גיין. הינטער אים ציטערט זיין אייגענער געבראָכענער שאָטן...

אייזיק מאיר דיק

נעבן לייבוש קאמינסקיס הויז האָבן זיך געזאַמלט מענטשן, קרעמער, בעל־מלאכות, שיינע יידן, און דער עיקר ווייבער. ווייבער יונגע און אַלטע. אזוינע, וואָס האָבן שוין אָפּגעקינדלט און אזוינע, וואָס גרייטן זיך ערשט צו קינדלען. מען האָט גערעדט, געמאַכט מיט די הענט און געטייטלט מיט די פינגער צו די פענסטער, פונ־וואַנען ס׳האָט זיך געטראָגן אַ געוויין, אַ יאָמער.

„אַ מויד האָט זיך איינגעעקשנט און ניין און ניין און ניין — האָט געזאָגט אַן עלטערע יידענע אין אַ שייטל — טאַטע־מאַמע ווילן זי פאַרזאָרגן, גיבן איר אַ נדן, אויף אַלע יידישע טעכטער גע־זאָגט געוואָרן, דער חתן איז אַ צאַצקע, אַ בן־תורה, אַ שאַרפער מוח, הלואי באַשערט מיר דער אויבערשטער אַזאַ מציאה פאַר מיין טאָכטער. גלויבט מיר, איך וואָלט געטאַנצט אין די גאַסן פאַר שמחה".

„הלמאי, לאָמיר זאָגן? — האָט זיך אָפּגערופן אַ צווייטע יידע־נע, — שולדיק זענען טאַטע־מאַמע. זיי האָבן איר תמיד נאָכגעגעבן, דער בת־יחידה, זיך געצאַצקעט מיט איר, — טעכטערל, אפשר דאָס אפשר יענץ? — איצט מיינט זי, אַז זי וועט פועלן. זי האָט זיך איינגעעקשנט און וויל נישט דעם חתן, וואָס טאַטע־מאַמע האָבן אויסגעקליבן, זי וויינט, שרייט, חלשט, און דאָ איז פאַר דער חתונה — אַ שיינע קאָמעדיע, כ׳לעבן."

„אַ משוגענע וועלט געוואָרן, — האָט געזאָגט אַן עלטערער ייד צו אַ צווייטן. — די אייער ווילן זיין קלוגער, פאַר די הינער. ביי די היינטיקע קינדער האָבן טאַטע־מאַמע די ווערט אַט אַזוי פיל". דער ייד האָט אָפּגעמאָסטן אויפן פינגער, וואָס דאָס האָט באַדאַרפט צו הייסן: גאָרנישט.

„איך וועל אייך זאָגן דעם אמת, ר׳ חיים, אין דעם אַלעם זע־

נען שולדיק די מעשה־ביכלעך, מען וואָלט זיי באַדאַרפט פאַרברע־נען, אָט די מעשה-ביכלעך אויפן פייער. קוים באַווייזט זיך דער פאַקן־טרעגער, ווערט אַ בהלה אין שטוב, מען כאַפּט זיך צו צו זיי ווי צו מצה־וואַסער. די ווייבער לעקן ממש די פינגער פון אָט די אויסמיראַכטעניש און די טעכטער מיינען, אַז אַלצדינג, וואָס ס'שטייט דאָרטן, איז תורת־משה, אַז מען דאַרף אַלצדינג נאָכטון, פּונקט, ווי ס'שטייט דאָרט געשריבן. אָבער מיטן אַקוראַט".

„נאַדיר אַ סדרה מעשה-ביכלעך, — האָט אָפּגעפּאַנפּעט אַן אַנדערער ייד אונטער דער נאָז —איך בין אַמאָל געווען אַ בעלן צו זען, וואָס ס'שטייט געשריבן אין אָט די מעשה־ביכלעך, — האָב איך אָנגעטון די שפּאַקולן, פאַרשטייט איר מיך, און אַריינגעקוקט אין אַזאַ מעשה־ביכל. אויב כ'האָב קיין טעות נישט איז אויפן שער־בלעטל איז געווען אָנגעגעבן אַ געוויסער אמ"ד. ער זאָל זיין טאַ־קע אַ היגער, אַ ווילנער הייסט עס, דער מחבר".

„נו, נו — האָט נייגעריק געפרעגט אַ צווייטער — וואָס האָט איר זיך דערוווּסט פון דעם מעשה־ביכל? טשעקאַווע צו הערן."

„עפּעס אַ מעשה מיט אַ פאַרליבעניש — האָט אים אָפּגעענט־פערט דער ערשטער. — הלמאי לאָמיך זאָגן, ס'איז געווען זייער קונציק געשריבן, וויציק און שפּיציק, ווי ס'שטייט אויפן שער־בלאַט. די מעשה מיטן אַקוראַט געדענק איך נישט, אָבער איין זאַך בין איך געוואָר געוואָרן: אַז דער מחבר איז פון די נייע פייגל, וואָס האַלטן, אַז יידן זענען אָפּגעשטאַנען, מען דאַרף זיי אַביסל אויסבילדעווען, מאַכן מיט לייטן גלייך. איר ווייסט שוין, מסתמא, וואָס דאָס הייסט ביי דעם מין שרייבערלעך: מיט לייטן גלייך".

„איך האָב ליב, אַז יידן רעדן סתם אין דער וועלט אַריין — האָט זיך פּלוצים אָנגערופן איינער פון דער עדה, — מעשה־ביכלעך, פאַרליבעניש, איינער פון יענע פייגל — איך, מיינע ליבע יידן, האָב געלייענט. נישט נאָר אַריינגעקוקט, אָן ערך פון הונדערט מעשה־ביכלעך פון דעם דאָזיקן שרייבער, וואָס חתמעט זיך אמ"ד און הייסן הייסט ער אייזיק מאיר דיק. די דאָזיקע מעשה־ביכלעך זענען נישט קיין סתם אויסטראַכטעניש — נישט געשטויגן נישט געפלויגן — נאָר ביכלעך, וואָס האָבן אַ מיין. זיי מאָלן דאָס יידישע לעבן

מיטן אַקוראַט, זענען אויסן צו בילדן דעם פּראָסטן מענטש, אים דערציילן פון וועלט־זאַכן. אמת, זיי לאַכן אָפּ פון דעם מין יחוס און אַנדערע נאַרישקייטן, וואָס מיר יידן האַלטן זיך נאָך מיט זיי, גליך זיי וואָלטן געשטאַמט פונם באַרג סיני. כ׳לעבן, ס׳וואָלט נישט געשאַדט, אַז נישט נאָר ווייבער, נאָר אַפילו יידן מיט בערד זאָלן אַריינקוקן אין די דאָזיקע מעשה־ביכלעך. זיי וועלן געוווּיר ווערן, אַז נישט אויף יענער זייט מילן ענדיקט זיך די וועלט, און אַז זיי, איך בעט איבער אייער כבוד, ליגן, ווי דער וואָרעם אין כריין און מיינען, אַז קיין זיסערס איז נישטאָ.״

יידן האָבן זיך איבערגעקוקט: ווער איז דאָס דער חכם עתיק? אהא, ס׳איז ר׳ שלומקע אפּיקורס. אַ בעל־מלאכה, וואָס האָט זיך צוגעכאַפּט צו די נייע ספרימלעך, וואָס גייען אַרום אויף עברי־טייטש. זיי, די פרומע יידן, וואָלטן אים געענטפערט, און נאָך ווי אַזוי געענטפערט, ווען נישט אַ פּאַסירונג, וואָס האָט אַלעמען צעטרייסלט און געמאַכט פאַרגעסן אין דעם ביז נאָר־וואָס געפירטן שמועס.

אין לייבוש קאַמינסקיס שטוב האָבן זיך איבערגעשריגן קול־לות. ער, רב לייבוש קאַמינסקי, האָט געשריגן: „ס׳וועט זיין אַזוי ווי איך וויל״. זיין ווייב, די אשה צנועה פערעלע, האָט זיך געבעטן: „נאָר נישט מיט כעס, לייבוש, ביז איבערמאָרגן וועט זי זיך נאָך איבערטראַכטן. זי איז אַ געטרייע טאָכטער און וועט טון וואָס טאַטע־מאַמע וועט הייסן״...

די טאָכטער האָט אָבער געוויינט און וויינענדיק געשריגן: „ניין, ניין, ניין! איר וועט ביי מיר גאָרנישט פועלן. איך וועל גיכער גיין פון דער וועלט, איידער צו נעמען אַזאַ חייציקל אַליין פאַר אַ מאַן״.

„ווער איז דאָס דער חייציקל אַליין?״ — האָבן איבער־געפרעגט די ווייבער — דער חתן אירער? דוכט זיך, אַז ער הייסט גאָר אין גאַנצן אַנדערש.

— חייציקל אַליין — האָט זיך אָפּגערופן שלומקע אַפּי־קורס מיט אַ טריומפירנדיקער מינע, — דאָס איז אַ העלד, אַ גע־ראָי פון אייזיק מאיר דיקס מעשה.

די יידן און די יידענעס האָבן זיך איבערגעקוקט, און זייער איבערקוקן זיך האָט באַטייט: ער רעדט פון היץ, צי ער איז סתם חסר דעה, אָט דער ייד. וואָס קער זיך אָן אָט דער „גערויי" פון אייזיק מאיר דיקס מעשה מיט לייבוש קאַמינסקיס טאָכטער און מיט דעם שידוך, וואָס רב לייבוש וויל יאָ און זיין בת יחידה וויל נישט, און ס'איז איר ליבערשט צו גיין אין קבר אַריין, איידער צו דער חופה?

דער „אפיקורס" האָט, ווייזט אויס, פאַרשטאַנען דאָס איבערווונקען זיך און ער האָט נישט קיין סך געבריידעט און אָנגעהויבן צו דערציילן די מעשה מיט דעם נגיד, רב שמערל שיפּער, און זיין תכשיט חייציקל. ער האָט די מעשה געדענקט כמעט וואָרט ביי וואָרט און וואָלט זי זיכער דערציילט פון אָנהויב ביזן סוף, ווען ס'וואָלט זיך נישט דערהערט אַ מוראדיקער קוויטש, אַ שאַרף געוויין און דאָס געשריי פון רב לייבוש קאַמינסקי: „אַ דאָקטאָר! אַ דאָקטאָר!"

גרשון דער משרת איז אַרויסגעלאָפן פייל־אויס־בויגן. זיך דורכגעשלאָגן מיט די עלנבויגנס דורך די רעדלעך יידן און יידענעס, וואָס זענען געשטאַנען פאַרן הויז. משמעות, אַז די בת יחידה האָט ווידער געחלשט און נאָר איין גאָט ווייסט, ווי די מעשה וועט זיך ענדיקן.

„די מעשה וועט זיך ענדיקן — האָט זיך אָפּגערופן בערל מלמד — מיט דעם, וואָס רב לייבוש וועט אויספירן זיינס. און די חתונה וועט זיין, ווי גאָט האָט געבאָטן און — פּטור".

„פון וואַנען זשע ווייסט איר עס אַזאַ חכם, רב בערל? — האָט זיך געהיצט דער „אפיקורס". — לויט מען שמועסט, זענען מלמדים דווקא נישט פון די גאָר גרויסע חכמים. און אַז איר ווילט אייך איבערצייגן אויף קלאָר, גייט אַהיים און לייענט אייך דורך דיקס „מעשה וועגן דעם מלמד ר' חייקל יענטעס פון דער שטאָט פּיוסק, וואָס איז געשוווּמען קיין אַמעריקע", און ס'וועט אייך ליכטיק ווערן אין די אויגן".

אַ וואָרט פאַר אַ וואָרט, דער מלמד מיטן „אפיקורס" האָבן זיך געהיצט. דער מלמד האָט געשאָטן מיט פּסוקים און דער

„אַפּיקורס" מיט גלייכווערטלעך און מיט טייטשעשע ווערטער, וואָס ער האָט זיך אויסגעלערנט פון דיקס מעשה־ביכלעך.

ווער ווייסט מיט וואָס די מלחמה וואָלט זיך געענדיקט. נאָר גראָד אין דער רגע, ווען ס'האָט שוין געהאַלטן ביי פּעטש, איז פאַרן הויז פאַרפאָרן אַ קאַרעטע און דער קריסטלעכער דאָקטאָר, אין אַ לאַנגן, שוואַרצן האַוועלאָק, איז אַריינגעגאַנגען צו רב לייבוש קאַמינסקי אויף אַ וויזיט.

„וואָס קומט דאָ פאָר?" — האָט פּלוצים אַ פרעג־געטון אייזיק מאיר דיק, וואָס איז גראָד פאַרבייגעגאַנגען און געזען דאָס געזעמל מיט יידן און יידענעס.

געפרעגט האָט ער איינעם, נאָר אָנגעהויבן צו דערציילן האָבן עטלעכע מיטאַמאָל. יעדער האָט עפּעס געוווסט, וואָס דער צווייטער האָט אָפּגעלייקנט, באַוויזן, אַז ס'איז פּונקט קאַפּויער. איז דוכט זיך גוט, קומט דער דריטער און זאָגט, אַז ער קאָן באַווייזן מיט עדות, אַז ס'איז גאָר אַנדערש, ווי יענע ביידע האָבן געזאָגט.

דיק איז געשטאַנען און האָט זיך צוגעהערט מיט גרויס אינטערעס. ער איז אַ געניטער. ער קען זיינע יידן און ווייסט, אַז אויב ער וויל עפּעס געוווירער ווערן, מוז ער אַלע לאָזן אויסרעדן, אויסצוזייטשן, דרייען מיט די פינגער. און דערנאָך פון הונדערט ווערטער אויפכאַפּן איינס, אָבער אַ וויכטיקס. יעדעס וואָרט איז אַ שליסל צו עפּעס, אָבער נישט יעדער שליסל פּאַסט זיך צו יעדן שלאָס. מען דאַרף געפינען דאָס פּאַסיקע וואָרט, וואָס זאָל קלאָר מאַכן דעם ענין...

און ס'האָט נישט געדויערט קיין סך און ס'איז פאַר אים אַלץ געלעגן אויף דער האַנט. קלאָר ביז צום ווייטיק. פאַראַן נאָך אַ סך טונקעלע ווינקלען אין יידישן לעבן, וואָס נויטיקן זיך אין אַ תיקון. איינערדענישן און אַבערגלויבענישן פּלאָטערן אַרום, ווי פלעדערמייז און פּילן זיך היימיש אויף דער יידישער גאַס. ער דערמאָנט זיך דאָס טשעקאַווע באַגעגעניש פון צוריק מיט עטלעכע וואָכן. ער איז אַהיימגעגאַנגען שפּעט ביינאַכט, און דורכגייענדיק דעם שול־הויף האָט ער געזען, ווי ישראליק דער יתום דרייט זיך אַרום איינער אַליין איבערן שול־הויף, און ער, אייזיק מאיר דיק,

וואָלט געקאָנט שווערן, אַז ער האָט געזען די זילבערנע לאַטע, וואָס די לבנה האָט מעשה־חוזק צוגעלייגט צו דעם יתומס הויקער.

מילא, אַ יתום — האָט ער דערנסטמאָלט געטראַכט. ס'מאַכן זיך אַזעלכע זאַכן. טאַטע־מאַמע מוזן שטאַרבן. אַזוי איז דער סדר־העולם. אָבער צי יעדער יתום מוז זיך וואַלגערן אין שול־הויף, דאָס איז שוין אַ קשיה. און צו וואָס טויג דער הויקער, איך בעט אייך? כדי די לבנה זאָל אויף אים לייגן איר חוזק־לאַטע?

אַזוי האָט דיק געטראַכט דערנסטמאָלט און דאָס אייגענע טראַכט ער איצט. די חוזק־לאַטע אויפן יידישן הויקער ברענט און יידן פילן עס אפילו נישט, זיי טראָגן דעם הויקער מיט גדלות, ווי אַן אמתן יחוס־בריוו.

דער עולם איז זיך צו־ביסלעך פאַנאַנדערגעגאַנגען. יעדער אין זיין וועג. און אייזיק מאיר דיק האָט זיך אויך דערמאָנט, אַז אייגנטלעך האָט ער שוין פון לאַנג באַדאַרפט צו זיין אין ראָמס דרוקעריי. ערשטנס האָט ער מיט זיך אַ שפּאָגל־נייע מעשה „דער ווייבערישער סוד". דער עולם וועט פון דער מעשה גאָר אָנקוועלן. און צווייטנס, צווייטנס וויל ער איבערשמועסן מיט איר, דער דרור־קערין דבורהקע, איר געבן צו פאַרשטיין, אַז צוויי רובל פאַר אַ מעשה־ביכל איז צו־ווינציק. — ס'טייטש, — וועט ער איר זאָגן, — דבורהקע, זאָלט איר מיר געזונט זיין, מיינע מעשה־ביכלעך לייענט מען, קיין עין־הרע, געשמאַק. מען רייסט די קליינע ביכעלעך פון אמ"ד ממש פון די הענט, איז פאַרוואָס־זשע זאָל טאַקע דער מחבר נישט האָבן כאָטש דריי רובל פאַר אַ מעשה?

און אייזיק מאיר דיק זעט שוין אין דמיון, ווי די דאָזיקע ברייטע יידענע, מיט די קלוגע שוואַרצע אויגן ראַנגלט זיך מיט אים, וויל נישט איינגיין אויף זיינע תביעות, אָבער ס'וועט איר העלפן, ווי אַ טויטן באַנקעס. וואָרום וואָס, אַ שטייגער, קאָן זי טון? אויפהערן צו דרוקן דיקס מעשיות? גייט שוין גייט. יידישע ווייבער וועלן האָבן פאַרשטערטע שבתים און דבורהקע וועט אָנ־ווערן אַ נישקשהדיקן פדיון, וואָס ביידע זאַכן — אַזוי טראַכט אייזיק מאיר דיק — קאָנען נישט געמאָלט זיין. סיידן ס'וועט זיין באַשערט אַן אומגליק ר"ל.

דער שווארצער דאָקטאָר אין דער קארעטע איז פארבייגע־פאָרן. דיק האָט אים באַמערקט און ער האָט זיך דערמאָנט אָן דעם, וואָס די יידן האָבן אים דערציילט וועגן ליבוש קאַמינסקי און זיין טאָכטער. ס׳איז נישט די ערשטע און נישט די לעצטע טראַגעדיע אין יידישן פאַמיליע־לעבן. אַ סך מאָל ענדיקט זיך אַזאַ סכסוך מיטן נצחון פון טאַטע־מאַמע, אָבער אין דעם פאַל איז פאַראַן די סכנה, אַז אויב ר׳ ליבוש קאַמינסקי וועט נישט נאָכ־געבן, זאָל דאָס יונגע מיידל גיין פון דער וועלט. דאָס חלשן אַלע ווילע און דאָס מוזן אָנקומען אַלעמאָל צום דאָקטאָר, ווייזן באַ־שיימפערלעך, אַז ס׳קאָן זיך, חלילה, אויסלאָזן זייער, זייער שלעכט.

די פאַנטאַזיע פון דעם פופציק־יאָריקן מעשה־שרייבער האָט אָנגעהויבן צו שפּילן. ער האָט בפירוש געפילט, ווי עס פּיקט זיך אויס אַ נייע מעשה, אַ מעשה, גענומען פונם לעבן. „אַ מעשה שהיה, וואָס האָט פּאַסירט אין דער שטאָט אילון. פון דער מעשה קאָן אַ יעדער זען, ס׳אַרא אומגליק ס׳איז אַמאָל געשען מיט דער בת־יחידה פון רב ליבוש קאַמינסקי, וואָס וואַר וואונדער שיין״.

אַזוי טראַכטנדיק און קלערנדיק איז ער צוגעקומען צו ראָמס דרוקעריי. ער האָט איבערגעגעבן זיין מאַנוסקריפּט און פאַרפירט אַ שמועס וועגן דעם און יענעם, ביז ער איז צוגעקומען צו דעם ענין, וואָס האָט אים געקוועטשט, נעמלעך, אַז ער וויל פון היינט אָן פאַר אַ מעשה־ביכל דריי רובל, און נישט ווי ביז איצטער צוויי. „כ׳לעבן, — האָט ער גשטענהט, — ס׳איז נישט קיין יושר, אַ מחבר מוז אויך לעבן, בפרט, אַז מיינע מעשה־ביכלעך שלינגט מען, ווי האָלעשקעס״...

דבורהקע די דרוקערקע האָט אויפגעעפנט מויל און אויערן: „ס׳טייץ, — האָט זי געטענהט, — וואָש רעדט איר, ר׳ אייזיק מאיר? צוויי רובל זענען שוין אויך צו־פיל. ווער האָט עס גע־הערט אַזוינס: דריי רובל פאַר אַ מעשה־ביכל? גייט סוין גייט. איר טרייבט קאַטאָוועס״.

ס׳האָט איר אָבער גאָרנישט געהאָלפן. אייזיק מאיר האָט זיך איינגעשפּאַרט און האָט אויסגעפירט זיינס. זיינע מעשה־ביכלעך האָבן שוין אַ שם. זיי זענען אי אינטערעסאַנט, אי באַלערנדיק,

מיט קאַטאָוועסלעך און מיט ערנסט. מען קאָן זיי אי לייענען, אי לערנען פון זיי. לעצטנס האָט ער אָנגעהויבן צו שרייבן מיט אַ סך נייטשישע ווערטער מיט דער כוונה, אַז זיין „טייערע לעזערין" זאָל זיך אויסלערנען אַביסעלע „טייטש".

די דרוקערקע האָט אים פאַר דעם נייעם מעשה־ביכל באַצאָלט גאַנצע דריי רובל. אַ שטיק געזונט האָט עם איר געקאָסט, אָבער זי האָט באַצאָלט, און אייזיק מאיר איז אַרויסגעגאַנגען האָפערדיק, צופרידן פון דעם נצחון. איצט וועט ער, ווי דער שטייגער, יעדע וואָך אָדער צוויי צושטעלן אַ נייע מעשה און באַקומען מיט אַ רובל מער.

פאַרבייגייענדיק אויף צוריק ר' לייבוש קאַמינסקיס הויז, איז ער שטיין געבליבן, זיך אַ ווײַלע צוגעהערט, אָבער ער האָט גאָר־נישט געהערט. ס'איז שוין געווען שטיל, גלייך גאָרנישט געשען. אפשר — האָט ער אַ טראַכט־געטון — איז די טאָכטער שוין מסכים צום שידוך און די חתונה וועט טאַקע זיין מאָרגן, איבער־מאָרגן, ווי טאַטע־מאַמע ווילן.

ווי אַזוי ס'זאָל נישט זיין — האָט ער באַשלאָסן — אין דער מעשה, וואָס איך וועל איצט שרייבן, וועל איך זיי געבן אַ גאָב, אַט דעם דאָזיקע טאַטעם און מאַמעם. און די טאָכטער, די בת־יחידה, וועט אין מיין מעשה חתונה האָבן דווקא מיט דעם, וואָס איר האַרץ באַגערט. ער האָט הנאה געהאַט פון דעם שפּיצל, וואָס ער גרייט זיך אָפּצוטון אין זיין נייער מעשה און מיט אײַליקע טריט איז ער אַהיימגעגאַנגען, כדי זיך צו זעצן שרייבן...

בערל בראָדער

אין איינפאָר־הויז האָט געזשומעט, ווי אין אַ מיל. יידן, ווייבער און קינדער. דער באַלעבאָס — אַ קליין, מאָגער יידל, מיט אַ יאַרמעלקע אויפן קאָפּ, האָט זיך אַרומגעדרייט צווישן די אורחים, געוואָרפן אַ וואָרט דאָ, אַ וואָרט דאָרט. זיך אַ ווײַלע צוגעהערט צו דער מעשה, וואָס אַ הויכער געלער ייד האָט געצויגן שוין אַ היפּש שטיקל צייט, און ווי־ניער געלאָפן. ער האָט אַ זיפץ געטון. די מעשה פון די וואַלד־גזלנים האָט זיך געלייגט ווי אַ שאָטן איבער דער גרויסער שטוב. ווייבער האָבן איינגעהאַלטן דעם אָטעם. די מעשה־נורא האָט געסטראַשעט. די פאַנטאַזיע פון די צוהערער האָט געמאָלן דעם וואַלד, די הייל, דעם סוחר מיטן טייסטער געלט און די דרייצן גזלנים, וואָס וואַרפן זיך אויף אים פון צווישן די ביימער אַרויס.

— בררר...

אַ קינד, וואָס אַ דאָרפישע יידענע האָט געבראַכט אין שטאָט אַריין צום דאָקטאָר, צעוויינט זיך. די מאַמע בטלט־אויס אַלע בייזע חלומות צו די קעפּ פון די צוהערער מיטן דערציילער אינאיינעם, צו זייערע הענט און פיס, צו זייער לייב און לעבן.

יידן זעצן זיך אַרום גרויסן טיש. דער מעשענער סאַמאָוואַר זידט, זשומעט. אַן אַלטער, באַקאַנטער היימישער ניגון... דער פּחד טרעט־אָפּ אין אַ זייט, צערינט. די מעשה פונם הויכן, געלן ייד פאַרגעסט מען צו־ביסלעך, גלייך זי וואָלט קיינמאָל נישט דערציילט געוואָרן.

אַ ייד זאָגט אַ גלייכווערטל צום גראַם, אַ צווייטס. אַלע לאַכן, די גלייכווערטלעך האָט מען שוין נישט איינמאָל געהערט, אָבער פונדעסטוועגן לאַכט מען נאָכאַמאָל געשמאַק. מען האָט הנאה פון זיי. דאָס זענען די גלייכווערטלעך פון בערל בראָדער.

„אַט דער בערל בראָדער איז אַ ממזר אַ ייד, — כאַפּט זיך אויף איינער — זיינע לידער זענען מלא טעם. איר קענט אפשר „דאָס ליד פונם שינדל־שלעגער", „דאָס ליד פונם פּאַסטוך"? זיי צעגייען זיך אין יעדן אבר".

„אַ שאלה אַביסל, צי איך קען די לידער, — רופט זיך אָפּ אַ צווייטער, אַ ייד אַ חלוש, וואָס רעדט ברייט — און אים אַליין קען איך דען נישט? נאָך אַ מין קענען. מיר זענען דאָך פון איין שטאָט, זענען מיר".

„איר זענט, הייסט עס, אַ בראָדער?"

„שייך צו זאָגן אַ בראָדער? מאָלט אייך, אַז קיין בראָדער בין איך טאַקע נישט. נאָר געזען האָב איך אים און געהערט אים זינגען אין פאַרשידענע איינפאַר־הייזער. יידן, זינגט ער! ווער מיר גוטס גינט. די ווערטער זענען פּערל. די נגונים — זיס און טרויעריק, אַז ס'גלוסט זיך דיר וויינען, ווי אַ פּיצעלע קינד ממש.

דער באַלעבאָס פון איינפאַר־הויז, דערהערנדיק דעם שמועס וועגן בערל בראָדער, איז צוגעגאַנגען צום טיש, אַ גלעט געטון דאָס שיטערע בערדל און געזאָגט:

„ביי מיר אין איינפאַר־הויז פלעגט בערל בראָדער אָפּט זינגען זיינע לידער, נאָר זינגט אַ שטיקל צייט איז ער ווי אין וואַסער אריין. נישט מען זעט, נישט מען הערט... דאָס הייסט — הערן הערט מען דווקא יאָ וועגן אים. ערשט אַנומלט האָבן מיר דערציילט עטלעכע סוחרים, אַז ער האָט צונויפגעשטעלט אַ קאָמפּאַניע, זיי רופן זיך „בראָדער זינגער". מיט דער דאָזיקער חברה פאָרט ער ארום איבער שטעט און שטעטלעך. דאָ נישט לאַנג איז ער געווען אין וואַרשע, אין לובלין. איבעראַל, ווו די וועלט האָט אַן עק, שלעפּט ער זיך ארום מיט זיין קאָמפּאַניע. איצט זאָל ער זיין ווידער אין אונזערע קאַנטן. ס'קאָן גרייטלעך געמאָלט זיין. ביי אַזאַ וואַנדערפויגל שפּילט עס נישט קיין ראָלע. אָט איז ער דאָ, און אָט — ערגעץ אַנדערש".

„אַ שיינע פּרנסה, — איז מבטל אַן עלטערע יידענע דעם גאַנצן עסק — יידן שלעפּן זיך ארום, ווי די ציגיינער, מאַכן גראַמען. שטראָם, גראַם מאַך מיר אַ לעטניק! זייערע ווייבער איז נישטאָ

וואָס מטנא צו זיין. אַ וויסטע דאָליע מוזן זיי נעבעך האָבן, די ווייבער זייערע, מיין איך. אַזאַ מאַנצביל, ווי אָט דעם בערל בראָדער, וואָלט איך די בארד אויסגעריסן, ווי איר זעט מיך לעבן".

יידן שמייכלען. גיי גיב צו פאַרשטיין אַ נאַרישער יידענע דעם שכל פון בערל בראָדערס לידער. דאָס זענען דען לידער סתם אַזוי? „פייגעלע, וועגעלע, ס'טוט ווי דאָס מעגעלע". אין די לידער איז פאַראַן אַ מוסר, ווי אַזוי יידן פינסטערן, נעבעך, האָרעווען, ווערן אויסגעריסן. אַלע יידישע פּרנסות באַזינגט ער, אָט דער בערל בראָדער. „איך נעבעך אָרימער וואַסער־טרעגער", „איך נעבעך אָרימער שינדל־שלעגער". ער זינגט וועגן דער נאַרישקייט, וואָס האָט הצלחה, און וועגן דעם חכם, וואָס ליגט ניין איילן אין דער ערד. אין זיינע גראַמען פילט ער מיט דעם אָרעמאַן, וואָס פּלאָגט זיך ס'גאַנצע לעבן און קומט נישט צו קיין תכלית, און אַלץ מיט אַ קרעכץ, וואָס דערגייט צו דער זיבעטער ריפּ. אַז ער, בערל בראָדער, זינגט זיינע לידער, זעסטו דאָס יידישע לעבן, ווי עס שטייט און גייט. די גבירים, וואָס לאָזן זיך וווילגיין אויפן חשבון פונם אָרעמאַן, די כלי־קודש, וואָס לעבן אַ גוטן־טאָג, און די פינסטערע זאַבאָבאָנעס, וואָס שפּרעכן־אָפּ עין־הרע'ס אין די אָרעמע יידישע געסלעך. און ווי ענדיקט זיך ביי אים „דאָס ליד וועגן גאָלדענעם מאָרגן"? וואַרט נאָר אַ ווײַלע, אהא, דערמאָנט זיך: „גאָט מאַך שוין ליכטיק די פינסטערע וועלט".

טפּררר...

אַ פור פאַרהאַלט זיך פאַרן אַריינפאָר־הויז. מען הערט, ווי עמיצער דינגט זיך מיטן בעל־עגלה. דער בעל־עגלה שרייט, שווערט זיך, שעלט. אַ קנאַק מיט דער בייטש: „וויאָ" און די פערד רירן פון אָרט.

די טיר עפנט זיך. אַ מיטל־וווקסיקער ייד מיט אַ גרויל־עכער באָרד שאַרט זיך אַריין. ער טראָגט אַ פּעקל אונטערן אָרעם. דער באַלעבאָס לויפט אים אַנטקעגן.

„שלום־עליכם, ר' בערל! אָקאָרשט האָט מען פון אייך גערעדט. מען זאָל געוועזן דערמאָנען משיחן"...

דער נייער אורח לאָזט־אַראָפּ דאָס פּעקל אויף דער ערד, קוקט זיך אַרום איבער דער גערוימער אָנגערויכערטער שטוב און ברומט:

,,פאַראַן קיינע האָרע אורחים ביי אייך, ר׳ דוד. יידן פאָרן, קיינע האָרע, איבער דער מדינה. מען האַנדלט, מען וואַנדלט. איי־נער מיט דאָס, דער צווייטער — מיט יענץ, איינער מיט שמאַטעס, דער צווייטער מיט גענז. און פון די אַלע זאַכן, איז נישטאָ קיין שבת צו מאַכן״.

ער וואַרפט פון זיך אַראָפּ דעם אָפּגעריבענעם טוליפּ, וויקלט־אָפּ דעם וואָלענעם שאַל פון אַרום האַלז און זאָגט צום באַלעבאָס:

,,איר פאַרשטייט, ר׳ דוד, כ׳האָב היינט אויף דער נאַכט גע־דאַרפט זיין אין שעמעריץ. דאָרט וואַרט מיין קאָמפּאַניע. וואָס־זשע טוט אָבער גאָט? ווערט קאַליע אַ ראָד אויפן וועג. קוים דערשלעפּט זיך אַהער. דאַרף מען דאָ איבערנעכטיקן, און מאָרגן, בלי נדר, גאַנץ פרי — ווייטער אין וועג אַריין״.

בערל בראָדער זעצט זיך אַוועק ביים טיש. מען דערלאַנגט אים עפּעס איבערצוכאַפּן. אַ גלאָז טיי. ער מישט מיטן לעפעלע די הייסע טיי, בלאָזט אין גלאָז אַריין, וואַרעמט זיך דערביי די פאַר־פרוירענע פינגער.

די יידן אין קרעטשמע וואַרפן אויף אים זייטיקע בליקן. אָט דאָס, הייסט עס, איז עס דער בערל בראָדער, וואָס מען זינגט זיינע לידער, ווו מען שטייט און ווו מען גייט. לויט דער וועטשערע, וואָס ער האָט געגעסן, אַ שטיקל מאַרינירטן הערינג און אַ רייפּטל ראַזעווע ברויט, דערקענט מען, אַז ער איז ווייט פון ראָטשילדן, און די אָפּגעריבענע מלבושים שרייען בקול רם, אַז ער איז, לאַ עלינו, אַ קבצן אין זיבן פּאָלעס און אפשר טאַקע אין גאַנצע פּערצן.

יידן פאַרפירן מיט אים אַ שמועס מכוח אַכצן און דרייצן. אַ מענטש ווי ער, בערל בראָדער, האָט דאָך געזען אַ ביסל אַ וועלט. וואָס הערט זיך מיט יידן? ווי אַזוי לעבן זיי? ווי גייט עס דאָרטן דער מסחר? אין רומעניע, שמועסט מען, זענען די יידן פאַרגרעבט, קאָנען אפילו נישט דאַווענען ווי ס׳דאַרף צו זיין. יידן פראָסטאַקעס. אַבי דאָס גלעזל וויין איז ביליק און מען טרינקט אויף וואָס די וועלט שטייט.

בערל ענטפערט אויף אלע קשיות. צו־ביסלעך ווערט מען היי־מישער: עס האלט שוין דערביי, אז בערל זאל עפעס זינגען.

בערל בראָדער איז תיכף גרייט. אמאָל, ווען ער האָט נאָך געהאנדלט מיט חזיר־האָר, פלעגט ער זינגען אין די איינפאָר־הייזער פאר פארגעניגן וועגן. היינט איז דאָס אָבער זיין פרנסה. ער וועט זינגען, און זיי, די צוהערער, וועלן ארייננווארפן אין טעלער א מטבע, יעדער נאָך זיינע כוחות און לויט זיין בייטל. אזוי איז ער זיך נוהג איבעראל, און אזוי וועט עס שוין זיין ביז דער מלאך מיט די טויזנט אויגן וועט אים א קלאפ־טון אין פלייצע און זאָגן: „בערל בראָדער, גענוג געזונגען, קום!"

אלע אורחים זענען מסכים. בערל בראָדער וועט זינגען און זיי וועלן באצאָלן יעדערער לויט זיינע כוחות, לויט זיין בייטל. פרנסה איז פרנסה. נאָר די יידענע זיצט אין א ווינקל און וואָר־טשעט: „נאָ־דיר א בדחן אין א פראָסטן מיטוואָך, אָן א חתונה און אָן קלעזמער. משוגע, מיינע שונאים. גראָם שטראָם, מאַך מיר א לעמניק".

בערל בראָדער שטעלט זיך אויף. דער עולם הויבט־אָן בא־שטעלן. דער וויל „דאָס ליד פונם וואסער־טרעגער", א צווייטער — „דאָס ליד פונם שומר", א דריטער — „דאָס ליד פונם שדכן".

בערל בראָדער טוט א שמייכל: „וואָס טויג אייך, מיינע ליבע יידן, אזעלכע לידער, וואָס איר האָט שוין געהערט צענטליקער מאָל, א מער וועל איך אייך זינגען פון מיינע נייע לידער. אָט למשל דאָס ליד וועגן זיך אליין".

דער עולם ווערט אנטשוויגן. שא, שטיל, א פליג קאָן מען הערן. אפילו דאָס וואָרטשען פון דער נישט־צופרידענער יידענע פארקריכט זיך ערגעץ, ווערט בטל.

בערל בראָדער הויבט־אָן זינגען. די טונקעלע אויגן זיינע ברע־נען. די גרויזלעכע באָרד ציטערט:

איך, בערל בראָדער,
איך שריי צו אלע מענטשן:
הערט־אויס ווערטער, ווי פערל,
מיט חן זאָל מיך גאָט בענטשן.

איך, בערל פון בראָד,
איך בין די קלענסטע בריאה,
איך דאַנק דיר און לויב דיך, דו זיסער גאָט,
פון דיר איז מיין ישועה.

דאָס איז דער אריינפאָר. די רעקאָמענדאַציע צום עולם. זייט זיך מטריח, הייסט עס, און ווייסט, אז בערל בראָדערס ווערטער זענען נישט סתם קיין ווערטער, נאָר טאַקע פערל.

מיינע ליבע, גוטע ברידער,
הערט זיך נאָר צו
צו מיינע שיינע לידער
און אויך צו דער שיינער מעלאָדיע.

איך, בערל פון בראָד,
איך בין די קלענסטע בריאה,
איך דאַנק דיר און לויב דיך, דו זיסער גאָט,
פון דיר איז מיין ישועה.

און בערל בראָדער הויבט־אָן צו שילדערן די שווערע מלאכה פון מאַכן לידער. יידן מיינען, אז ס׳איז א קלייניקייט, אז ס׳איז גרינג אויף יענעם א ליד צו פאַרפאַסן און מען זאָל פון יענעם נישט חוזק מאַכן. אים, בערלען, פאַרדריסט עס: „ער מעג האָבן ווי גוט נעקלערט, פאַרשטייט קיינער נישט זיינע שמועסן, ווי טייער עס האָט דערוועריט״.

אַלע אורחים וואַרפן א בליק צו דער יידענע, וואָס האָט די גאַנצע צייט געוואָרטשעט, דאָס מיינט ער זי. זי וויל עס נישט פאַרשטיין, ווי טייער בערל בראָדערס א ליד האָט די ווערט. זי און נאָך אַזעלכע יאַכנעס מיט בערד און אָן בערד. זיי אָבער פאַר־שטייען, ב״ה. זיי פאַרשטייען און האָבן הנאה. זיי שלינגען ממש יעדעס וואָרט.

אַלע פילן, אז בערל בראָדער איז גערעכט, ווען ער זינגט ווייטער אין זיין ליד: אז „ס׳איז שווער צו צילן אין יענעמס כאַ־ראַקטער און אים מאָלן מיטן אַקוראַט און דערביי נישט אָראָפּצו־זעצן קיין שום בריאה, אפילו אויף דער מינדסטער האָר.״

דעם רעפריין „איך בראָדער בערל" ברומען אַלע מיט. אַלע ייִדן, וואָס זענען אונטערוועגס, פונקט ווי בערל בראָדער און וואָס דער גורל האָט זיי צונויפגעפירט אויף אַ באַגעגעניש אין דער אכסניה.

בערל בראָדער זינגט דאָס ליד פון די גזירה-חתונות. דאָס ליד פון יענער בהלה, וואָס האָט געשלעפּט אונטער דער חופּה קליינע קינדער, צונויפגעשדכנט קרום מיט גלייך, אַלט מיט יונג. ער מאָלט די בהלה אַזוי לעבעדיק, ממש מיט די פינגער אָנצוטאַפּן.

דער עולם הערט. איז זיך מחיה, לעקט די פינגער. דעם היינ־טיקן אָוונט וועלן זיי זייער גאַנץ לעבן נישט פאַרגעסן. זיי וועלן האָבן צו דערציילן פאַר קינדער און קינדסקינדער...

מען וואַרפט מטבעות אין טעלער. קיינער קאַרגט נישט. ווער מער, ווער — ווייניקער, אָבער יעדער גיט. נאָר די ייִדענע, וואָס האָט כסדר געוואָרטשעט, האָט זיך אַרויסגעשאַרט אין דער לעצ־טער רגע און פאַרגעסן דעם „זיי געזונט".

— די אמתע ארורה, — טראַכט יעדער — און געזעגנט זיך מיט אַ „גוטער נאַכט". מאָרגן, מירצעשעם, דאַרף מען אויפשטיין אינדערפרי, גאַנץ קאַיאָר, האַנדלען, וואַנדלען, יאָגן און דעריאָגן דאָס שטיקל ברויט.

בערל בראָדער שאַרט צונויף דאָס געלט. איבערציילן וועט ער, מירצעשעם, מאָרגן. איצט איז ער מיד פון אַ גאַנצן טאָג שלעפּן זיך מיט אַקס. מאָרגן גייט די אייגענע סדרה. די בראָדער זינגער וואַרטן אויף אים. ער האָט פאַר זיי אַ נייעם רעפּערטואַר. שוין איינמאָל לידער. איינס אין איינס, אמתע פּערל.

ער פאַלט־אַוועק אויפן געלעגער. אין פענסטער שיינען־אַריין גרינע, פּראָסטיקע שטערן. אין חלום פּלאָנטערט זיך אים פערד און וואָגן, בעל־עגלה, בייטש, שטעט און שטעטלעך. אָן אַ שיעור, אָן אַ שיעור...

יעקב פסנתר

א טריבער, הארבסטיקער פארמיטאָג. א דריבנע רעגנדל טריפט און נודיעט אָרוים די נשמה. דאָס מאָגערע פערדל שלעפּט קוים דעם גרויסן, פויערשן וואָגן. דער פויער מיט דער גרויסער, שווארצער קוטשמע אויפן קאָפּ וויאָקעט, קנאַלט פויל מיט דער בייטש:

„העשטיאָ, וויאָ! העשטאָ, וויאָ!"

אויף דער פויערישער פור — א כאַפּטע ציגיינער. נישט קיין סתם ציגיינער, גורל־וואַרפערס, פערד־גנבים, נאָר א קאַפּעליע מוזיקאַנטן. קלעזמער מיט א שם, וואָס שפּילן נישט נאָר אויף פויערישע חתונות אין די וואַלאַכישע דערפער, נאָר ווערן אפילו פאַרבעטן אויף פריצישע פאַרוויילונגען, באָיארישע בעלער.

אָט זיצט דער פידלער גיצע גאַלאַגאַן. א ציגיינער מיט א גע־קרויזטער שווארצער באָרד און גרויסע, ברענענדיקע אויגן. זיין פידל־שפּילן האָט א שם איבער גאַנץ וואַלאַכיע און מאָלדאַוויע. אַן אמתער כישוף־מאַכער, אָט דער ציגיינער גיצע גאַלאַגאַן. קוים טוליעט ער צו די פידל צום האַרץ, פאַרוואַרפט דעם קאָפּ אויף א זייט, לאָזט ער דיך נישט אָפּ אַזוי לאַנג, ביז ער זעט נישט קיין טרערן אין דיינע אויגן.

מען דערציילט אפילו, אַז דער פריץ דימיטרו קאַלימאַן, א פריץ אַן אכזר, וואָס אַזוינס האָט נאָך די וועלט נישט געזען, א רשע, וואָס שמייסט זיינע קנעכט ביז בלוט — אפילו דער מנוול האָט געלאָזט א טרער, בשעת ער האָט געהערט דעם ציגיינער שפּילן אויפן פידל.

אָט זיצט אויפן וואָגן דער ציגיינער נאַיע קאַראַקאַל, א שפּי־לער אויף דער פלייט, אַן אמתער מזיק. נאָר נאָך א גרעסערער מזיק איז ער אויף דערציילן מעשיות. דאַכט זיך, וואָס איז דער מער —

וועלכער ציגיינער קאָן דאָס נישט דערציילן אַ מעשה? לאָזט־זשע געמאַך. קאָנען צו קאָנען איז נישט גלייך. וואָרום די מעשה יאָק די מעשה, דאָס דערציילן איז דער עיקר. אָט נעמט, למשל, דעם פויקער געאָרגע שאַבאַלאַן, דעם טאַצן־קלאַפּער וואַסילע האַראַ־באַזשיו — זיי קענען אויך מעשיות, אפילו די אייגענע, וואָס גאַיע קאַראַקאַל. נאָר אין דעם אופן פון דערציילן, זעט איר, דאָ ליגט דער חילוק.

צווישן דער כאַליאַסטרע ציגיינער אין פויערשן וואָגן זיצט דער צימבלער יעקב פּסנתר. ער איז דער ראש פון דער קאַפּעליע. שוין יאָרן און יאָרן זינגט ער פּאָרט אַרום מיט די ציגיינער. אָט זענען זיי, ווי געזאָגט, אויף אַ פויערישער חתונה, און אָט אויף אַ פּריציש באַל.

די באָרד פון יאַנקו צימבלער זילבערט זיך שוין מיט אַ היפּש ביסל ווייסע פעדים. דאָס לעבן, וואָס ער האָט מיטגעמאַכט מיט די דאָזיקע וואַנדערנדיקע מוזיקאַנטן, וועט ער אפשר אַמאָל באַ־שרייבן. שפּעטער, הייסט עס. דערווייל זענען נאָך פאַראַן אַ סך פויערישע חתונות און באָיאַרישע בעלער אָפּצושפּילן — דערווייל...

היינט אויף דער נאַכט האָט מען אַרויסגעפאָדערט די קאַ־פּעליע אויפן גוט פונם באָיאַר מיהאַ סטורדזאַ. גאַנץ קאַיאָר האָט זיך יעקב צימבלער געלאָזט אין וועג אַריין מיט זיין קאַפּעליע. צום גוט פונם פּריץ איז אַ מהלך. אויפן וועג האָט מען געפּאַקט דעם פויער מיט דער פור. קוים איינגערעדט דעם פויער, ער זאָל זיי מיטנעמען. און איצט פאָרט מען.

„וואָס זיצסטו אַזוי פאַרוואָלקנט, יאַנקו? — רופט זיך אָפּ גיצע גאַלאַגאַן צום שווייגנדיקן פּסנתר. — נאָך אַ פּאָר קילאָמעטער און מירן זיין אין סטעפּאַנעשט. דאָרטן וועלן מיר מאַכן אַ כוסה ביים זשידאַן לופּו. ער האָט ס'אמתע גלעזל וויין. פון סטעפּאַנעשט האָבן מיר נאָך צום פּריצס גוט אַ קלייניקייט. היינט ביינאַכט וועלן מיר אַ שפּיל־טון פאַר די פּריצים, אַז זיי זאָלן אונז האָבן צו געדענקען!“

יעקב פּסנתר, דער צימבלער, שווייגט. גלייך נישט צו אים וואָלט מען עס גערעדט. דאָס וואָרט „זשידאַן“, וואָס דער ציגיי־

נער גיצע גאַלאַגאַן האָט נאָר וואָס געלאָזט פאַלן, האָט אים געטון א שטאָך אין האַרצן. אָט דאָס דאָזיקע באַליידיקנדיקע וואָרט הערט ער שוין נישט דאָס ערשטע מאָל אין זיין לעבן. ער האָט עס שוין געהערט ביי אָפּגעשטאַנענע ציגיינער, ביי פּראָסטע פּויערים און ביי געבילדעטע פּריצים. און תמיד טוט אים דאָס דאָזיקע וואָרט וויי.

ער געדענקט א סצענע אין א מאָלדאַוואַניש דאָרף. ער, יאַנקל צימבלער מיט זיין קאַפּעליע, זענען געזעסן אין דעם דאָרפישן שענק. א וואָלאַך מיט קליינע שוואַרצע וואָנסעלעך, איינער פונם פּריצישן הויף, איז געזעסן ביים טיש שוין פעסט אונטערן גלעזל. ער האָט זיך רק געטשעפּעט צום יידישן שענקער:

„ווו איז דיין טאָכטער, בערקא? פאַרוואָס באַהאַלטסטו די טאָכטער, זשידאַן פאַרשיוועך? שוין זאָלסטו זי ברענגען! הערסט, וואָס מען רעדט צו דיר?"

דער שענקער האָט, ווייזט אויס, געוווסט מיט וועמען ער האָט צו טון. ער האָט זיך געמאַכט נישט הערנדיק, געשוויגן, ווי א פיש. גלייך נישט צו אים רעדט מען.

די קליינע שוואַרצע וואָנסעלעך זענען אַריין אין גרימצאָרן:

„דו שווייגסט, דו סטרעין, וואַגאַבונד, דו זשידאַן, דו... דו פרעמדער וואַגאַבונד... מען דאַרף אייך אַלע פאַרטרייבן, אז ס'זאָל נישט בלייבן קיין זכר פון אייך"...

וואָס ווייטער איז געוואָרן געדענקט ער נישט און וויל נישט געדענקען. נאָר די ווערטער „זשידאַן", און דער עיקר „פרעמדע וואַגאַבונדן", וואָס מען שליידערט ביי יעדער געלעגנהייט דעם רומענישן ייד אין פּנים אַריין, האָבן אים, יעקב פסנתר, דעם וואַנ־דערנדיקן יידישן ציגיינער, געגעבן צו טראַכטן.

זענען טאַקע יידן „פרעמדע וואַגאַבונדן" אויף דער רומעני־שער ערד? זענען זיי ערשט געקומען, ווי מען וואַרפט זיי פאָר, נישט פאַרבעטענע, נישט גערופענע? המ... מען דאַרף א טראַכט טון, א זוך טון... אפשר זאָגן זיי א ליגן? אפשר ווייסן זיי נישט אָדער מאַכן זיך נישט וויסנדיק. איז דאַרף מען זיי באַווייזן.

און ער האָט אָנגעהויבן זוכן, נישטערן. ווו א שטאָט, ווו א

שטעטל, איבעראַל, ווו זיין ציגיינער־קאַפּעליע האָט געטאָגט און גענעכטיקט, האָט ער געזוכט. אויפגעגראָבן מיט די אייגענע הענט אַלטע מצבות אויף אַלטע בית־עולמס. זיך אַרויסגענומען די אויגן ביים איבערלייענען אַלטע, האַלב־פאַרמעקטע אויפשריפטן. און טאַמעלעך, פאַמעלעך, האָט ער אָנגעהויבן צו דערגיין דעם אמת. פון אַלטע דאָקומענטן איז ער דערגאַנגען, אַז יידן זענען שוין געווען איינגעזעסענע דאָ נאָך אין די צייטן פון די רוימער. פון זינט דעם חורבן בית ראשון וווינען יידן דאָ אויף דער ערד, אין כאַטש אַזוי, האַלט מען זיי אין איין פאָרוואַרפן, אַז זיי זענען ,,פרעמדע וואַגאַבונדן".

איצט שרייבט ער אַ ספר אויף פּראָסט יידיש. צווישן איין פריצישן באַל און דעם צווייטן, צווישן איין פויערישער חתונה און דער צווייטער. ווייט פון דער היים, ווו זיין פּלוניתטע זלאַטע זיצט אַ גאַנצן טאָג אויף דער גאַס און פאַרקויפט קליינזקייטן — בענדלעך, נאָדלען, פאָדים — שרייבט ער זיין ,,קראָניקאַ דאַטשיאַ".

אין דער צייט, ווען זיינע חברים פון דער קאַפּעליע שלאָפן, אָדער שיכורן ערגעץ אין אַ שענק, שרייבט ער, דער ראש פון דער וואַנדערנדיקער ציגיינער־קאַפּעליע, די געשיכטע פון די יידן אין רומעניע. ס'איז אים אַלץ איינס, צי אין אַ טומלדיקן שענק, צי אין אַ נאָך מער טומלדיקער אכסניה, תמיד האַלט ער עפּעס אין די הענט — אָדער די צימבל־שטעקעלעך, אָדער די פען.

שוּוער שלעפּט זיך די פויערישע פור. דער דריבנער רעגן נו־דיעט נאָך אַלץ און נודיעט. דאָס שטעטל סטעפּאַנעשט איז נאָך ווייט. דער ,,זשידאַן" לופּו מיטן אמתן פעסל ווייַן איז נאָך ווייט. דער צימבלער יאַנקל פּסנתר זיצט און שווייגט אַריין אין זיך. דער פויער מיט דער שוואַרצער קוטשמע וויאָקעט פויל צום פערדל, וואָס שלעפּט מיט אַלע כוחות דעם שווערן וואָגן.

,,העשטאָ, וויאָ! העשטאָ, וויאָ!"

,,ס'נודיעט צום חלשן, — וואָרטשעט דער ציגיינער געאָרגע שאָבאָלאַן — אפשר וואָלסטו דערציילט אַ מעשה, נאַיע? ווען האָבן ליב אַ מעשה."

יעקב פּסנתר האָרכט אויף... וואָס האָט ער געזאָגט, אָט דער

נעאָרגע שאָבאָלאַן ? „װעגן האָבן ליב אַ מעשה". אמת ? צי ניין ? ניין, ס'איז נישט אמת. װעגן האָבן גאָר ליב, אַז מען פאָרשט זיי. אַ סימן : אָט פאָרשט ער, יעקב פסנתר, די װעגן, װאָס האָבן מיט הונדערטער יאָרן צוריק געפירט די יידן אין די װאָלאַכישע לענ־דער. די װעגן, אויף װעלכע יידן האָבן געהאַנדלט און געװאַנדלט, געלעבט, געליטן און געשטאָרבן. די װעגן פון דער רומענישער פּראָװינץ דאַטשיאַ. דעם היינטיקן רומעניע.

גיצע גאַלאַגאַן טוט אַ גלעט די שװאַרצע, געקרױיזטע באָרד :

„דערצייל, נאַיע, צי נישט אַרױס די נשמה ! זעסט דאָך, אַז דער הימל איז פאַרװאָלקנט און יאַנקל איז פאַרװאָלקנט. צװישן אַזױנע צװיי װאָלקנס, קאָן נאָך מיין פידל פאַרלירן דאָס לשון."

„פון זינט יאַנקל האָט זיך אָנגעהױבן אָפּצוגעבן מיט קברים, איז ער געװאָרן אין גאַנצן אַן אַנדערער. נישט דאָס, װאָס געװען" — זאָגט װאַסילע האָראָבאַזשיו מיט באַדױערן.

„געװען אַ היימישער, אַ גוטער־ברודער, אַן אונזעריקער, און אָט מיט אַמאָל — אַ פרעמדער אין אונזער קאַפּעליע".

יעקב פסנתרס באָרד ציטערט. קיינער װייסט נישט, צי אונ־טערן באַריר פונם װינט, אָדער צוליב אַן אַנדער סיבה. די אויגן לאָזט ער נישט אַראָפּ פונם װעג, װאָס דרייט זיך, שלענגלט זיך. ער זוכט משמעות אויך אויף דעם װעג שפּורן פון יידן, װאָס האָבן דאָ געלעבט, געהאַנדלט און געװאַנדלט, נאָך הער, הער, אין די רױמישע צייטן.

פסנתר כאַפּט זיך מיט אַמאָל אויף, װי פון אַ חלום. דוכט זיך, אַז עמיצער פון דער חברה האָט ערשט געזאָגט דאָס װאָרט „פרעמדער". ער איז עמפּפינדלעך אויף דעם דאָזיקן װאָרט : „פרעמד... סטרעין... װאַגאַבונד".

ער באַטראַכט זיין חברה, די ציגיינערס, מיט װעלכע ער װאָגלט שוין יאָרן איבער די שטעט און דערפער פון װאַלאַכיע.

„װאָס האָסטו געזאָגט, אַ „פרעמדער" ?"

„איך האָב געזאָגט, אַז דו ביסט לעצטנס געװאָרן, װי אַ פרעמדער צװישן אונז... נישט דער אַמאָליקער יאַנקל" — חזרט איבער איינער פון דער חברה.

פסנתר שמייכלט. דאָס גאָר... אַבי ער האָט געמיינט, אַז מען האָט אים געוואָלט דערמאָנען, אַז ער, דער ייד פסנתר, איז דאָ אַ פרעמדער אין דעם דאָזיקן לאַנד. זאָל נאָר עמיצער פּרוּוון, און ער וועט אים באַווייזן מיט דאָקומענטן, אַז קיין שום רומענישער ייד איז דאָ נישט קיין פרעמדער, נאָר אַן אַלט איינגעזעסענער פון יענע צייטן נאָך, ווען די היינטיקע באַלעבאַטים האָבן אפילו נישט געחלומט צו זויגן ביי דער רוימישער וועלפיכע.

פסנתר שמייכלט... ער פילט, אַז ער האָט זיך דאָס מאָל אומזיסט באַליידיקט. זיין קאַפּעליע איז אים נישט אויסן געווען צו באַליידיקן. פאַרקערט, זיי האָבן בלויז באַדויערט, וואָס ער האָט זיך לעצטנס אָפּגעשיידט פון זיי. פאַרפאַלן, ער האָט געמוזט. איצט האָט ער דעם כתב יד פון זיין „קראָניקאַ דאַטשיאַ". מען דאַרף אים אָפּדרוקן און דערנאָך נעמען זיך צום צווייטן טייל פון דעם מלך שטעפאַן, ביז צו קיניג קאַרל דעם ערשטן.

דער שמייכל אויף פסנתרס ליפּן האָט אַביסל אויפגעהייטערט די חברה. גיצע גאַלאַגאַן רופט־אויס אַ פריילעכער:

„איין וואָלקן איז איצט אַוועק. נאַיע, דערצייל, פאַרטרייב מיט דיין מעשה דעם צווייטן וואָלקן, וואָס נודיעט אונז פון אין דער פרי אָן מיט זיין רעגנדל."

„אַ מעשה. וואָס פאַראַ מעשה? — פרעגט נאַיע דער פליטן־שפילער, און קראַצט זיך בעת מעשה אין זיין שוואַרצער טשופרינע.

„די מעשה פון די צוויי גנבים", — רופט זיך אָפּ איינער.

„ניין. דערצייל בעסער די מעשה פון דעם קיסרס דריי טעכטער מיטן טייוול."

„די מעשה מיטן געגנבעטן אָקס — רופט זיך אָפּ אַ דריטער — ס'איז אַ פריילעכע מעשה. ביי אַזאַ מעשה שרומפּט איין דער וועג."

„און אפשר גאָר די מעשה וועגן דער בלום פון גליק? דערצייל די מעשה, נאַיע, און דו וועסט זען, ווי לופּום שענקל וועט אונז אַנטקעגנקומען איינס־צוויי."

נאַיע דער פליטן־שפילער שמייכלט ביטרע. תמיד איז ער

זיך אזוי נוהג. קודם פרעגט ער, וואָס מען וויל, און דערנאָך דער־ציילט ער, וואָס ער וויל. א טבע אזא, און גיי טו אים עפּעס.

נאָיע וואַרפט נאָך א בליק אויף יאנקל דעם צימבלער. פרעגט אים מיט די אויגן, וואָס פאַר א מעשה ער וואָלט געוועזן א בעלן צו הערן. נאָר אז ער זעט, ווי פסנתר שווייגט, גלייך נישט אים מיינט מען, הויבט ער אָן:

„דאָס מאָל וועל איך אייך דערציילן, ווי אזוי ס׳איז באַשאַפן געוואָרן די פידל.“

חברה ציגיינער אויפן פויערשן וואָגן טוליען זיך צו נענטער איינער צום צווייטן, הערן זיך צו צו דער אויסטערלישער מעשה פון דעם בחור, וואָס האָט פאַרלוירן טאַטע־מאַמע און זיך געלאָזט אין א גראָשן געלט איבער דער וועלט. ווי אזוי דער אָרעמער ציי־גיינער-בחור איז געוויר געוואָרן וועגן דער בת־מלכּה, וואָס וויל נאָר מיט דעם חתונה האָבן, וועלכער וועט איר ברענגען אַזוינס, וואָס איז נאָך ביז דענצמאָל אויף דער וועלט נישט געוועזן. ווער ס׳וועט זיך שדכענען און נישט ברענגען דאָס אויסטערלישע, דעם וועט מען אָפּהאַקן דעם קאָפּ. דער אָרעמער בחור שטעלט זיך פאַרן מלך. ער איז א בעלן חתונה צו האָבן מיט דער בת מלכה. אדרבא, זאָל אים דער מלך ראַטן, וואָס ער האָט צו טון.

פאַר דער דאָזיקער חוצפּה הייסט אים דער מלך אריינוואַרפן אין תפיסה. דאָרט זאָל ער ליגן, ביז ער וועט אויסגיין.

קוים האָט מען פאַרשלאָסן די תפיסה־טיר, באַווייזט זיך פאַרן אָרעמען בחור מאַטייא, די קעניגין פון די פעען. זי דערלאַנגט אים א קעסטעלע פון האָלץ און א שטעקעלע.

„איצט רייס מיר אויס די האָר פון מיין קאָפּ, צי אויס די האָר אויפן קעסטעלע און איבערן שטעקעלע.“

דער בחור האָט געטון, ווי די מאַטייא האָט געהייסן. ווי נאָר ער איז פאַרטיק געוואָרן, האָט זי געהייסן א פיר־טון מיטן שטעקעלע איבערן קעסטעלע.

„דאָס קעסטעלע דאַרף ווערן א פידל, האָט זי געזאָגט, און די פידל וועט טרויעריק מאַכן און פריילעך מאַכן די מענטשן, ווען דו וועסט וועלן.“

די מאַטיוא האָט גענומען דאָס קעסטעלע און אַריינגעלאַכט אין אים, דערנאָך האָט זי אַריינגעווינקט און די טרערן זענען אַריינ־געפאַלן אין קעסטעלע.

האָט די מאַטיוא געזאָגט:

„איצט פידל מיטן שטעקעלע איבערן קעסטעלע." — און דער בחור האָט אַזוי געטון, און פון דעם קעסטעלע האָבן גענומען שטראָ־מען לידער, וואָס האָבן אַט פריילעך געמאַכט און אַט טרויעריק געמאַכט יעדן, וואָס האָט זיי געהערט.

נאַיע, דער פליטן־שפּילער, דערציילט און די אַנדערע האָרכן. גיצע גאַלאַגאַן שלעפּט אַרוים דעם פידל און טוט אַ קוש די סטרו־נעס.

יעקב פסנתר האָט זיך צוגעהערט צו דער מעשה מיט פאַר־מאַכטע אויגן. אַ שיינע מעשה, מען קאָן נישט זאָגן. אַ סך שיינע מעשיות האָט ער זיך שוין אָנגעהערט צווישן די ציגיינער אין משך פון די יאָרן, וואָס ער לעבט צווישן זיי. אָבער דאָס, וואָס ער האָט נאָר וואָס געהערט, איז אַ מעשה, און דער כתב־יד, וואָס ליגט ביי אים אין קעסטל איז געשיכטע. די געשיכטע פון די יידן אין רומעניע, וואָס ער האָט זי אויסגעגראָבן פון דער ערד און אָנגעשריבן מיט די אייגענע הענט.

דאָס פערדל שלעפּט דעם וואָגן באַרג אַרויף. דער פויער גייט צו־פוס ביי דער זייט און טרייבט אונטער.

פונם שפּיץ באַרג זעט מען שוין אָן דאָס שטעטעלע סטעפּאַ־נעשט, וואָס ליגט אונטן אין טאָל. מען זעט אפילו אָן דאָס גוט פון די סטורדזאַ, ווו מען דאַרף היינט ביינאַכט שפּילן אויף דער פריצישער פאַרוויילונג.

און דאָרט, דאָס געלע הויז, דאָס איז לופוס קרעטשמע.

וועלוול זבאַרזשער

דער מעטראָפּאָליע־זייגער האָט געשלאָגן איינס. די אַלטע בכבודיקע הויפּט־שטאָט פון דער מאָלדאַוויע שלאָפט. געציילטע, טריבע לאַמטערנס באַלויכטן די ליידיקע גאַסן. די פולע לבנה, וואָס הענגט איצט אין דער סאַמע מיט הימל, אַ זומערדיק־גרויסע, מאַכט צו־נישט דעם טריבן שיין פון די גאַס־לאַמטערנס.

פון צייט־צו־צייט פייפט אַ נאַכט־וועכטער, וועקט אויף אַ צווייטן, וואָס איז אַנדרימלט געוואָרן אין אַ טויער, דער צווייטער ענטפערט אים אָפּ מיט אַ לאַנג־געצויגענעם פייף און ווערט ווייטער אַנטשלאָפן אין ווינקל טויער.

די אַלטע בכבודיקע שטאָט יאָס שלאָפט. נאָר אין די קרעטשמעס, וואָס זענען צעוואָרפן איבער דער שטאָט, לייכט זיך. אַ שפּעטער פאַרבייגייער הערט דאָ און דאָרט דאָס כליפּען פון אַ ציגיינערישער פידל, דאָס שיכורע קול פון אַ פאָלקס־זינגער און די טענער פון אַן אַלטן צימבל.

ביי שמעון מאַרק אין גערטנדל איז איצט פריילעך ביז גאָר. ביי די צעוואָרפענע טישלעך זיצן יידן בעלי־מלאכות, יידן פּראָסטאַקעס, זיצן און הערן זיך צו צו די לידער, וואָס עס זינגט דער הויכער, בלאָנדער זינגער. ער שטייט ביי אַ טישל אין דער סאַמע מיט פונם קליינעם גערטנדל און זינגט:

קום נאָר אהער, דו פילאָזאָף,
מיט דיין קעצישן מוחל,
קום נאָר אהער צום רבינס טיש
און לערן דיך ביי אים שכל.

דער עולם כאַפּט־אונטער דעם רעפריין. בגילופינדיקע קולות, אַלע מיטאַמאָל, ווי אויף קאָמענדע:

טשירי בים באָם באָם,
טשירי בים באָם באָם,
טשירי בים באָם, באָם באָם, טאַטע.

דער הויכער בלאָנדער זינגער איז אָנגעטאָן אין אַן אַלטן פראַק, פאַר אים אויפן טיש ליגט דער צילינדער, ער וואַרט־אָפּ געדולדיק ביז דער כאָר וועט ענדיקן דעם רעפריין. דעריאָך זינגט ער ווייטער:

א דאַמף־מאַשין האָסטו אויסגעקלערט
און נעמסט דערמיט זיך איבער,
דער רבי שפּרייט דאָס טיכל אויס
און שפּאַנט דעם ים אַריבער.

דאָס קול פונם זינגער איז היפּש שיכורלעך, אָבער אָנגענעם. דער עולם האָט הנאה פון דעם ליד און כאָטש אַלע קענען שוין דאָס ליד אויף אויסנווייניק, זיצן זיי און הערן זיך צו פאַרגאַפט, גלייך זיי וואָלטן עס געהערט צום ערשטן מאָל.

פאַרענדיקט דאָס ליד, טוט דער זינגער א זופּ פונם גלאָז מיט וויין, ווישט זיך אָפּ מיטן טיכעלע דאָס מויל. ער האָט שוין היינט געזונגען א סך לידער, וואָס חוזקן־אָפּ פון די רביים מיט זייערע בניאָקעס, די חסידים. נאָך יעדן ליד האָט מען אים פונם עולם געהייסן שטעלן א פערטל וויין. דאָס וויפלטע פערטל ער טרינקט איצט, געדענקט ער שוין אַליין נישט. ער פילט, ווי אין מוח נעפּלט אים. נאָר ס׳שאַדט נישט. ער קאָן די מלאכה פון טרינקען א גלעזל וויין.

איינער פונם עולם, דער סטאָליער סרול באַמבע, גיט א ווונק גוט־ברודעריש צום זינגער:

,,א־נו, וועלוול, טו א זינג פונם רבין, וואָס איז געפאָרן אויפן ים!״

דער שניידער יאָסל פּאַקשאַנער איז נישט מסכים. וואָס עפּעס אין מיצקע דרינען דאָס ליד פונם רבין, וואָס איז געפאָרן אויפן ים; אפשר וואָלט גאָר געווען א יושר צו זינגען דאָס ליד פונם מצבה־שלעגער?

„אַ־נו, װעלװל, ס׳ליד פונם מצבה־שלעגער!״

װעלװל זבאַרזשער שמייכלט. ער פילט זיך גוט צװישן אַט דעם פּראָסטן עולם. ער האָט זיי ליב און זיי האָבן אים ליב. ער פילט זיך גוט, װען ער הערט דעם גוט־ברודערישן „דו״. ס׳איז אַ גרױסע מדרגה, װען דאָס פאָלק זאָגט צום פאָלקס־דיכטער „דו״. די װינער משכּילים האָבן דאָס נישט פאַרשטאַנען. זיי האָבן נישט פאַרשטאַנען, װי אַזוי ער, װעלװל זבאַרזשער, דער באַרימטער משכּיל און דיכטער, חברט זיך דאָס מיטן המון, זיצט און טרינקט מיט זיי אינאײנעם. די װינער משכּילים האָבן פאַר אים אויסגעפועלט אַ סטיפּענדיע מיטן באַדינג, אַז ער זאָל אויפהערן צו זינגען אין די שענקען, אַז ער זאָל זיך אויפהערן חברן מיט די פּראָסטאַקעס. ער, װעלװל זבאַרזשער, האָט זיי צוגעזאָגט, אָבער קיין װאָרט האָט ער נישט געהאַלטן. ס׳האָט אים געצויגן צו „עמך״ — און מען האָט ביי אים דערפאַר צוגענומען די סטיפּענדיע. אין װין האָט ער אָפּגעהונגערט אַ שטיקל צייט און סוף כּל סוף זיך אומגעקערט צוריק קיין רומעניע, צו די פּראָסטע, פּשוטע און האַרציקע יידן.

ער טוט נאָכאַמאָל אַ זופּ פונם גלאָז. דער װײַן איז גוט. נאָך אַ זופּ און ער זינגט פאַר דעם עולם דאָס נייע ליד זיינס װעגן גאָטס באַנקראָט. אַ קלייניקייט עפּעס מיט אונזערע יידן? קוים טוט עפּעס איינער אַ מצװהלע, מאָנט ער ביים רבונו של עולם נישט מער און נישט װײניקער, װי דריי הונדערט מיט צען װעלטן. דער חזן און דער מוהל, דער חסיד און דער רבי, דער בעלפער און דער מגיד. אַלע, אַלע קומען זיי צו לויפן מיט דעם רעכענונג און ער, דער אַלטער רבונו של עולם, װאָס האָט אין זיין רשות נאָר אײנמאָל דריי הונדערט מיט צען װעלטן, האָט קיין אנדער ברירה נישט. ער גייט באַנקראָט.

דער עולם לאַכט, קאַטשעט זיך פאַר געלעכטער. אָט אַ ממזר, אָט דער װעלװל. װי ער האָט דאָס אָפּגעמאָלן אָט די אַלע גאָטס סטראַפּטשעס, אַרומגעבונדן אַ יעדן איינעם פון זיי אַ חוזק־גלעקעלע אַרום האַלז. אָט אַ ממזר. נישט אומזיסט האָבן אים די פרומאַקעס אַזוי פיינט. זיי װאָלטן אים דערטרונקען אין אַ לעפל װאַסער.

דער עולם איז אויפגערוימט, פריילעך. מען טרינקט לחיים און דער באַלעבאָס פונם גערמנדל, א געפּאַקט יידל מיט א רויטן קאַרק, דערלאַנגט וועלוולען א פּערטעלע וויין. דאָס איז ער אים מכבד פון זיין זייט.

וועלוול זבאַרזשער זעצט זיך אוועק, רוט זיך אָפּ. ער זופּט פּאַמעלעך און מיט הנאה דעם „רויטן" און געפינט, אַז דער „רויטער" איז דער סאַמע בעסטער. ס'איז אים נאָר א שאָד, וואָס ער האָט ביז איצט געטרונקען דעם אַנדערן. „דער שכל קומט נאָך די יאָרן" — מורמלט ער. מאָרגן וועט ער שוין טרינקען נאָר פון דעם „רויטן".

דער מעטראָפּאָליע־זייגער קלינגט איינס... צוויי... האַלב דריי אַזייגער. מאָרגן איז א טאָג פון אַרבעט. צייט אַהיים צו גיין. דער באַלעבאָס שמעון מאַרק באַרעכנט, וואָס אים קומט, און בגילופינ־דיק לאָזט זיך דער עולם אַהיים, כדי מאָרגן אין דער פרי זאָל יע־דער זיך קאָנען שטעלן ביי זיין וואַרשטאַט.

וועלוול זבאַרזשער טוט אָן דעם צילינדער. ציט־אַרויף די הענטשקעס אויף זיינע הענט און לאָזט זיך אויך גיין אַהיים.

פונם אויבער־מאַרק ביז צום שול־הויף, וווּ ער וווינט, איז א שטיקל מהלך. די גאַסן זענען שא, שטיל, אויסגעשטאָרבן. וועלוול גייט מיט וואַקלענדיקע טריט. פאַר אים וואַקלט זיך זיין שאָטן. מאָדנע, דער שאָטן טראָגט אויך א צילינדער אויפן קאָפּ, גייט אָנ־געטון א פראַק, ווי ער און וואַקלט זיך אַהין און אַהער, מעשה וואַגאַנט.

ס'גלוסט זיך אים זייער צו פאַרפירן א שמועס מיטן שאָטן, אים פרעגן: היתכן? וואָס איז מיט אים דער מער, וואָס איז אויף אים די „גדולה"? נאָר ער פרעגט נישט גאָרנישט. די „שטומע לעלע" וועט דען ענטפערן? זאָל ער מאַלפּעווען געזונטערהייט.

וועלוול זבאַרזשער בלייבט שטיין. דער וועג ציט זיך און ציט זיך און ס'נעמט גאָרנישט קיין סוף. די פיס זענען אים שווער. קוים, קוים, וואָס ער שלעפּט זיי. ער שפּאַרט זיך אָן אין א גאַס־לאַמטערן, רוט זיך אָפּ.

די לבנה, וואָס האָט אים באַגלייט דעם גאַנצן וועג, בלייבט

אויך שטיין. וועלוול קוקט צו איר ארויף און סע־דוכט זיך אים, אז ער פארשטייט, וואס זי וויל.

די לבנה איז אויך היינט
זייער גוט פארלעקט,
ערשט האט זי געשיינט,
פלוצים איז זי פארדעקט.
טרינקען וויל זי גאר אן א שיעור
און האט נישט קיין מזומנים,
שעמט זי זיך נעבעך צינד פאר מיר
און פארדעקט זיך נאר דאס פנים.

„א גאטס רחמנות אויף איר" — מורמלט דער שיכורער וואגאנט. מען דארף עפעס אויסקלערן, געפינען אן עצה. זי, די לבנה, קאן דאך אויסגיין פאר דורשט, חלילה. וואס וועלן טון די פאעטן אן דער דאזיקער יפהפיה? א שיין פנים וועלן זיי האבן, אזא יאר אויף מיינע שונאים.

ער לייגט־צו דעם פינגער צום שטערן, קלערט און קלערט. און מיטאמאל שיינט־אויף זיין פנים. ער האט אן עצה.

און וועלוול זבארזשער הויבט־אויף דעם קאפ צום הימל און זינגט צו דער לבנה, וואס האט זיך גראד באהאלטן הינטער א וואלקנדל:

לבנה, קום ארויס,
אהער — ביי מיין לעבן —
די וועלט לאזט זיך נאך נישט אויס,
איך וועל דיר אן עצה געבן.
איך האב פאר דיר א גוטן פלאן,
זאלסט מיך נאר צו הערן,
קום געשווינד אין שענק אריין
און פארזעץ א צוויי, דריי שטערן.

ער דערפילט מיטאמאל א ציטער. דער מארגנווינט איז קאלט און שארף. ס'טאגט שוין, הייסט עס, ער איז מיטאמאל אינגאנצן

ניכטער. די שיכרות איז אוועק אינאיינעם מיטן שאָטן, וואָס האָט אים נאָכגעמאַלפּעוועט דעם גאַנצן וועג.

ער לאָזט זיך גיין אַהיים. אָט איז דער שול־הויף. די מאָרגן־בּלויקייט ציטערט איבּער אים, ווי אַ תּפילה. וועלוול לאָזט זיך גיין באַרג־אַראָפּ. רעכטס איז דאָס קלעזמער־געסל. אָט איז דאָס הויז מיטן הילצערנעם גאַנעק. דאָ וווינט ער, בּיי דער אַלמנה זלאַטע בּאַסאָן, פאַר צען פראַנק אַ חודש.

ער גייט אַרויף. די הילצערנע טרעפּ קרעכצן אונטער זיינע טריט. אַזאַ טבע האָבּן זיי שוין, די דאָזיקע טרעפּ. ס׳פאַרדריסט אים, ער וואָלט זייער נישט געוואָלט אויפוועקן די פאַרהאָרעוועטע אַלמנה מיט אירע קינדער.

פּאַמעלעך עפנט ער די טיר פון זיין צימער. ער האָט קיי־נעם נישט אויפגעוועקט, גוט אַזוי. ער איז צופרידן. זאָל זי שלאָפן, די אָרעמקייט, און זאָלן זיך איר חלומען גוטע חלומות.

דאָס קליינע צימערל איז פול מיט בּלויקייט. אין ווינקל שטייט דאָס בּעט, אינדערמיט דער טיש, פאַרוואָרפן מיט צייטונגען און מיט בּריוו.

אָט ליגט אַ בּריוו פון זיין פריינט, דעם משכּיל ראובן אשר בּרוידעס. ער האָט זיך מיט אים צעשיידט אין גאַלאַץ. מען דאַרף אים ענטפערן אויפן בּריוו — טראַכט וועלוול און ס׳פאַרדריסט אים אויף זיך אַליין, פאַרוואָס ער האָט עס נאָך בּיז איצט נישט געטון

ער נעמט אַרויס אַ בּויגעלע פּאַפּיר, טונקט־איין די פּען אין טינטער. איצט וועט ער אָנשרייבּן דעם ענטפער צו זיין פריינט, דעם העבּרעאישן שריפטשטעלער ראובן אשר בּרוידעס, מיט וועלכן ער האָט יאָרנלאַנג צוזאַמען אַרומגעוואָגלט איבּער די שטעט און שטעטלעך פון רומעניע.

ער שרייבּט. ס׳איז שוין געווען ליכטיק און ער פאַרשפּאָרט אָנצוצינדן דעם נאַפט־לאָמפּ. נאָר מאָדנע, אַנשטאָט אַ בּריוו צו זיין פריינט, שרייבּט ער גאָר עפּעס אַנדערש און צו עמעצן אַנדערש.

„טייערע מלכהלע!

„מיך וואונדערט עס זעהער דאס דו מיר נישט שרייבסט. יעדן טאג האפע איך דאס דער פאטשטיליאן ווירד מיר ברענגען איין בריוו פאן דיר. און דו קענסט דיר פארשטעלן ווי ענטוישט איך בין, ווען ער קאמט נישט. אדער ער ברענגט מיר איין שרייבן פאן עמעץ אנדערש, נאר נישט פאן דיר.

„דו קאנסט דיר פארשטעלן, וואס איך לײדע, זינט דו ביזט אוועקגעפארן נאך סטאמבול, ווי אפט איך בין מקנא דעם קלענסטן פויגל, וואס פליט פארביי מיין פענסטער. ער האט פליגל און קען זיך דערגרייכן און איך מוז בלייבן דא און ווארטן אויף דיינס איין בריוו אונד איך ווייס נישט וואס איבערצוקלערן"...

שרייבנדיק דעם בריוו, זעט וועלוול זבארזשער די קליינע, חנעוודיקע נייטארין מלכהלע, מיט וועלכער ער האט זיך באקענט אין בוקארעשט. זיי האבן זיך ליב באקומען. נאר דער גורל האט געוואלט אזוי, אז זיי האבן זיך געמוזט צעשיידן. מלכהלע איז אוועקגעפארן קיין קאנסטאנטינאפאל און אים איבערגעלאזט מיט דער גרויסער בענקשאפט צו איר. א בענקשאפט, וואס וועט אים שוין נישט אפטרעטן ביז צו זיין טויט.

„דרום, ליבע מלכהלע, — שרייבט ער ווייטער — ווי באלד דו ווירסט באקומען דעם בריוו, שרייבע מיר זאפארט. דען יעדער בריוו, וואס איך ערהאלטע פון דיר, איז פאר מיר איין שטיקל טרייסט אין אונזער צעשיידונג..."

אנגעשריבן דעם בריוו, באמערקט ערשט וועלוול זבארזשער, אז אנשטאט צו זיין פריינט ברוידעס, האט ער געשריבן צו זיין געליבטער מלכהלע דער שיינער.

ער פארקלעפט דעם בריוו, נאך היינט וועט ער אים אוועקשיקן. זאל מען נאר עפענען די „רעזשי", ער זאל קאנען קויפן א פאסט־מארקע.

דעם בריוו צו ראובן אשר ברוידעס וועט ער שרייבן שפעטער. דער בראדיאגע וועט נאך ווארטן אביסל, נישטקשה.

וועלוול זבארזשער עפנט דאס פענסטער, אטעמט אין זיך אריין דעם פרישן מארגנווינט אינאיינעם מיטן טשירקען פון די פייגל אויף די ארעמע דעכער פונם קלעזמער־געסל אין יאס.

שטייענדיק ביים אָפענעם פענסטער, דערפילט ער מיטאַמאָל א מאָדנע טרויעריקייט. נאָך קיינמאָל ביז איצט האָט ער נישט דערשפּירט זיין עלנט אין אזא בולטער פאָרם. ווייט פון זיין היימלאַנד גאַליציע, ווייט פון זיין געליבטן ברודער מאיר און צען מאָל ווייט פון זיין געליבטער מלכהלע דער שיינער. די עלנטקייט פון זיין אָרעם שטיבל, געדונגען ביי דער אָרעמער אלמנה פאַר חודש־געלט. א וואָגלער אָן רו און אָפּרו איבער שטעט און שטעטלעך, איבער טשאַינעס און שענקען, צעטרענצלט ער זיין לעבן און זיין ליד.

און זבאָרזשער פילט, ווי טיף אין אים שטייט־אויף א בענקשאַפט נאָך רו. די בענקשאַפט ווערט פאַמעלעך, פאַמעלעך — ליד. און אָט שטאַמלט ער ארויס אין דעם פרעמדן פרימאָרגן אריין דעם ערשטן סטראָף:

זאָג מיר, איך בעט דיך, דו ווינט,
דו שוועבסט דאָך אויף דער גאַנצער וועלט,
ווייסטו נישט, ווו דער עלנטער זיך געפינט,
צו רוען א געצעלט?
ווו רציחות האָבן אויפגעהערט,
מען האָט קיינמאָל נישט געקלאָגט,
ווו קיין אויג האָט נישט געטרערט,
דער גערעכטער ווערט נישט געפּלאָגט?
דער ווינט שווייגט און בלייבט שטיל שטיין,
זיפצט און ענטפערט: ניין, ניין!

דער עלנטער ווענדט זיך צום ים, צו דער לבנה. דער ים שטראָמט אין דער ווייט, די לבנה וואַנדערט־אויס א וועלט — אפשר ווייסן זיי דאָס זיכערע אָרט, דאָס רואיקע ווינקל פאַרן עלנטן? נאָר דער ים שטורעמט און ענטפערט: „ניין!" די לבנה „זעט מען באַלד אין א וואָלקן פאַרגיין, זיפצן און זאָגן: ניין, ניין".

דער עלנטער טרעט אָבער נישט אָפּ. ער ווענדט זיך צו דער אייגענער נשמה מיט דער זעלבער פראַגע:

זאָג־זשע דו מיר, מיין זעעלע, פֿאָרט,
ליבע און האָפֿנונג דערנעבן,
ווו די זון גייט אויף יעדן אָרט,
ווו געפֿינט מען אַ רואיק לעבן?
ווו קיין שלעכטס איז נישט דערביי,
מ׳לעבט נאָר אין פֿריידן,
פֿון זינד און זאָרגן איז מען פֿריי,
פֿון צרות און פֿון ליידן?
זיי גיבן אַלע איין אַנטוואָרט:
רואיק לעבט מען אין הימל דאָרט.

זבאָרזשער פֿילט, ווי דאָס ליד ווערט ביי אים צייטיק אינ־איינעם מיטן ניגון. איצט, פּונקט ווי תּמיד, קומען זיינע לידער צו אים אינאיינעם מיט זייערע מעלאָדיעס.

ער גייט אַ וואַקלענדיקער צו צום טיש, טונקט איין די פּענע אין טינטער און שרייבט מיט אַ פֿיבערנדיקער האַנט אויף דאָס ליד. זיינע ליפּן ברומען דעם ניגון.

די פּענע פֿאַלט־אַרויס פֿון זיין האַנט, ער איז מיד, ער בויגט אַראָפּ דעם קאָפּ צום טיש און ווערט אַנדרימלט.

די זון און די באַלעבאָסטע טרעפֿן אים אַזוי שלאָפֿן. די זון פֿאַרבלייבט אין צימער און די באַלעבאָסטע גייט אַרוים אויף די שפּיץ פֿינגער...

אברהם גאָלדפאַדען

אברהם גאָלדפאַדן האָט נאָכאַמאָל איבערגעלייענט די לעצטע סצענע פון זיין נייער אָפּערעטע, אַ שמייכל־געטון און צוגעמאַכט דאָס העפט. פאַר אים אויפן טיש איז געשטאַנען אַ גרויסער סלוי איינגעמאַכטס. ער האָט אָנגענומען אַ פולן עס־לעפל מיט דער קלעפּיקער זיסיקייט, אַראָפּגעשלונגען און אַ זאָג־געטון: „ס'איז טוב". אַ זייטיקער מענטש וואָלט זיך בשום־אופן נישט אָנגעשטויסן, וואָס ער האָט געמיינט מיט דעם „ס'איז טוב" — צי די נייע אָפּערעטע, צי דאָס איינגעמאַכטס.

שוין אַ היפּש שטיקל צייט איז אַוועק פון זינט גאָלדפאַדן געפינט זיך אין יאַס, דער אַלטער, שיינער קרוין־שטאָט פון מאָלדאַוויע. אַראָפּגעבראַכט האָט אים אַהער־צו דער געוועזענער שמש פון ניישאַצס טעמפּל, דער משכיל יצחק ליבער. געקומען איז ער אַהער אין די אינטערעסן פון זיין צייטונג „דאָס איזראַעליטישע פאָלקסבלאַט", וואָס ער האָט אָנגעהויבן אַרויסצוגעבן אין טשערנאָוויץ. און דאָ טאַקע, ביי יצחק ליבערעסקו אין שטוב, איז געבוירן געוואָרן דער געדאַנק אַוועקצושטעלן אַ יידיש טעאַטער אויפן שטייגער, ווי ביי אַלע אַנדערע פעלקער.

גאָלדפאַדן האָט פאַרטראַכט אַ קוק־געטון דורכן פענסטער. מיט אים איז אייגנטלעך געשען דאָס, וואָס ס'איז געשען מיט שאול המלך. שאול המלך האָט זיך געלאָזט אין וועג אַריין זוכן דעם טאַטנס אייזלען און האָט געפונען אַ קעניגרייך. און ער, גאָלדפאַדן, אַ באַרימטער משכיל, האָט ווי דער שטייגער פון אַלע אַנדערע משכילים, זיך געלאָזט אין וועג אַריין זוכן די „חסידישע אייזלען", כדי מיט זיי צו לערנען בלק און האָט אויך געפונען אַ קעניגרייך — דאָס יידישע טעאַטער.

ער געדענקט, אַזוי ווי היינט, יענעם אויפדערנאַכט ביי יצחק

ליבּרעסקו אין שטוב. ליבּרעסקוס פרוי האָט אַ זאָג געטון: „אפשר, הער גאָלדפאַדן, וואָלט געווען אַ פּלאַן, איר זאָלט מאַכן דאָ אַ טעאַטער? די בראָדער זינגער מאַכן גאָלדענע געשעפטן, זינגענ־דיק אייערע לידער. אַ יידיש טעאַטער וואָלט געווען ממש אַ שמאַלץ־גרוב".

די פּאָר ווערטער, וואָס די פרוי פון זיין פּאַרערער האָט אַ זאָג־געטון, האָבּן גאָלדפאַדענען ממש צעטרייסלט. אַ טעאַטער! אַ יידיש טעאַטער! ער געדענקט, מיט יאָרן צוריק אין דער זשיטאָ־מירער ראַבּינער־שול. מען האָט אויפגעפירט שלמה עטינגערס דראַמע „סערקעלע". ער, גאָלדפאַדן, אַ תלמיד פון דער ראַבּינער־שול, האָט געשפּילט די הויפּט־ראָל, די אשת־חיל סערקעלע, און אַלע האָבּן געלעקט די פינגער. דאָס וואָרט „טעאַטער", וואָס ליבּ־רעסקוס פרוי האָט אַ זאָג־געטון, האָט אים ממש אָנגעצונדן, ער האָט מיטאַמאָל דערפילט זיין שליחות.

נאָך אין דער זעלבּיקער נאַכט האָט ער אָנגעשריבּן זיין ערשטן סקעטש. און ס'האָט נישט קיין סך געדויערט, האָט מען אים געשפּילט בּיי שמעון מאַרעק אין גערטנדל. אמת איז, אַז גאָלדפאַדן איז נישט געווען צופרידן פון די ערשטע סקעטשן זיי־נע, אָבּער ער האָט אַנדערש נישט געקאָנט. ער האָט זיך געמוזט צופּאַסן צו דעם פּרימיטיוון, אימפּראָוויזירטן אַנסאַמבּל. יעדע פּיאָנערישע אַרבּעט איז אַ שווערע, און אויף אים איז געפאַלן דער גורל צו דערציען אַ יידישן אַקטיאָר, אַ יידיש פּובּליקום און צו שאַפן אַ טעאַטער־רעפּערטואַר.

איצט האַלט מען שוין ווייט. גאָר, גאָר ווייט. מען שפּילט שוין אין אַ גרויסן טעאַטער־גאָרטן. דער אַנסאַמבּל איז געוואַקסן. צווישן עטלעכע דראַגנגען געפינען זיך אַ פּאָר אמתע טאַלענטן. אָט דער זעליק מאָגולעסקו, למשל, איז אַ כלי, וואָס יעדע אייראָפּעאי־שע בּינע וואָלט זיך מיט אים מחיה געווען. איין צרה נאָר, וואָס ס'האָבּן זיך תיכף בּאַוויזן די טעאַטער־שטשורעס — אָט די לאַ־טיינערס און הורוויצס, די טאַלענטלאָזע מאַכערס — וואָס גריי־זשען און צעגריזשען דעם „גרינעם בּוים" פונם יונגן יידישן טע־אַטער.

גאָלדפאַדן האָט שווער אָפּגעזיפצט. מיט צוגעמאַכטע אויגן האָט ער געזען, ווי דאָס אָנשיקעניש וואַקסט, ווי די שטשורעס מערן זיך און מערן. די פּורים־שפּיל־עלעמענטן פון זיין טעאַטראַליק וווּלגאַריזירן זיי, מאַכן דערפון ביליקע קופּלעטן. די פאָלקס־ליד־עלעמענטן, וואָס ער, גאָלדפאַדן, האָט אַריינגעטון, ווי ראַ־זשינקעס און מאַנדלען אין זיינע שפּילן, ווערן דורך זיי פּאַרוואָ־סערט. זיי מאַכן דערפון ביליקע פּינטעלע־ייִד־צימעסן. דער עולם ווייסט נישט דעם חילוק. ער איז נאָך צו־פּרימיטיוו. אַמאָל, העט שפּעטער, וועט מען וויסן. אָבער ער וועט שוין דעמאָלט ליגן מיט די ציין אַרויף.

ס'האָט אים אַ שטאָך געטון אין האַרצן. ער האָט דערפילט דעם אָטעם פון גורל. דעם גורל פון יעדן אַנטפּלעקער. אָבער שפּע־טער...

דער וואַנט־זייגער האָט אויסגעקלונגען צוועלף. גאָלדפאַדן האָט זיך אַ טרייסל־געטון. זיך אויפגעכאַפּט פון זיין האַלבן דרימל.

„שוין צייט, — האָט ער אַ מורמל־געטון — די אַקטיאָרן וואַרטן. מען דאַרף פאַר זיי איבערלייענען די נייע אָפּערעטע". ער האָט אָנגעטון דעם שלוסראָק, גענומען דעם צילינדער מיט דעם מאַנאָקל און זיך געלאָזט גיין אין טעאַטער.

ערנסט און מיט געמאָסטענע טריט איז ער געגאַנגען איבער די מיט זון פאַרגאָסענע גאַסן פון דער אַלטער, שיינער שטאָט. טרע־גערס, פורמאַנעס און קרעמערס, וואָס זענען געשטאַנען פאַר די קלייטן, האָבן פאַר אים אַראָפּגענומען די היטן. דורך די אָפענע פענסטער זענען צו אים דערגאַנגען קלאַנגען. מען זינגט. אַ מאַמע האָט פאַרוויגט דאָס קינד: „שלאָף־זשע, שלאָף, מיין שרהלע, דיך וויגט דיין מאַמע שרהלע"; אַ כאָר פון שניידער־מיידלעך אין אַ וואַרשטאַט האָבן געזשומעט: „דריי־זשע דיך מילעכל, ס'איז דאָך קיין שפּילעכל"; אַ שוסטער־געזעלן האָט געקלאַפּט מיטן הע־מערל און צוגעברומט: „גייט אַ שאַלטיקל אויף דער גאַס, לערנען קאָן ער גאָרנישט. ער גייט־אַרום פּוסט און פּאַס און טוט וואָס מען טאָר נישט".

גאָלדפאַדן האָט אַ שמייכל־געטון. דאָס זינגט מען זיינע לי־דער. די לידער פון „עקדת יצחק", פון „בר כוכבא", און פון דער „כישופמאַכערין". דער געניטער טעאַטער־מענטש האָט תיכף דער־שפּירט, אַז דאָס זינגען איז נישט קיין סתם זינגען אַ ליד, נאָר מען זינגט עס מיט אַ טעאַטער־נוסח. אַזוי האָט מען עס אויפגעכאַפּט ביי אים אין זיין טעאַטער-גאָרטן „פּאַמול ווערדע". ער האָט מיט ליבשאַפט ארויפגעקוקט צו די פענסטער, פון וואַנען ס'האָבן זיך געטראָגן די לידער. פון דאָרט, האָט ער געטראַכט, אַט פון די דאָ־זיקע וואַרשטאַטן, וועלן קומען אַלץ נייע און נייע אַקטיאָרן. דאָס קינד, וואָס די מאַמע וויגט איצט איין מיטן ליד פון „עקדת יצחק", וועט אין עטלעכע יאָר אַרום זיך דראַפּען איבערן פּלויט פון יידישן טעאַטער. דערנאָך צונויפשטעלן די בענקלעך אין טעאַטער, דער־נאָך זינגען אין כאָר און שפּעטער אַביסל אָוועקלייגן אַן אבשלום, אַ בר־כוכבא, אַ פּאַפּוס, אַז די וועלט וועט זיך עקן...

דער שטאָט־זייגער האָט אויסגעקלונגען איינס. גאָלדפאַדן האָט זיך אויפגעכאַפּט פון זיין טראַכטן. די אַקטיאָרן וואַרטן און ער האָט צייט. מער דאַרפן נישט אַט די חברהלייט, די צולאָזענע, נאָר ער, גאָלדפאַדן, זאָל זיי ווייזן אַ וועג, אַז מען קאָן פאַרשפּעטיקן. „דאָס טעאַטער דאַרף דיסציפּלין" — האָט ער זיך געבעסט אויף זיך אַליין און איז מיט שנעלע טריט ווייטער געגאַנגען.

אין טעאַטער האָט אויף אים געוואַרט אַ בייזע נייעס. אַ פּאָר פון זיינע אַקטיאָרן האָבן אים איבערגעלאָזן אַן „אַ זיי־גע־זונט" און זענען אַוועק צו זיינע קאָנקורענטן. דער שונדאָוויניק לאַטיינער האָט זיי צוגעזאָגט גאָלדענע בערג, און זיי — דווקא אַ פּאָר פון די בעסטע — האָבן זיך ארויסגעגליטשט פון זיינע גע־ניטע הענט. „דער שונד כאַפּט די טעאַטער־שוואַלבן מיט פליגן־פּאַפּיר" — האָט ער געברומט פאַר כעס. ביי לייטן וואָלט עס גע־קלונגען מאָדנע, אין יידישן טעאַטער איז עס אָבער נישט קיין צופאַל".

דאָס כסדרדיקע דעזערטירן פון זיינע אַקטיאָרן האָט אים שווער געמאַכט די אַרבעט. קוים אָוועקגעשטעלט אַן אַנסאַמבל, האָט ער זיך תיכף צעבראָכן. אַלע מאָל מוז ער אָנהויבן פון דאָס

ניי. קוים ווערט דאָס שניידער־ייִנגל, דאָס משורר'ל, אַביסל היימי־שער מיט דער בינע, רוקט זיך אונטער דאָס שונד־טעאַטער מיט אַ לעקעכל, פאַרשטייט זיך, אַ ביליקס — און קאָרומפּירט אים, גראָבט־אונטער דעם בנין. זיין בנין, דאָס יידישע פאָלקס־טעאַטער.

ער האָט טונקל געאַנט די קללה, וואָס וועט אין משך פון יאָרן צוברעקלען דאָס יידישע טעאַטער, בשום אופן נישט דערלאָזן ס'זאָל באַקומען דעם געהעריקן תיקון.

די איבערגעבליבענע אַקטיאָרן, וואָס זענען געשטאַנען נעבן גאָלדפאַדענען אויף דער בינע פונם טעאַטער־גאָרטן „פּאַמול ווער־דע", האָבן זיך אַנגעשטויסן, אַז גאָלדפאַדן איז אין כעס. מיט אַ שטילער שאָדנפרייד האָבן זיי באַטראַכט דאָס פּנים פון דעם שטרענגען הער מיטן קאָמעץ־בערדל. אָבער זיי האָבן גאָרנישט נישט באַמערקט. גאָלדפאַדנס פּנים איז געווען ערנסט און שטרענג ווי תמיד. דאָס, וואָס ער האָט געטראַכט און איבערגעלעבט, איז צו זיי נישט דערגאַנגען, פּונקט ווי ס'איז נישט דערגאַנגען צו דורות אַקטיאָרן נאָך זיי.

פון אַ דערבייאיקער קאָנדיטאָריי האָט מען געבראַכט פאַר גאָלדפאַדענען אַ שיסעלע איינגעמאַכטס מיט אַ פלעשל סאָדע־וואַ־סער. גאָלדפאַדן האָט, ווי זיין שטייגער, גענאַשט די קלעפּיקע זי־סיקייט און בשעת מעשה אַ זאָג־געטון צו די אַקטיאָרן:

„איך וועל אייך לייענען אַ נייע אָפּערעטע, וואָס איך האָב אָנגעשריבן אין 4 אַקטן און 15 בילדער מיט געזאַנג און טענץ. אי־איבעראַכטאָג שבת דאַרף זיין די פּרעמיערע."

די אַקטיאָרן האָבן זיך אויסגעזעצט אַרום אים. גאָלדפאַדן האָט פאַנאַנדערגעוויקלט דאָס העפט און אָנגעהויבן לייענען.

די אַקטיאָרן האָבן אויפגעעפנט מויל און אויערן. געהערט מיט אַ פאַרכאַפּטן אָטעם. יעדער פון זיי האָט געפּרוווט אויפכאַפּן זיין ראָל.

גאָלדפאַדנס שטים האָט געציטערט...

* * *

די פרוי פּוילינע גאָלדפאַדן איז געגאַנגען אין אַפּטייק אַריין

באשטעלן דעם רעצעפּט, וואָס דער דאָקטאָר האָט פאַרשריבן. דער קראַנקער גאָלדפאַדן איז געלעגן אין בעט און געדרימלט.

דער זייגער אויף דער וואַנט האָט שאַרף אויסגעקלונגען די פערטל־שעהן. גאָלדפאַדן האָט זיך אויפגעכאַפּט פון זיין פיבער־דיקן דרימל. אין צימער האָט געטונקלט דער אָוונט.

ער האָט מיט מי אויפגעהויבן דעם קאָפּ פונם קישן און געזען דורכן פענסטער, ווי דער שניי פאַלט און פאַלט און האָט גאָר־נישט בדעה אויפצוהערן.

„וויפל האַלט דער זייגער, פּוילינע?" — האָט ער געפרעגט. נאָר קיינער האָט אים נישט געענטפערט.

דער זייגער אויף דער וואַנט איז געהאָנגען פאַרשאָטנט פון דעם פריען ווינטער־פאַרנאַכט. די מידע קורצזיכטיקע אויגן פונם חולה האָבן נישט געקאָנט זען די ציפערן, וואָס דער אָוונט האָט אָפּגעמעקט.

גאָלדפאַדנס קאָפּ איז צוריק אַנידערגעפאַלן אויפן קישן. ער האָט דערפילט אַ טרויעריקייט, ווי ערב געזעגענען זיך מיט עפּעס ליבס און נאָענטס.

דאָס יידישע טעאַטער.

זיין פּנים האָט זיך פאַרקרימט. דאָס יידישע טעאַטער, די פרייד און דער צער פון זיין עלטער, טוט אים וויי ביז טרערן.

צו־וואָס האָט ער גראָד איצט דערמאָנט דאָס יידישע טעאַ־טער? דער דאָקטאָר האָט אָנגעזאָגט מיטן האַרבן וואָרט, אַז ער דאַרף זיך אויסהיטן פון דער מינדסטער אויפרעגונג. די מינ־דעסטע אויפרעגונג קאָן פאַר אים ווערן אַ סכנה.

ער קאָן זיך אָבער גאָרנישט העלפן. איינמאָל דערמאָנט דאָס כישוף־וואָרט „יידיש טעאַטער" איז פאַרפאַלן. ער לעבט איבער אין צ:פּגעריסענע בילדער דעם דערנער־וועג פון דער יידישער בינע.

...אָט זיצט ער ווידער ביי יצחק ליבערעסקו אין שטוב. מען טרינקט טיי מיט וואַרעניע.

ליבערעסקוס יונגע פרוי זיצט אַנטקעגן אים. זי העפט עפּעס אויס און הערט זיך צו צום שמועס פון איר מאַן מיטן פרעמדן

הער, וואָס איז דאָ נישט לאַנג אַראָפּגעקומען צו זיי אין שטאָט אריין.

מיטאַמאָל הויבט זי אויף די אויגן פון איר שטיקעריי און פון איר מויל קומט צום ערשטן מאָל יענע וואָרט, יענע „עצה" וואָס איז געוואָרן זיין גורל, זיין באַשטימונג.

דער קראַנקער שמייכלט ביטער. די עצה פון דער פרוי ליב־רעסקו קאָן מען צוגלייכן צו חוהס עצה, ווען זי האָט געגעבן אדמען א ביס־טון דעם עפּל פון עץ־הדעת. ער האָט עס געטון. דער חילוק איז נאָר דער, וואָס אָדם מיט חוהן האָט מען תיכף ארויסגעטריבן פון גן־עדן. און אים, גאָלדפאַדענען, האָט מען פארטריבן פון זיין גן־עדן ערשט אויף דער עלטער.

דאָ אין אַמעריקע האָט ער איבערגעלעבט זיין גרעסטע אַנ־טוישונג. ער איז אַראָפּגעקומען צו שעפּן נחת פון זיין געראָטע־נעם באַשאַף: קיין עין־הרע, ווי פון שמעון מארקס געדטנדל זע־נען עס געוואָרן גרויסע טעאַטער־זאַלן. ווי פון זיין „טרופּ" (אַזוי האָט ער גערופן דעם איינציקן אַקטיאָר זיינעם, וואָס האָט ביי אים געשפּילט טעאַטער אין באָטאָשאַן) זענען געוואָרן טרופּעס און טרופּעלעך. קיין עין־הרע נישט...

דאָס יידישע טעאַטער האָט אים אבער אויפגענומען קאַלט, ווי עפּעס א פרעמדן. אמת, מען האָט אין ניו־יאָרק געמאכט עטלע־כע „אָבענדע" פארן „פאָטער פונם יידישן טעאַטער". ס'האָט אָבער געשמעקט מיט א נדבה, מיט א „טשעפּע זיך אָפּ, אַלטיטשקער, מען דאַרף דיך שוין מער נישט האָבן. ס'זענען געקומען אַנדערע אויף דיין אָרט, און דער עיקר דער „רום" יעקב גאָרדין. וואָס איז דיין קאָמעץ־בערדל אַנטקעגן דער בכבודיקער באָרד פונם רע־פאָרמאַטאָר פונם יידישן טעאַטער, דעם גאָספּאָדין יעקב גאָרדין?"

ער, גאָלדפאַדן, האָט געפילט, אַז מען טוט אים אָן אום־רעכט, אַז אין זיין קאָמעץ־בערדל איז פאַראַן מער יידיש טעאַ־טער, ווי אין גאָרדינס גאַנצן לייב און לעבן. ער האָט נאָך גע־פּרוּווט אָנשרייבן א „נאַציאָנאַלע" אָפּערע „בן־עמי", באַווייזן, וואָס דער אַלטיטשקער קאָן. נאָר דאָס שטיק איז דורכגעפאַלן. האָט ער א פארביטערטער זיך צוריקגעצויגן. רעזיגנירט.

„פּאָולינע, דערלאַנג מיר די טראָפּן. ס'שוואַכט מיר דאָס האַרץ".

קיינער ענטפערט נישט. פרוי פּאָולינע גאָלדפּאַדן איז נאָך אַלץ נישט צוריקגעקומען פון דער אַפּטייק. דאָס מאַכן אַ רעצעפּט דאַרף דויערן.

גאָלדפּאַדנס האַרץ קלאַפּט נערוועז און האַסטיק. צו־וואָס האָט אים געטויגט די גאַנצע דערמאַנונג, די גאַנצע אויפרעגונג? דער דאָקטאָר האָט בפירוש אָנגעזאָגט, אַז ער זאָל זיך אויסהיטן פון יעדער קלענסטער אויפרעגונג.

„פּאָולינע!"

גאָלדפּאַדן דערהערט אַ טשלאַפּען פון טריט. פרעמדע טריט. און אפשר איז דאָס טאַקע זי, זיין פרוי פּאָולינע?

נעבן זיין בעט שטייט אַ הער. ער איז אָנגעטון אין אַ פראַק. דעם צילינדער האַלט ער אין דער האַנט. ער פאַרנויגט זיך פאַרן חולה:

„גוטן אבנד, הער גאָלדפּאַדן."

גאָלדפּאַדן באַטראַכט דעם פרעמדן. ווער איז ער און ווי אַזוי איז ער אַריינגעקומען?

„זי וווּנדערן זיך, הער גאָלדפּאַדן — זאָגט דער פרעמדער אויף דייטש, און זעצט זיך אַוועק אויפן ראַנד פונם בעט — אונד זי וואָלן זיכער וויסן, ווער איך בין, נון"...

ערשט איצט באַמערקט גאָלדפּאַדן, אַז דער פרעמדער טראָגט אויף זיין פּנים אַ מאַסקע און זיין האַרץ הויבט־אָן שטאַרק צו קלאַפּן, ווערט שיעור נישט צושפּרונגען.

„ווער זינד זי, מיין הער?"

דער פרעמדער נעמט־אַרויס זיין וויזיט־קאַרטע. דערלאַנגט זי דעם חולה.

אויף דער וויזיט־קאַרטע בליצן רויטע, פייערדיקע אותיות:

„טאָדעס-ענגל."

„דער מלאך־המות?" — פּיבערט גאָלדפּאַדן.

„דער טאָדעס-ענגל — קאָריגירט אים דער פרעמדער אויף דייטש. — איך זאַמלע נעמליך שוין איין די צווייטע גענעראַציאָן!

משכילים. און ביי דיזען האבע איך ערלערענט די דייטשע שפראַ־כע".

אהא, גאָלדפאדען הויבט־אָן צו פארשטיין. ער הויבט־אָן הנאה צו האָבן פון דעם ריינעם דייטש, וואָס דער מלאך־המות רעדט און פון זיינע איירָאָפעישע מאַניערן.

„נון, הער גאָלדפאדען".

„וואָס, ביטע?"

„האבען זי מיך פערשטאנדען?"

— פארשטאַנען? עפּעס יאָ, און עפּעס — נישט. אָט אַ שטייגער איז אים קשה, וואָס ער, דער מלאך־המות, איז צו אים געקומען אין אַ מאַסקע.

דער פרעמדער לאַכט גוטמוטיס.

„זי, הער גאָלדפאדען, זאָלן דאָס ניכט פערשטעהן? זי, דער גראָסע מאַסקען־צויבערער דער יידיש־דויטשען בינע?"

און דער פרעמדער קלערט אים אויף. אַזוי איז שוין זיין טבע פון בראשית אָן. צו יעדן קומט ער אין אַ געשטאַלט, וואָס זאָל זיין דעם שטאַרבנדיקן ניחא. פחדנים זעען אים תמיד אין אַ שרעקעוודיקער געשטאַלט. „עס איזט אַבער ניכט וואַהר, אָט צו איהנען, הער גאָלדפאַדען, בין איך געקאָמען אין אַ פראַק מיט אַ מאַסקע. דאָס איזט איינע סינפּעזע — איהרע סינטעזע".

גאָלדפאדען שמייכלט. דער פרעמדער איז אַ חברהמאַן. ער האָט טאַלאַנט. אַ שאָד, וואָס ער האָט זיך באַוויזן ערשט צום סוף. ווען ער קומט מיט אַ דרייסיק יאָר פריער, וואָלט ער געמאַכט אַ קאַריערע אין יידישן פאָלקס־טעאַטער.

„נון, הער גאָלדפאַדען". — —

„ביטע, מיין הער".

„צייט צו גיין. האבען זי איר ארכיוו געאָרדענט?"

„מער אָדער וויניקער".

„יעצט וועלן מיר נאָך אַ שפּיל־טון די סצענע, ווי ביידע קוני לעמל אמפערן זיך. אייגנטלעך בין איך דאָך, הער גאָלדפאַדען, דער וואַרער קוני לעמל".

„ניין, מיין הער, איך"...

ווער ס'האָט נישט געזען די דאָזיקע קוני־לעמל־סצענע צווישן דעם מלאך־המות און דעם טאַטער פונם יידישן טעאַטער, דער האָט א סך אָנגעוווירן.

געשען איז דאָס אין א ווינטער־אָוונט אין יאָר 1908.

ווען די פרוי פאַולינע גאָלדפאַדען איז צוריקגעקומען מיטן רע־צעפּט, האָט זי געטראָפן איר מאַן א טויטן. זיין געזיכט איז גע־ווען רואיק. ער איז אוועקגעגאַנגען פון דער וועלט מיט א שפּיל־האַלוצינאַציע.

דער וואַנט - זייגער האָט געקלונגען שאַרף, וועקנדיק, אָבער אים האָט ער נישט געקאָנט דערוועקן.

זיין לוויה איז געווען א גרויסע, נאָר זי האָט פאַרמאָגט א רעזשי־פעלער. די אַקטיאָרן זיינען געגאַנגען אָן מאַסקעס...

אליקום צונזער

זאָס גאַנצע שטעטל האָט זיך גערעשט מיט דער חתונה. אַ קלייניקייט, ר׳ בער גאָלובטשיק גיט־אויס זיין בת־יחידה. ס׳וועט שוין איינמאָל זיין אַ חתונה. גבירים קאָנען זיך פאַרגינען. און ר׳ בער גאָלובטשיק איז דער סאַמאָראָדנער גביר פון שטעטל. אַ ייד מיט אַ הדרת־פּנים, אַ הויכער, אַ ברייטפּלייציקער, מיט אַ געדיכטער, שוואַרצער באָרד. נדן גיט ער פינף טויזנט קערבלעך. דער שידוך איז גאָר אַ געהויבענער. וואָס דען, רב בער גאָלובטשיק וועט זיך חלילה משדך זיין מיט אַבי וועמען? קיין בעל־מלאכה איז אין זיין משפחה קיינמאָל נישט געווען און וועט נישט זיין. געלט גייט צו געלט. אַ גביר מיט אַ גביר, ווי דער שטייגער איז פון קדמונים.

די חתונה־קליידער האָט מען באַשטעלט אין דער גרויסער שטאָט. היימישע בעל־מלאכות זענען אפילו נישט געווען צופרידן. „ס׳טייטש — האָבן זיי געטענהט — ווו איז יושר? וואָס וואָלט אים געאַרט, דעם גביר, ווען היימישע בעל־מלאכות לעקן־אָפּ אַ ביינדל פון אַזאַ פעטער חתונה?״ אָבער ר׳ בער גאָלובטשיק האָט זיי געהערט ווי דעם קאָטער. געטון זיינס. אַלעמאָל האָט מען גע־שפּאַנט די בריטשקע און פּערעלע די נגידיתטע איז געפאָרן מיט איר שיינער בת־יחידה אין שטאָט אַריין: אָפּקלויבן זיידנס, סאַ־מעט, איינהאַנדלען מתנות. און זיי, די היימישע שניידערס און שניידערקעס זענען אַרומגעגאַנגען באַוווּלהטע, ברוגזע. געשאָלטן דעם גביר ר׳ בער מיט טויטע קללות. און נישט נאָר אים, נאָר טאַקע פאַר איינגעווענס אויסגעגאָסן פעך און שוועבל אויף אַלע גבירים פון דער גאַנצער וועלט.

ביז גאָר אומצופרידן זענען געווען די היימישע קלעזמער. זיי זענען געזעסן ביי שמעון יוסף אין שענקל, געטרונקען זעקס־און־

נייגציקער ספירט און געשאָלטן אויף קלעזמער־לשון דעם גביר דעם פאַרך, דעם טרעלבוך, וואָס איז קראַנק געווען צו נעמען די היימישע קלעזמער צו דער חתונה און נישט אַראָפּברענגען די סמילער קאַ־פעליע פון דער פרעמד. באשר, יענע האָבן א שם און נגידים זע־נען זיך נוהג אַראָפּצוברענגען צו א חתונה די סמילער? מוז ער, ר׳ בער, הייסט עס, מיטמאַכן אַלץ מיטן אַקוראַט?

נאָר איינער איז געזעסן ביי שמעון יוסף אין שענק און האָט געשוויגן. דאָס איז געווען דער היימישער בדחן שמואל שמעלקע. א ייד מיט א שיטער געל בערדל און מיט אומעטיקע אויגן. א קבצן לא עלינו, אין זיבן פאָלעס און א מטופּל מיט קינדער. ער, דער היימישער בדחן, האָט געשוויגן. מען קאָן נישט זאָגן, אַז אים האָט נישט געאַרט, וואָס דער גביר ר׳ בער גאָלובטשיק האָט באַ־שלאָסן אַראָפּצוברענגען אויף דער חתונה פון זיין בת־יחידה דעם באַרימטן בדחן אליקום צונזער. אָבער וואָס קאָן מען זיך העלפן? ר׳ שמואל שמעלקע ווייסט, אַז קעגן אליקום צונזער איז ער א גאָר־נישט מיט א נישט. ס׳פאַלט אים אפילו נישט איין זיך צו פאַר־מעסטן מיט דעם באַרימטן ווילנער בדחן, וואָס ווו א גבירישע חתונה ברענגט מען אים אַראָפּ. ס׳מעג אפילו קאָסטן א נדן מיט געלט. געלט איז בלאָטע שמועסט מען. נישט ביי אים דעם בדחן שמואל שמעלקע, איז געלט בלאָטע. ביי אים איז דווקא געלט—געלט, נאָר ביי זיי די גבירים, איז דאָס בלאָטע, ווי באַלד ס׳גייט אין אייגענער הנאה.

און צווייטנס, דער בדחן שמואל שמעלקע האָט זיך פיינט צו גענאַרן. ער ווייסט, אַז אליקום צונזער איז א ריז אַנטקעגן אים. צו זיינע לידער און זיינע גראַמען וועט ער קיינמאָל נישט דער־גרייכן, ער זאָל זיך אפילו שטעלן אויפן קאָפּ. ער, דאָס קליינע בדחנדל פונם קליינעם שטעטעלע, וועט זיך שוין מוזן באַגנוגענען מיט היימישע אָרעמע חתונות. זיי, די אָרעמע לייט, מוזן אָנקומען צו אים. מיט די געציילטע גראָשנס וועלן זיי אַזאַ באַרימטן בדחן, ווי ר׳ אליקום, נישט אַראָפּברענגען. אים מוז מען באַצאָלן, ווי עס ־עהער צו זיין. און אַז מען וויל מודה זיין דעם אמת, האָט עס

טאקע די ווערט. למשל, ווען אים אליין געלונגט צו געווינען דאס גרויסע געווינס און ער וואלט זיך געקליבן חתונה מאכן זיין על־טערע טאכטער האדל, א מיידל שוין קיין עין־הרע אין די יארן, וואלט ער אליין אויף דער חתונה אראפגעבראכט ר׳ אליקומען. א מבין אויף גוטס איז ער, פונקט ווי זיי, די גבירים, און אפשר נאך א גרעסערער מבין פון זיי, נאר וואס קומט ארויס, אז זיי האבן די אפותיקא און ער איז, לא עלינו, א קבצן? א קליינער גראמען־מאכער אויף די סאמע ארעמסטע חתונות.

אין א פראסטיקן ווינטער־פרימארגן זענען זיך צונויפגעפארן די מחותנים און געסט, וואס מען האט פארבעטן פון ביידע צדדים. פון די גרויסע שליטנס זענען ארויסגעקראכן בכבודיקע יידן אין ברייטע פעלצן. פעטע ווייבער מיט גילדענע אוירינגלעך אין די אויערן. די סמילער קאפעליע האט געשפילט „מזל־טוב" לכבוד די געסט. איבערן גאנצן שטעטל האט זיך געטראגן די מוזיק. אין די ארעמסטע שטיבער האבן זיך ארייגעריסן די קלאנגען מיט דער פרייליכער בשורה, אז היינט איז די חתונה פון ר׳ בער גא־לובטשיקס בת־יחידה.

דאס גאנצע שטעטל איז געווען אויף די פיס. יידן, ווייבער, קינדער האבן ארומגעשטעלט די שליטנס, געפרווט טרעפן ווער דער איז און ווער יענער איז.

„אט דער אלטער, דאס איז דעם חתנס א זיידע. מען שמועסט, אז ער אליין ווייסט שוין נישט, וויפל ער איז אלט".

„אט די מיטן דריי־גארנדיקן גוידער איז דעם חתנס א מומע. א יידענע א קאזאק. גייט ביי דעם מאן אין די הויזן. פירט אלע געשעפטן. אן אשת־חיל, ווער מיר גוטס גינט".

„און ווו איז אליקום בדחן?"

איינער האט געוויזן אויף א קליין יידל אין א טכוירן טולופל, וואס איז פונקט ארויסגעשפרונגען פון א שליטן.

„אט דאס איז אליקום בדחן!"

„איך האב מיר תמיד פארגעשטעלט דעם דאזיקן בדחן —

א גרויסן, אַ ברייטן, און צום סוף, נאָ זע, אַ קליין יידל, קוים מען זעט עס אָן. אַט דאָס זאָל טאַקע זיין דער גרויסער בדחן ? גייט שוין גייט, איר טרייבט קאַטאָוועס".

..אַז מען זאָגט אייך, ס'איז אליקום בדחן, מסתמא ווייסט מען. און דרייט נישט קיין קאָפּ. אַט זעט, ווי מען פירט אים צו שמעון רויזמאַן אין דער אכסניה. דאָרט וועט ער איינשטיין. זיין אַרבעט הויבט זיך אָן ערשט שפּעטער".

דער היימישער בדחן שמואל שמעלקע איז געשטאַנען מיט גרויסע אויפגעריסענע אויגן.

אַט דאָס איז ער, דער ריז ? דער גרעסטער גראַמען־מאַכער פון ליטווישן קאַנט ? אַט ער נעמט עס אַזוי פיל געלט פאַרן זינגען זיינע לידער אויף די גבירישע חתונות ?

דאָס ערשטע מאָל אין לעבן האָט ער אים געזען. ביז איצט האָט ער נאָר געהערט פון אים. אַלץ איז געווען, ווי אין אַ חלום און אליקום בדחן האָט מאַקע באַשיינט די חתונה. די מחותנים און די געסט האָבן ממש אָנגעקוואָלן. אָרעמע לייט האָבן געטראַכט ביי זיך אין האַרצן : אַ משכון זאָל מען פאַרזעצן און אַ גביר זאָל מען זיין.

דאָס ערשטע האָט ער געזונגען : ,,ס'ליד פונם אויג". זעקס סטראָפעס, וואָס שילדערן די מעלות פונם מענטשלעכן אויג. אַלצדינג זעט עס און פון אַלץ האָט עס הנאה. ,,טאָ זאָג-זשע מיר, דו אויג, וואָס איז מיט דיר דער מער, אַז ווען דו שטיפסט און ביזט פול מיט פרייד, פאַרוואָס רינט פון דיר אַ טרער?" דאָס אויג, פאַרשטייט זיך, ענטפערט : אמת, אַז דאָס אויג איז דאָס סאַמע שענסטע און טייערסטע. אָבער ס'איז נישט אייביק, אויף דער עלטער־ווערט עס טונקעלער, דערנאָך לייגט מען דערויף שערבלעך און שוין... און אפילו אין די גוטע צייטן איז עס פול מיט קנאה : ,,דער האָט אַ שיין קינד, דער אַ גאָלדענע קייט, דער אַ שיין ווייב און דער איז גראַפיש געקליידט". יידן האָבן ליב מוסר, און אליקום בדחן ווייסט, וואָס יידן האָבן ליב, און ער

זשאַלעוועט נישט. גיט גאַנצע פּאַרציעס מיט דער פולער האַנט: אַלצדינג, וואָס ער זאָגט, איז דאָך אמת, ווי גאָלד!

אליקום בדחן ווייסט, אַז יידן האָבן ליב צו דערמאָנען אויף אַ שמחה דעם שאָטן פון מענטשלעכן לעבן — דעם טויט. ער קען זיין עולם און ווייסט, וואָס אים צו געבן. זינגט ער פאַר זיי דאָס ליד פונעם „פּאָטשטאָוון גלעקל״. דער פּאָטשטיליאָן פירט פאַרשי־דענע בריוו. דעם ברענגט ער אַ פריילעכן און דעם אַ טרויעריקן. דעם זאָגט ער אָן, אַז ער האָט געוואונען אויף דער לאָטעריע, און דעם אַזוייטן, אַז ער איז אַראָפּ פון דער מדרגה. גאָרנישט איז באַשטענדיק, גליק און אומגליק, פרייד און טרויער. דורות זענען געווען און דורות וועלן קומען.

„אָ, דו ערד, ווי גרויס זענען דיינע מייסטער־ווערק,
דו צעבייסט אונז אַלעמען אונטער דיינע ציין,
מאַכסט גראָז פון מענטשן און מעטאַל פון בערג,
אָבער דו בלייבסט אייביק אין דיין פאָרעם שטיין.
און ווען איך פאַרגעס,
ווען איך עס,
פּילייכט איז די ברויט דער מאַרך
פון מיין פאַרשטאָרבן קינד,
און מיין פלייש און ביין
איז צעקייט פון דער וועלט אַליין.
און ווער ווייס, וויפל וועלטן לעב איך שוין אַצינד?״

רב אליקום ווייסט, אַז צו־פיל איבערציען דאָס שטריקל דאַרף מען אויך נישט. אַביסל טרויער מאַכט די שמחה זיסער. איין טראָפּעלע מער, ווערט די שמחה אויס שמחה.

גיט ער טאַקע, ווי אַ געניטער אַקראָבאַט, אַ שפּרונג-איבער צו לעבעדיקערע זאַכן. פאַרשטייט זיך, אַלץ מיט אַ מוסר. אַלע לידער האָבן עפּעס אַ מיין. אָט כאַראַקטעריזירן זיי דעם יידישן לעבנס־שטייגער. אָט גיט ער אַ ביישפּיל מיט דער אייזנבאַן. פון אַלצדינג אין דער וועלט קאָן מען לערנען. אַלצדינג אין דער וועלט

איז אַ משל. און דער נמשל — פּאָזשאַלויסטאַ! איר זעט די אייזנבאַן, וואָס פליט? דער לאָקאָמאָטיוו איז די צייט, זי שלעפּט מיט זיך מענטשן מיליאָנען, יעטוועדע רעלסע איז אַ סעקונדע. יעטוועדע סטאַציע — אַ יאָר. אַ פּאַיעזד אינגאַנצן איז אַ דור. „און דער בילעט, וואָס דער מענטש האַלט אין טאַש, דאָס איז זיין מזל. זיין רייזע־פּלאַן, ווי ווייט צו פאָרן און אין וואָסער קלאַס, באַשטימט פון גאָט, דעם דירעקטאָר פון דער באַן".

און אָט גייט ער איבער צום ליד פון די קאָנטראַסטן: „וואָס פאַר איינעם איז גוט, איז פאַר דעם צווייטן שלעכט; וואָס פאַר איינעם איז אומרעכט, איז פאַר דעם צווייטן רעכט". און אַז ער גיט אַ מאָל אָפּ פאַר דעם עולם די חיה, וואָס שטעקט אין יעדן מענטשן, ווערט דער עולם גאָר, גאָר נתפּעל: וואָס איז דער, וואָס זויגט אויס דאָס בלוט פון אַ צווייטן? — אַ פּיאַווקע. און דער, וואָס כיטרעוועט איבער דעם צווייטן? — אַ פוקס. דער, וואָס נעמט־צו ביים צווייטן די בעבעכעס? — אַ וואָלף. אַ פיינע מענאַזשעריע, כ'לעבן. אליקום בדחן איז אַ געניטער. ער קען אויסגעצייכנט ס'לעבן. און אַלצדינג פּאַסט ער צו צום גראַם, און אַלצדינג מיט אַ זמר — אַז דער טעמפּסטער מענטש קאָן עס תיכף צעקייען. ווער שמועסט אַ שפּיציק קעפּל, איז דאָך נישט שייך.

נאָר אַז אליקום בדחן הויבט־אָן זינגען דאָס ליד פונם „איז־באָרשטשיק", דאָס ליד פון די כאַפּערס, פון יענע פיינע לייט, וואָס האָבן געכאַפּט אָרעמע יידישע קינדער און זיי אָפּגעגעבן פאַר סאָלדאַטן — קומען אים אַליין טרערן אין די אויגן. ער דער־מאָנט זיך יענע נאַכט, ווען בכבודיקע יידן האָבן זיך אריינגעריסן צו זיין מאַמען, דער אלמנה, און פון אירע אָרעמס ארויסגעריסן זיין אַכט־יאָריקן ברודער עקיבאַ. איצט איז ער ערגעץ אין סיביר, דער ברודער. און נישט מען הערט און נישט מען זעט. און ער אַליין איז דען נישט בלויז דורך אַ נס ניצול געוואָרן פון צו זיין אַ קאַנטאָניסט? טאָקע דעמאָלט אין דער קאַזאַרמע האָט ער פאַר־פּאַסט זיינע ערשטע לידער און מיט די אַנדערע געפאַנגענע יידישע קינדער האָט ער זיי געזונגען.

דער גאַנצער עולם ווייסט פון דעם אַלעמען און פאַרשטייט די טרער אין דעם בדחנס אויג.

אהיימגעקומען איז אליקום בדחן אביסל בגילופין. פון דעם קאָן זיך אַ בדחן נישט ארויסדרייען. די פּאָר שעה ביז אין דער פרי, וועט זיך איבערנעכטיקן ביי שמעון רויזמאַן אין דער אכסניה, און מאָרגן בלי נדר, וועט ער צוריקפאָרן קיין ווילנע. די חתונה־געסט האָבן זיך אויפגעפירט גאָר פיין — אַ היפּשע סומע האָט ער אין בוזים־טאַש. די גאַנצע פאַרוואַנדלונג זיינע פון אַ שמוק־לער אין אַ בדחן קומט אים איצט פאָר, ווי אַ רעטעניש. ווי אַזוי איז דאָס געשען? אין קאָפּ נעפּלט אים. ער קאָן זיך נישט דער־מאָנען. אָבער איינס ווייסט ער: איצט איז אים גוט. ער איז איי־נער איבער גאַנץ ליטע און ווייסרוסלאַנד. אוודאי זענען אין גאַ־ליציע פאַראַן וועלוול זבאַרזשער און בערל בראָדער, אָבער דאָ קען מען זיי נישט. דאָ קען מען נאָר אים, אליקום צונזער, אליקום בדחן.

די נאַכט איז אַ שנייאיק־ליכטיקע און פראָסטיקע. אויפן הימל שיפט זיך אַ האַלבע לבנה. די פראָסטיקע ווינטער־נאַכט דער־מאָנט אים וועגן סיביר, וועגן אָט דעם לאַנד, וווּ זיין ברודער עקיבא ליידט, נעבעך, געברענטע צרות. צוויי ברידער, צוויי פאַר־שידענע גורלות. איינער וועט אָפּדינען אַ לעבן פּאָניען, ווייט פון אייגענע און נאָענטע. קוים, קוים זיך דערמאָנען, אַז ס'זענען פאַ־ראַן יידן אויף דער וועלט. און דער צווייטער — לעבט, ליידט, חלומט, זינגט צווישן יידן אויפן שטח פון דער ליטווישער לאַנד־שאַפט. ער איז זייערער און זיי זענען זיינע. ס'ווערט אים וואַרעם אויף דער נשמה. און ער לויבט נאָכאמאָל דעם נס, וואָס האָט אים געראַטעוועט פון די הענט פון די „כאַפּערס", ווייל אָן דעם נס, ווער ווייסט, צי ער וואָלט געווען דאָס, וואָס ער איז? דער גרוי־סער בדחן, דאָס שיינדל פון אַלע חתונות, דער מוסר־זאָגער און גראַמען־מאַכער פון אַ גאַנץ פאָלק.

יעקב מאָרגנשטערן

רב שיעלע קאָלושקער, דער זאָקן־פאַבריקאַנט, אַ הויכער ברייטפּלייציקער ייד מיט אַ רויטלעך־געקרויזטער באָרד און בלויע וואַסערדיקע אויגן, גייט־אַרום איבערן צימער אַהין און צוריק. ער פּיפּקעט די ליולקע, שפּייט אַלעמאָל אויס אין אַ זייט און רעדט ווי צו זיך אַליין:

„נישט איז נישט. מי לנו גדול. אַ קלייניקייט, אַ קלייניקייט, ר׳ יאָסעלע בזשעזאָווסקי... איר הערט, ר׳ יאַנקל — ס׳איז נישט געפּידלט און נישט געפּאָרן".

יעקב מאָרגנשטערן, אַ מיטל־וווקסיק מאָגער יידל, סאַמע הויט און ביינער, זיצט ביים טיש. די גאַנצע צייט האָט ער געוואַרט, אַז ר׳ שיעלע זאָל אים געבן אַ תשובה.

„איר האָט עפּעס געזאָגט, ר׳ שיע?"

דער זאָקן־פאַבריקאַנט גייט־צו צום טיש, זעצט זיך אוועק אַנטקעגנאיבער דעם שדכן, באַטראַכט אים מיט זיינע וואַסערדיקע אויגן און זאָגט נאָכאַמאָל הויך אויף אַ קול, ציילנדיק די ווערטער:

„כ׳האָב פיינט יחסנים, ר׳ יאַנקל. מיין בת־יחידה איז ביי מיר דאָס אויג אין קאָפּ. כ׳האָב געזאָגט, אַז איך גיב כך וכך נדן. כ׳נעם דעם יונגענמאַן צו זיך אין פאַבריק, כ׳וויל אים מאַכן פאַר אַ מענטש. איז וואָס בלאָזן זיי זיך אַזוי, די בזשעזאָווסקיס? שטעקן זיך פעדערן אין... איך בעט איבער אייער כבוד".

יעקב מאָרגנשטערן פאַרשטייט דעם כעס פון ר׳ שיעלע קאָלושקער. אַז מען וויל, איז ער אפילו גערעכט. קיין שום שידוך איז אים נישט אָנגעקומען אַזוי שווער, ווי דער איצטיקער. אייגנטלעך וואָלט ער געדאַרפט שפּייען קלעק אויף דער גאַנצער מעשה. נאָר ער קאָן נישט, ער טאָר נישט. זיין פלוגיתטע איז לעצטנס שטאַרק נישט מיט אַלעמען, מען דאַרף זי קורירן. דער ווינטער

איז צוגעפאַלן מיט שנייען און פרעסט און די קינדער זיינע גייען־אַרום נאַקעט און באָרוועס. דער באַלעבאָס פון דער דירה, ווו ער וווינט, האָט אים געגעבן אָנצוהערענישן, אַז מער איז ער נישט מחויב צו וואַרטן. דער דאָזיקער שידוך צווישן יאָסעלע בזשעזאָוור־סקיס זון און שיעלע קאָלושקערס בת־יחידה קאָן אים ראַטעווען.

ער האָט שוין אַ סך אַריינגעאַרבעט, געפלויגן אַהין און אַהער, געפּראַוועט אויסגלייכן, אויסגלעטן, כדי ס'זאָל צושטאַנדקומען. נאָר תמיד, ווען ס'האַלט שוין אויף אַ דרך, טוט־אָפּ דער שטן, ימח שמו, אַ שפּיצל און ס'ווערט קאַליע, האַלט אינגאַנצן ביים פּאַנאַנ־דערפאַלן.

„איר זענט אוודאי גערעכט, ר' שיע, — זאָגט ער צום פאַ־בריקאַנט — ר' יאָסעלע בזשעזאָווסקי בלאָזט זיך טאַקע, אָבער ס'איז פאָרט אַ גלייכער שידוך — אַ זיווג מן השמים. פאָלגט מיך, ר' שיע, און לאָזט אייערס איבערגיין. איר וועט זען, אַז ס'וועט זיין גוט, גאָט און לייט וועלן אייך מקנא זיין".

ר' שיעלע קאָלושקער שווייגט, פּיפּקעט די פּיפּקע און קוקט אויף די וואָלקנס רויך, וואָס קרייזלען זיך איבערן צימער און ווערן צערונען.

„הייסט עס, — זאָגט יעקב מאָרגנשטערן, — אַז מאָרגן מער־צעשעם כאַפּ איך זיך אַריבער צו יאָסעלע בזשעזאָווסקי און וועל אים זאָגן, אַז איר זענט מסכים און מען קאָן שוין ברעכן טעלער אין אַ גוטער און מזלדיקער שעה?"

דער מאָגערער שדכן מיטן רונד־געשוירענעם בערדל הויבט זיך אויף פון זיין אָרט, פאַרקנעפּלט דעם אָפּגעריבענעם פּאַלטן און לאָזט זיך גיין צו דער טיר.

ר' שיעלע קאָלושקער הויבט זיך אויף פון זיין אָרט, גייט־צו פּאַמעלעך נישט געאײַלט זיך, צו יעקב מאָרגנשטערן, וואָס האַלט שוין די האַנט אויף דער קליאַמקע פון דער טיר:

„פון מיינעטוועגן קאָנט איר נאָכאַמאָל אַרויפגיין צו די בזשעזאָווסקיס. נאָר זאָגן זאָלט איר זיי צום סאַמע לעצטן מאָל, אַז איך ביין גרייט צו סילוקן דעם נדן פאַר דער חופּה, נאָר אַזוי פיל, וויפיל איך האָב געזאָגט און נישט וויפיל זיי הייסן זיך אָנ־

מעסטן. וועלן זיי מסכים זיין איז גוט, אז נישט — ר׳ שיעלע ציט זיך אויס אין זיין גאַנצער לענג — אַ נישט, איז נישט.״

„ס׳וועט שוין זיין רעכט, ר׳ שיע. ס׳איז בפירוש אַ זיווג מן השמים און דאָרט, ווו ס׳איז אַ זיווג מן השמים, מעגן זיך די מחותנים שטעלן אויפן קאָפּ, וועט זיין אַ מזל־טוב. אַ גוטן תמיד, ר׳ שיע״.

יעקב מאָרגנשטערן גייט אַוועק. פּאַרזיכטיק שאַרט ער זיך אַראָפּ די טרעפּ. דאָס נאַפּט־לעמפּל, וואָס הענגט אין דרויסן, צאַנקט געל און טרויעריק און איז נישט בכוח צו באַלויכטן די טונקעלע, גליטשיקע טרעפּ.

אין דרויסן שנייט. אַ פּייכטע נודנע קעלט, וואָס עסט זיך איין אין די ביינער, נעמט אים אַרום. ס׳איז שוין שפּעט אין אָוונט, ער לאָזט זיך גיין מיט איילנדיקע טריט.

פון דעם שידוך וועט שוין, ווייזט אויס, גאָרנישט ווערן. ער זעט עס בחוש. אַזוי פיל מי אַריינגעלייגט אומזיסט. דאָס שדכנות־געלט וואָלט אים איצט שטאַרק צו־נוץ געקומען. נאָר גיי פּועל ביי גבירים, וואָס אַז זיי עקשנען זיך איין, וועסטו שוין גיכער רירן אַ מויער פונם אָרט.

און אפשר איז נאָר ער שולדיק. אַ געניטער שדכן וואָלט שוין געפונען אַ וועג, ווי אַזוי אויסצופירן זיינס. און סך־הכל איז ער נאָר אַ לערער. אַ מענטש, וואָס לערנט קעבינס און דינסטן לייענען און שרייבן און פון דעם ציט ער זיין חיונה, מ׳שטיינסגעזאָגט. אַז מען טרינקט זיך, כאַפּט מען זיך אָן אין אַ שטרוי. עטלעכע מאָל איז אים געלונגען דורכצופירן שידוכים, איז פּרוווט ער, אפשר וועט עס גיין אויך ווייטער. די איצטיקע קאָרט איז אים נישט געראָטן. אי, ווען ס׳געלונגט אים, וואָלט ער כאָטש אַביסל געקאָנט אָפּאָטעמען! אַ גביר איז טאַקע בטבע אַ חזיר. נאָר, אַז מען האָט צו טון מיט צוויי, וועט שוין איינער דערלייגן, וואָס דער צווייטער האָט נישט דערגעבן.

ער שטעלט זיך אַ ווײַלע אָפּ, כאַפּט־אָפּ דעם אָטעם. וואָס האָט ער זיך אַזוי צו איילן, וואָס? אַלע „לעקציעס״ האָט ער שוין היינט געגעבן. אויסגעוועזן אין אַ צענטליק קיכן, געוויזן פּאַרהאַ־

רעוועטע דינסטן, ווי אזוי מען האַלט אַ פּענע אין דער האַנט. מיט וואָסער אויף קאַשע איז ער שוין פאַרזאָרגט. איצט ווו נעמט מען אויף קאַשע?

דער שני שיט און שיט און ווערט תיכף צערונען. די גאַס־לאַמטערנס ברענען טריב און אָרעם. ווען מען וואָלט זיי אַריינגענומען אין אַ וואַרעמער שטוב אַריין, וואָלטן זיי זיך פּשוט מחיה געווען.

אָפּגעכאַפּט דעם אָטעם, לאָזט ער זיך גיין ווייטער. סימע די קעכין פון דעם מאַנופאַקטור־סוחר זעליג גאָלדמאַן, האָט אים געשיקט זאָגן, אַז ער זאָל אַרויפקומען צו איר. זי דאַרף, ער זאָל איר אָנשרייבן אַ בריוו. די צען קאָפּיקעס וועלן זיין אַזוי ווי געפונען.

„אַ סך מלאכות, איז ווייניק ברכות" — מורמלט ער. סיי דער שדכן, סיי דער לערער, סיי דער מעשה־שרייבער, פאַרדינען אַזוי פיל, אַז ס'קלעקט קוים, קוים אויף איבערצוקומען די וואָך.

און ער ווייסט, אָט דער יאַנקל לערער, ער ווייסט עס אויף זיכער, אַז ער איז אַ גוטער מעשה־שרייבער. זיינע מעשיות ווערן צעכאַפּט, ווי מצה־וואַסער, און מען לייענט זיי מיט גרוים הנאה. זיינע מעשיות „שבת קודש אין גן־עדן" און די „מעשה משני שותפים און שני קצבים" געפינט מען כמעט אין יעדער יידישער שטוב, סיי דאָ אין לאָדזש, ווו ער וווינט און מוטשעט זיך, סיי אין דער גאָרער וועלט.

ווער שמועסט נאָך זיין „מעשה פליאות מג' אחים, איין זעהר שיינע, וויכטיקע, וואונדערלעכע געשיכטע פאָן דריי ברידער, גרויסע לייט" — האָט גאָר אַ גרויסן שם איבער דער וועלט. די דאָזיקע מעשה האָט מען שוין עטלעכע מאָל איבערגעדרוקט. און אַלעמאָל האָט מען די ביכעלעך פאַרצוקערט. נאָר אָן אים, דעם מחבר, האָט מען, ווייזט אויס, פאַרגעסן. פון זינט ער האָט באַקומען די פאָר רובל פאַר דעם ערשטן דרוק, האָט ער שוין מער נישט געזען קיין פּרוטה. און פאַר וועמען זיך צו קלאָגן איז נישטאָ. און יושר— עט.

ער דערמאָנט זיך יענעם ווינטער, ווען ער האָט געשריבן די „מעשה מג' אחים". אַ שווערער ווינטער געווען. אין זיין אָרעמער

שטוב אויף באַלוט האָט זיך צעליִיגט דער דלות, ווי בײַ זײַן טאַטן אין ווײַנגאָרטן. דאָס ווײַב איז נאָך נישט געקומען צו זיך פון דער לעצטער קימפּעט. אויפן הארצן איז אים געווען אָנגעזאָלעט ביז גאָר. און אין אָט יענע לאַנגע, אומעטיקע ווינטער־נעכט איז אים אײַנגעפאַלן די מעשה מיט די דרײַ ברידער, וואָס יעדער פון זיי האָט זיך גענומען אַ מצווה מקיים צו זײַן. מיט זיי צוזאַמען האָט ער זיך געלאָזט אין דער וועלט אַרײַן, איבערגעלעבט צוזאַמען מיט זיי זייערע וואַנדערונגען, די מניעות, וואָס האָבן זיך זיי אַנטקעגנגעשטעלט. און אַז גאָט האָט זיי געהאָלפן, זיי זענען עולה לגדולה געוואָרן — יעדער פון זיי האָט חתונה געהאַט מיט אַ בת־מלכה און גערישנט אַ קעניגרײַך — האָט ער, דער אָרעמער יאַנקל לערער, פאַרגעסן אין זײַן אייגענער אָרעמקייט. ער האָט זיך גע־פרייט מיט דעם גליק פון די ג׳ אחים.

די דאָזיקע ווונדערלעכע מעשה האָט אים דאַמאָלט באַפרײַט פון זײַן אומעטיקייט, געמאַכט אים פאַרגעסן זײַן אָרעמקייט, און נישט אומזיסט קוויקן זיך מיט דער דאָזיקער מעשה די אָרעמע יידן און יידענעס, די קעבינס און די דינסטן, די באַלמעלאָכעס פון גאָר דער יידישער וועלט.

„אפשר — טראַכט יאַנקל לערער — אפשר זענען אַלע ווונ־דערלעכע און פאַנטאַסטישע מעשיות געבוירן געוואָרן אין אָרעמע שטיבער? די אָרעמקייט פון אַלע צייטן און בײַ אַלע פעלקער האָט אין שיין פון די פאַרביקע און ווונדערלעכע פאַסירונגען אָפּ־געאָטעמט אויף אַ ווײַל, פאַרגעסן וועגן איר אייגענער נויט.״

ער אַליין האָט אַ סך ווונדערלעכע מעשיות איבערגעזעצט אויף יידיש. „מאַגעלאָנאַ די קרוינפּרינצעסין פאָן נעאַפּאָל״, „די שיינע העלענאַ״ און „די שיינע בלומכע גענאָוועפאַ״.

טראַכטנדיק די דאָזיקע מחשבות, פילט יאַנקל לערער נישט די קעלט, וואָס עסט זיך אים אײַן אין די ביינער. ער פילט נישט די נעץ, וואָס קריכט־אַדורך די אָפּגעריבענע זוילן פון זײַנע שיך. ער באַמערקט אפילו נישט, אַז ער איז שוין פאַרבײַגעגאַנגען דאָס הויז, וווּ די קעבין וואַרט אויף אים, כדי ער זאָל איר אָנשרײַבן אַ בריוו.

ערשט ווען ער כאַפּט זיך אויף פון זיין טראַכטן, באַמערקט ער, אַז ער איז פאַרקראַכן, ער בטלט־אויס אַלע חלומות צו זיין אייגענעם קאָפּ און קערט זיך אום צוריק.

אָט איז דאָס הויז, וווּ ס'וווינט דער מאַנופאַקטור־סוחר זעליג גאָלדמאַן. יאַנקל לערער גייט אַריין אין הויף, מיידט אויס דעם פאַראַדנעם איינגאַנג און מיט די אונטערשטע טרעפּ, וואָס פירן צו דער קיך, לאָזט ער זיך אַרויפגיין.

סימע די קעכנע, אַ יונג שוואַרץ־חנעוודיק ווייבל מיט קלוגע, לעבעדיקע אויגן, דערפרייט זיך מיט אים, ווי מיט אַן אבן טוב.

„איך האָב געמיינט, אַז זי וועלן שוין היינט נישט קומען, ר' יאַנקל. איך דאַרף אויף געניטיק זי זאָלן מיר אָנשרייבן אַ בריוו צו מיין מאַן, וואָס דינט ביי פּאָניען, אַ מיתה משונה זאָל ער איינעמען. מאַנעוורעס גלוסט זיך אים, זי הערן, ר' יאַנקל, מאַנעוורעס. אָן מאַנעוורעס דוכט זיך אים, פּאָנקעלע גנב, וועט ער ווערן בדיל הדל. מיין מענדל שרייבט מיר, אַז איך זאָל אים למען השם זען צושיקן אַ פּאָר קערבלעך. מען שיקט זיין ראָטע אַוועק אַזש קיין סיביר, אַז שיקן זאָל מען פּאָניען אַכצן טעפּלעך קדחת אויף שלח־מנות...״

אין דער וואַרימער קיך פילט יעקב מאָרגנשטערן, ווי די קעלט, וואָס האָט זיך איינגעגעסן אין זיינע ביינער, טרעט פון אים אָפּ. ער רייבט זיך די פאַרפרוירענע הענט און זאָגט צו דער באַרעדעוודיקער קעכין:

„זייען זי אַזוי גוט, סימע, און דערלאַנגען זי מיר טינט און פעדער מיט אַ בויגעלע פּאַפּיר, וועל איך אין אָנשרייבן אַ בריוול צו אינם מאַן״.

סימע נעמט אַפּער אַ בויגעלע פּאַפּיר פון אונטער דער צעראַטע, וואָס דעקט־צו דעם קיך־טיש. זי שטעלט אַוועק טינט און פעדער אויפן טיש.

„ווי אַזוי ווילן זי זאָל איך שרייבן דעם בריוו, אויף פּראָסט יידיש, צי אויף מאָסקוויטעריש?״ — פרעגט יאַנקל לערער.

„אויף מאָסקוויטעריש, ר' יאַנקל. מען זאָגט, אַז מען שרייבט

אויף מאָסקוויטעריש, גיט מען גיכער אָפּ דעם בריוו. אויף יידיש קאָן נאָך פאַרפאַלן ווערן".

יאַנקל לערער זעצט זיך אַוועק, טונקט איין די פּענע אין טינ־טער און וואַרט סימע די קעכין זאָל אים זאָגן, וואָס ער זאָל שרייבן.

סימע זעצט זיך אַנטקעגנאיבער אים. שפּאַרט־אָן די עלנבויגנס אויפן טיש און טראַכט פון וואָס אָנצוהויבן.

,,שרייבן זי אים, ר' יאַנקל, אַז זיין בריוו האָב איך באַקו־מען, אַז קיין נחת פון זיינע בריוו האָב איך נישט, אַז איך וואָלט שוין געוואָלט דערלעבן די מינוט, ווען ער וועט זיין פריי. שרייבן זי, אַז איך פאַרשטיי, אַז ס'איז אים גענוג ביטער צו דינען פאָ־ניען. זאָל ער פאַרשטיין, אַז דינען ביי אַ חזיר, ווי זעליגל גאָלד־מאַן, איז אויך נישט קיין קלייניקייט. איידער מען דערזעט ביי אים די פּאָר גילדן, קריכן גוט אַרויס די אויגן פונם קאָפּ".

סימע זיפצט־אָפּ. יעקב מאָרגנשטערן ציקלט די אותיות פּאַ־מעלעך, פּאַמעלעך. סימע רעדט אויף יידיש. ער אָבער שרייבט אויף רוסיש. און רוסיש איז דיר נישט קיין קלייניקייט.

,,און דאָס, וואָס ער הייסט זיך שיקן אַ פּאָר רובל — דיק־טירט ווייטער סימע — וואָלט איך אים גערן געשיקט, האָב איך אָבער נישט, און געבן אויף פּאָרויס, איז מיין באַלעבאָס, אַ מיתה משונה זאָל ער איינגעמען, נישט קיין בעלן. סיידן גיין צו אַ פּראָ־צענטניק, וואָס רייסט דערנאָך שטיקער. האָב איך אים שוין גע־שריבן אין פריערדיקן בריוו, אַז דאָס לעצטע געלט, וואָס איך האָב אים געשיקט, האָב איך טאַקע גענומען אויף פּראָצענט, און איך קאָן זיך נישט אויסצאָלן ביז צום היינטיקן טאָג".

סימע פאַרטראַכט זיך. אין דרויסן הערט מען שווערע טריט. די טרעפּ קרעכצן.

די טיר עפנט זיך און עס קומט אַריין אַ הויכער משונהדיקער מענטש מיט אַ קאַלטנוואַטער באָרד און גרויסע קעלבערנע אויגן. ער איז אָנגעטון אין ברודיקע שמאַטעס.

סימע די קעכין גיט אַ פּאַטש מיט די הענט:

„ט'אַסטו דיר אַ גאַסט. אין מיטצע דרינען, שמחה פּלאַכטע. ס'קאַצל קומט! וואָס פאַר אַ רוח האָט דיך אַנגעטראָגן?"

„היינט איז דאָנערשטאָג, סימע. איך בין געקומען, ר' זעליג זאָל באַצאָלן פאַר דער וואָך, וואָס איך האָב געטראָגן וואַסער. אויב ר' זעליג מיר נישט באַצאָלן, מיין ווייב וועט שרייען, שעלטן, שלאָגן, און שמחה פּלאַכטע וועט נישט האָבן אויף שבת".

„ווערסט קומען מאָרגן אין דער פרי, שמחה. איצט איז דער באַלעבאָס נישטאָ אין דער היים. קום מאָרגן אין דער פרי פאַר זיבענע, הערסט, וואָס מען זאָגט דיר, שמחה?"

שמחה קראַצט זיך מיט ביידע הענט דעם גערירכט־באַוואַקסע־נעם קאָפּ.

„מאָרגן, מאָרגן. תמיד דו מיר זאָגסט מאָרגן. איך מאָרגן קומען. מיר נישט גיבן געלט, זיין שלעכט, זייער שלעכט."

„איך זאָג מאָרגן, בהמה. דער באַלעבאָס זאָגט מאָרגן, זאָג איך מאָרגן. גיי שוין גיי, שמחה. זעסט דאָך, אַז מען שרייבט אַ בריוו".

יעקב מאָרגנשטערן באַטראַכט דעם מאָדנעם פּאַרשוין. ווו האָט ער אים געזען אַמאָל? די געשטאַלט, דאָס פּנים? אהא! ניין, ס'איז נישט געווען ער, נאָר אַן ענלעכער צו אים. דענצמאָל נאָך, ווען ער, יאַנקל, איז געווען אַן אַלעקסאַנדער חסיד. איצט ווייסט ער שוין אויף זיכער, דעם רבינס גבאי. שמחה פּלאַכטע האָט אים דערמאָנט דעם אַלעקסאַנדער גבאי, ר' בערעלע גאָראָ־דאָוואָי.

און יעקב מאָרגנשטערן, דער לערער, דער בריוו־שרייבער, דער שדכן, דער בדחן און דער מעשה־שרייבער, מאַכט־צו די אויגן אויף אַ ווייל און דערזעט אַ מאָדנע זעאונג. דער גולם שמחה פּלאַכטע, דער וואַסער־טרעגער, זיצט אין אַ שטריימל, פּראַוועט טיש. חסידים שטופּן זיך צום אויבן־אָן, וווּ ער זיצט, און זיי רופן אים „רבי".

„נו, ר' יאַנקל, שרייבן זי ווייטער. דער גולם איז שוין אַוועק־געגאַנגען" — זאָגט סימע די קעכין.

יעקב מאָרגנשטערן האָט אפילו נישט געהערט, ווען שמחה

איז אוועקגעגאנגען. סימעס קול וועקט אים אויף, ווי פון א חלום.

„ווער? דער רבי איז אוועקגעגאנגען?"

„וואָס פאַרא רבי, ר' יאנקל? שמחה פלאַכטע איז אוועק־געגאנגען".

„איך מיין טאַקע שמחה פלאַכטע, סימע" — זאָגט יעקב מאָרגנשטערן און צולאַכט זיך אויפן קול.

סימע דיקטירט ווייטער דעם בריוו און יאנקל לערער שרייבט. ווער ווייסט, אפשר וואָלט זיך דער בריוו קיינמאָל נישט געענדיקט. א גליק, וואָס דאָס פאַפּיר האָט זיך געענדיקט.

סימע די קעכין באַצאָלט אים פאַר דער טרחה צען קאָפּיקעס און יעקב מאָרגנשטערן לאָזט זיך אהיימגיין.

ער איז פריילעך ביז גאָר. פילט נישט די קעלט. ער האָט איצט א נייע מעשה. א פריילעכע ביז גאָר. ווי שמחה פלאַכטע ווערט א רבי. דער עולם וועט לאַכן און די חסידים וועלן קריצן מיט די ציין.

בירך שאפיר

דער פּראָקוראָר, אַ הויכער, ברייט־פּלייציקער אוקראַאינער, מיט אַ גע:אָלטער גאָמבע און אַ רויטן קאַרק, האַלט ביים פאַר־ענדיקן זיין רעדע. יעדעס וואָרט זיינס איז שאַרף און שניידנדיק, ווי אַ מעסער. ווי שפּינוועבס צעבלאָזט ער די אַרגומענטן פונם פּאַרטיידיקער, דעם יונגן פּשעמישלער אַדוואָקאַט ד״ר מאַרקוס לופּט.

דאָס פאַרברעכן פון דעם באַשולדיקטן בירך שאַפּיר איז באַוויזן. מעו קאָן גוט פאַרשטיין די אָנשטרענגונג פונם פאַרטיי־דיקער, וואָס באַמיט זיך צו געפינען מילדערנדיקע אומשטענדן. אָבער ער, דער פאַרטיידיקער אַליין, איז דאָך מודה, אַז דער באַ־שולדיקטער איז באַגאַנגען אַ פאַרברעכן קעגן דער זיטלעכקייט. זיי, די הערן געשווירענע ריכטער, זענען באַרופן אַרויסצוטראָגן זייער אורטייל אַנטקעגן אַ מענטש, וואָס האָט, זייענדיק אַ לערער פון פראַנצויזיש אין גוטע בירגערלעכע הייזער, מיסברויכט מיט דעם צוטרוי, וואָס מען האָט אים אַרויסגעוויזן. ער האָט געפּרוּווט זיינע שילערינס, דאָס רוב מינדעריאָריקע מיידלעך, אָפּצופירן פונם דרך־הישר. אַנשטאָט זיי צו לערנען די פראַנצויזישע שפּראַך, האָט ער, ווי עס איז קלאָר געוואָרן דורך די עדות, געפּרוּווט זיי פאַרפירן. און אין דעם פאַל פון דער פרייליין ג. אפילו געפּרוּווט דאָס מיידל פאַרגוואַלטיקן.

פאַר אַזוינע שווערע פאַרברעכנס קעגן דער זיטלעכקייט דאַרפן די הערן ריכטער אַרויסטראָגן זייער אורטייל. דער אורטייל פון די חשובע הערן געשווירענע דאַרף אָפּווישן דעם שאַנד־פלעק, וואָס איז געפאַלן אויף דער גאַנצער שטאָט און דאַרף איזאָלירן אַזאַ געפערלעכן מענטש, ווי דעם באַשולדיקטן, פון דער געזעל־שאַפט.

דאָס, וואָס דער באַשולדיקטער איז, ווי מען זאָגט, אַ מענטש מיט בילדונג, אַ קענער פון שפּראַכן און אַליין אַ שטיקל פּאָעט, מאַכט אים נאָך פאַראַנטוואָרטלעכער פאַר זיינע מעשים, וואָס זענען שענדלעך און געפערלעך ביז גאָר.

די חשובע הערן געשווירענע ריכטער דאַרפן אַרויסטראָגן דעם שאַרפסטן פּסק, אָנערקענען די העכסטע שטראָף, וואָס דאָס געזעץ צייכנט־אָן פאַר אַזעלכע פאַרברעכנס. אַרויסטראָגנדיק אַ שטרענגן אורטייל, וועלן זיי נישט נאָר באַשטראָפן און איזאָלירן אַזאַ געפערלעכן מענטש פון דער געזעלשאַפט, נאָר זייער אורטייל וועט איינצייטיק זיין אַ וואָרנונג פאַר אַנדערע, וואָס וועלן זיך פּרוּוון גיין אויף די דאָזיקע פאַרברעכערישע וועגן.

דער באַשולדיקטער בירך שאַפּיר קוקט מיט אַנגסטיקע אי־בערגעשראָקענע אויגן אויף דעם הויכן מענטש מיט דעם רויטן קאַרק, וואָס רעדט און דונערט קעגן אים. וויל אים פאַרניכטן, צע־שמעטערן אויף שטענדיק.

דער פּראָקוראָר פאַרענדיקט זיין רעדע. ער זעצט זיך אַוועק אויף זיין אָרט. מיט אַ טיכעלע ווישט ער אָפּ פון דעם רויטן קאַרק דעם שווייס, אַ צופרידענער מיט דעם איינדרוק, וואָס זיין רעדע האָט געמאַכט אויף די געשווירענע ריכטער.

בירך שאַפּיר, אַ מאָגערער, מיטל־וווּקסיקער יונגערמאַנטשיק מיט אַ געשוירן בערדל, איז בלייך און אויפגערעגט. דער פּראָצעס האַלט זיך שוין ביים ענדיקן. נאָכאַמאָל וועט רעדן זיין פאַרטיי־דיקער, דער יונגער אַדוואָקאַט ד"ר מאַרקוס לופּט, און דערנאָך וועט קומען דער אורטייל. יאָרן און יאָרן תּפיסה. ווער ווייסט וויפל און פאַר וואָס.

דער פאַרטיידיקער האָט אַ געשליפן צינגל. ער רעדט צום סענטימענט פון די ריכטער. נאָר וואָס ער זאָל נישט זאָגן, איז דאָס אַלץ נישט דאָס, וואָס ער, בירך שאַפּיר, וואָלט געזאָגט, ווען ער וואָלט זיך אַליין פאַרטיידיקט.

אין געריכטס־זאַל איז דושנע. די פּנימער פון די געשווירע־נע ריכטער זענען אָנגעשטרענגט. אפשר דוכט זיך אים נאָר אַזוי. ער, בירך שאַפּיר, פּרוּווט אָראָפּלעזן פון זייערע געזיכטער, וואָס

זיי טראכטן. אַט דער מיטן צעשוווּמענעם פּעטן פּנים, דער חזירניק פּעטרע קורעליולקע, וועט אים זיכער העלפן פאַרמשפּטן, און דער פּריזירער אַנדזשעי גאַניעץ, דאָס לאַנגע, דאַרע מענטשל מיט די ווייסע ברעמען, איז זיכער נישט אויף זיין זייט. ער לייענט עס אַראָפּ פון זיין פּנים. פּילט עס אַזוי קלאָר, אַז ס'טוט אים ממש ווי דאָס האַרץ.

דער פאַרטיידיקער רעדט און רעדט, פּרוּווט אָפּשוואַכן די ווירקונג פון דעם פּראָקוראָרס לעצטע רעדע. ער אַפּעלירט צום געפיל פון די ריכטער, שילדערט די מעלות פון דעם באַשולדיקטן. אַ מענטש מיט קולטור און נשמה. אַ פּאָעט, וואָס שרייבט אין פיר שפּראַכן. ער בעט זיך, דער פאַרטיידיקער, אַז זיי, די געשוווירענע ריכטער, זאָלן נעמען אין אַכט, אַז דער באַשולדיקטער איז אַ ווערטפולער מענטש, אַז אַ שווערער אורטייל וועט אים צעברעכן אויף אייביק, און אַ מילדער אורטייל וועט זיין אי אַ שטראָף, אי אַ וואָרנונג אויף להבא, כדי דער באַגאַנגענער פעלער זאָל זיך מער נישט איבערחזרן.

דער פאַרטיידיקער רעדט און רעדט. בירך שאַפּיר זעט, ווי די ווערטער טאַנצן אים אַראָפּ פון די ליפּן. גלאַטע, פּליסיקע, אײנס נאָכן צווייטן. ווערטער זיס ווי האָניק און ווייך ווי פּוטער. אָבער ס'איז נישט דאָס, וואָס מען וואָלט אייגנטלעך געדאַרפט זאָגן. געדאַרפט וואָלט מען אַנדעריש, אַנדעריש. אַט אַ שטייגער אַזוי :

די גאַנצע באַשולדיקונג האָט די ווערט פון אַן אויסגעבלאָזן איי. אַז ס'הויבט זיך גאָרנישט אָן און ס'לאָזט זיך נישט אויס. ער, בירך שאַפּיר, דער לערער פון פראַנצויזיש, איז קודם כל נישט קיין שטיקל פּאָעט, נאָר אַ גאַנצער פּאָעט. און דאָ ליגט דער שליסל. ווי יעדער פּאָעט איז ער עמפּפינדלעך אויף שיינקייט, וואָס אפילו דער געשוווירענער ריכטער, דער חזירניק פּעטרע קורעליול-קע, קאָן צו איר נישט זיין גלייכגילטיק. ווער שמועסט נאָך אַ דיכ-טער? און דאָ איז דער גאַנצער חילוק. נישט דער לערער, דער פּעדאַ-גאָג, האָט אַ קוש געטון דער אָדער יענער שילערין, נאָר דער פּאָעט. און דאָס איז גאָר עפּעס אַנדעריש. און דאָס, וואָס די היסטערישע

מאמאס האבן דערפון געמאכט א צימעס, דערין איז שולדיק זייער היסטעריע. און דאס, וואס דער פּראָקוראָר האט דערפון גע־מאכט א זיטלעכקייט־פאַרברעכן — איז דערויף איז ער דאך א פּראָקוראָר, כדי נישט צו פאַרשטיין דעם פּאָעט, נאר דעם פּאַראַ־גראַף.

דער פאַרטיידיקער רעדט נאך אלץ. בירך שאַפּיר הערט שוין אפילו נישט, וואס ער רעדט. ער טראַכט וועגן דעם, וואס ער וואָלט געזאָגט, ווען ער אליין וואָלט געווען זיין אייגענער פאַר־טיידיקער.

אָט, א שטייגער, די מעשה מיט דער פאַרגוואַלטיקונג. ס'איז א בפירושע בבא־מעשה. דאס פרײַלין ג. איז טאקע זיינע א שי־לערין. שיין און חנעוודיק און שטאַרק קאָקעטיש. ער האט פאר איר אָפּט געלייענט און געזונגען זיינע לידער אין דייטש, פּויליש און יידיש. לכבוד איר האט ער אפילו פאַרפאַסט א ליד אין פיר שפּראַכן. ער האט עס איר געלייענט מיטן באַדינג, אז זי וועט זיך לאָזן געבן א קוש. זי איז דערויף איינגעגאַנגען. גיי ווייס, אז דאס פרײַלין ג. וועט באַקומען א היסטערישן אָנפאַל. און דערויף וועט נאר אָנקומען די חשובע מאַדאַם מאַמאַ, און ס'וועט גע־בוירן ווערן די לעגענדע פון א פאַרגוואַלטיקונג...

דער פאַרטיידיקער רעדט נאך אלץ. בירך שאַפּיר ווערט אומ־געדולדיק. זאל ער שוין ענדיקן אמאל, דער פּלאַפּלער, מיטן גע־שליפענעם צינגל. אז יענער וועט ענדיקן וועט ער ערשט דענצמאל נעמען דאס וואָרט, נישט געפּרעגט ביי קיינעם. ער וועט זיי דער־ציילן דעם אמת, אויפקלערן זיי, ווי אזוי עס איז געווען, אפשר וועלן זיי פאַרשטיין.

בירך שאַפּיר באַטראַכט נאָכאַמאָל די פּנימער פון די ריכ־טער, פּרוווט דערגיין, וואס זיי טראַכטן, הערנדיק די לייכטע דרשה פונם פאַרטיידיקער. נאר ער קאָן גאָרנישט תופס זיין. ער זעט נאר, ווי ביים געשוווירענעם ריכטער, דעם חזירניק פּעטרע קורע־ליוּלקע, קלעפּן זיך די אויגן. ביים פּריזידער אַנדזשעי גאָניעץ צי־טערט די אונטערשטע ליפּ. מסתמא פאר נערוועזיטעט. ער וואָלט שוין געוועזן א בעלן דער פּראָצעס זאל זיך ענדיקן. מען זאל דעם

פאַרמשפּטן אַפּפּירן אין תפיסה און ער אַליין זאָל נאָר קאָנען א קוק טון, צי זיינע געזעלן אַרבעטן, צי זיי צעטרענצלען די צייט, ווער שפּילנדיק אויף א דרימבע און ווער אויף א מאַנדאָלינע.

אויפן פּליך פונם געשווירענעם ריכטער פּעטרע קורעליוּלקע שטעלט זיך אַוועק א פליג. דער חזירניק פּילט נישט. ער דרימלט. ביי אים אין דרימל קוויטשעט א פּעטער, גרויסער חזיר, וועלכן מען פּאַרעט אין הייסן אָקרעפּ. דער חזירניק שמייכלט. ס׳אַרא געט־לעכע מוזיק!

די פליג ווערט חוצפּהדיקער. זי האָט שוין דורכגעוואַנדערט דעם גאַנצן פּליך, קריכט שוין אויפן שטערן. אָט שטעלט זי זיך אויף דעם ריכטערס פּלאַטשיקער נאָז.

דער געשווירענער ריכטער פּעטרע קורעליוּלקע כאַפּט זיך אויף פון זיין דרימל, טרייבט אָפּ די פליג. ער איז בייז. א וואָלקנדל טונקלט צווישן זיינע ברעמען. ס׳וועט שוין אויסגיין צו מיין קאָפּ—טראַכט בירך שאַפּיר.

דער פּאַרטיידיקער רעדט נאָך אַלץ. וויפיל איז דער שיעור?—טראַכט בירך שאַפּיר — ווען וועט ער שוין ענדיקן? און ער באַ־שליסט ביי זיך: תיכף נאָכן פּאַרטיידיקער, וועט ער זיך אויפ־שטעלן און זאָגן דאָס, וואָס ער דאַרף. די רעדע איז ביי אים שוין פּאַרטיק. נישט קיין דרשה אויף זיבן שעה, נאָר א פּאָר ווערטער צו דער זאַך. ווערטער, וואָס וועלן קלאָר מאַכן, אויפ־קלערן, אויסטייטשן דעם ענין, און ער וועט אַרויס א באַפרייטער.

ענדלעך ענדלעך. דעם פּאַרטיידיקער גייען שוין אויס די ווערטער מיטן אָטעם אין איינעם. א פאַרמאַטערטער זעצט ער זיך אַוועק אויף זיין אָרט. קוים, וואָס ער דערבעט.

בירך שאַפּיר שטעלט זיך אויף. ער פּילט, אַז איצט דאַרף ער עפּעס זאָגן. איצט, איידער די ריכטער וועלן אַוועקגיין זיך באַ־ראַטן וועגן דעם אורטייל. איצט איז געקומען די מינוט, אַז נישט איז אַלץ פאַרפאַלן.

נאָר מאָדנע. אַלצדינג, וואָס ער האָט געטראַכט, בשעת דער אַדוואָקאַט האָט גערעדט, איז אים אַרויסגעפלויגן פון קאָפּ. קיין

איין וואָרט קאָן ער זיך נישט דערמאָנען. א שוויים באַשלאָגט אים. וואָס וועט זיין? טאָמער נישט איצט, איז פאַרפאַלן.

מיט א ציטערנדיקער שטימע הויבט ער אָן צו רעדן. א פּאָר ווערטער אומגעריכטע. פון וואנען האָבן זיי זיך איצט צו אים גענומען? איצט, אין דער דאָזיקער גורל־שעה זיינער:

מיינע הערן ריכטער,
איך בין איין דיכטער,
זינד זי ניכט מיינע פארניכטער.

ער וואקלט זיך. פּאַלט־אוועק אויף זיין אָרט. ער איז אינגאַנצן צעטומלט. ווי אין חלום זעט ער די ריכטער ארויסגיין פונם געריכטס־זאַל.

דער פאַרטיידיקער, דער יונגער ד"ר לופּט, גייט צו אים צו, רעדט צו אים עפּעס. וואָס, פאַרשטייט ער נישט. ער פילט נאָר, אז דער דאָזיקער יונגער מענטש מיינט עס גוט. הלוואי אויף די ריכטער געזאָגט געוואָרן.

„נור מוט, הער שאַפּיר, עס ווירד נאָך זיין גוט".

די ריכטער קומען צוריק אין זאַל. וויפיל זיי האָבן זיך געזוימט, פרעגט אים בחרם. אַלע אָנוועזנדיקע שטעלן זיך אויף. דער באַשולדיקטער בירך שאַפּיר האַלט זיך קוים אויף די פיס.

דער תּאָרזיצער לייענט דעם אורטייל. ער איז א באַלייבטער דייטש מיט א מאָנאָקל. זיין קול איז פעט, הייזעריק און אביסל פאַרשלאָפן.

צו בירך שאַפּיר דערטראָגן זיך אָפּגעריסענע ווערטער, ער וויל אַלצדינג פאַרשטיין און הערט בלויז:

„געריכט פון געשווּוירענע... בירך שאַפּיר... בירגער פּשעמישל... פאַרברעכן קעגן זיטלעכקייט... פינף יאָר תּפיסה."

ער מאַכט א באַוועגונג מיט דער האַנט, ווי ער וואָלט געוואָלט אָפּווענדן דעם פּסק. פאַר די אויגן זיינע שווינדלען די געזיכטער פון אַלע ארומיקע, טאַנצן א קאַראַהאָד, און לעשן זיך, לעשן זיך אויס.

ער זעט נאָך, ווי דער געשווּוירענער ריכטער פּעטרע קורעליולקע רייט אהיים אויף א פעטן חזיר. הינטער אים לויפט דער

געשווירענער ריכטער, דער פריזירער אנדזשעי גאָניעץ מיט אַן אָפּן ראַזיר־מעסער אין האַנט. די ראָזע פאַרב פונם חזיר האַלט נאָך אויף אַ ווייל אויף די ליכטיקייט פונם בילד. און דערנאָך ווערט דאָס אויך פאַרלאָשן.

דער געריכט־זאַל ליידיקט זיך אויס. צוויי תפיסה־וועכטער באַפעלן דעם פאַרמשפטן, אַז ער זאָל זיך רירן, צייט צו גיין אין חד־גדיא אַריין.

בירך שאַפיר גייט. קוים, וואָס ער באַוועגט די פיס. ס׳דוכט זיך אים, אַז אַלץ איז אַ בייזער חלום.

די תפיסה־וועכטער פירן אים דורך זייטיקע גאַסן אין דער שטאָטישער תפיסה אַריין. דער אָוונט טונקלט. עס איז אַ שיינער זומער־פאַרנאַכט. אויף די דעכער צוויטשערן פייגל. איין וועכטער גייט פון רעכטס, דער צווייטער — לינקס. און ער, בירך שאַפיר, אין דער מיט.

אויף אַ פרייען פּלאַץ שפּילן זיך קינדער. דער אָוונט האָט נאָך איבער זייער שפּיל נישט קיין שליטה. זיי שפּילן זיך אין קאַ־מער־קאַמער־הויז.

איבערן פאַרנאַכטיקן הימל שיפן זיך קליינע וואָלקנדלעך. דאָס צוויטשערן פון די פייגל ווערט זיסער און ווייטאָגדיקער. פּונקט אַזוי ווייטאָגדיק, ווי דאָס שפּיל פון די קינדער און דאָס שיפן זיך פון די וואָלקנדלעך.

גייענדיק צווישן די צוויי תפיסה־וועכטער דערמאָנט זיך בירך שאַפיר אין זיינעם אַ ליד, געשריבן נאָך העט, העט אַמאָל. אָפּגע־ריסענע סטראָפן פון זיין ליד „היימווייי״ קומען צו אים צו פליען, ווי פאַרנאַכטיקע פייגל. זיי זינגען אַראָפּ פון זיינע ליפּן:

אוי, דאָרטן, אוי דאָרטן, די כמאַרעלעך ציה׳ן,
דאָרט זע איך גאַנץ הויך אַ פייגעלע פליה׳ן,
די בערגעלעך שלאָפן אין נעפּל גאַנץ ווייט,
דער פויגל ער פליט דאָרט אַליין און ער שרייט.

אָ, פייגעלע ליבעס, אָ זיי אַזוי גוט,
און ליי מיר די פליגעלעך אויף אַ מינוט,

נאָר איבער דעם וואַסער, דעם וואַלד און דעם באַרג,
אַהין, אוי אַהין, ווו ס׳בענקט זיך מיר שטאַרק.

כ׳האָב פאָטער און מוטער דאָרט, ברידער און פריינט,
עס ווילט זיך מיר וויסן, אויב ס׳גליק אויף זיי שיינט,
צי זענען אין נעפּל, חלילה, אויך זיי,
דאָס מזל איז טונקל, ווי מיר דאָ, אוי ווײ.

ער ברומט די ווערטער מיט אַ ניגון. אין זיינע אויגן בליש־טשען טרערן. דער אָוונט פאַרשטעלט די טרערן, כּדי די וועכטער זאָלן נישט זען.

זיי דערנענטערן זיך צו דער תפיסה. אָט נאָך אַ פּאָר טריט און דער שווערער תּפיסה־טויער וועט זיך הינטער אים פאַרמאַכן אויף גאַנצע פינף יאָר.

אָט איז ער אין תּפיסה־צעל. הינטערן פאַרקראַטעוועטן פענס־טערל איז שוין נאַכט. איינע פון יענע שיינע זומער־נעכט מיט שטערן און נאַכטיגאַלן. אָבער דאָ, אין אָט דעם ענגן תּפיסה־קע־מערל, הערט מען נאָר די טריט פונם שליסער אין דרויסן. און דורכן קליינעם, מיט שפּינוועבס־פאַרצויגענעם פענסטערל, זעט מען נישט קיין סימן פון קיין שטערן.

„אַ קיניגרייך פאַר אַ שטערן״ — מורמלט שאַפּיר און פילט, ווי די טרערן ווארגן אים. ער זעצט זיך אַוועק אויף דער נאַרע. באַהאַלט דאָס פּנים אין די הענט און וויינט שטיל און לאַנג.

אַ לייכטזיניקער, אַ שפּילנדיקער, איז ער ביז איצט געגאַנגען דורכן לעבן. איינגאַנצן פאַרגעסן, אַז דאָס לעבן האָט געפאַרן, אַז ס׳לויערן תּהומים, אַז אָט שטייט ער פאַר אַן אָפּרונט. קיינער האָט אים נישט געוואָרנט און קיינער נישט געהיט. וואָס וועט זיין דער סוף? ווער וועט אים טרייסטן און ווער אַרויספירן?

די טרערן זיינע פליסן און פליסן. אַ מייזל גראַבלט ערגעץ אין דער פינסטער. ס׳איז אים אומעטיק צום שטאַרבן.

אין קליינעם תּפיסה־פענסטערל ציטערט ענדלעך אַ גרויסער זומערדיקער שטערן. ער האָט זיך דערבליוועט, דער שיינענדיקער חברהמאַן. איצט פינקלט ער דורך די קראַטעס.

בירך שאַפּיר זיצט נאָך אַלץ פאַרדעקט דאָס פּנים מיט די הענט. ער בלײַבט שטילערהייט און זעט נישט דעם שימערירנדיקן גרוס דורכן פענסטער.

מיטאַמאָל ווערט אים גרינג אויפן האַרצן. אַלע טרערן האָט ער שוין אויסגעוויינט. און עס ווערט אים ליכטיק דאָס געמיט.

פונקט ווי דער שטערן האָט זיך דערביוועט צום פאַרקראַטעוועטן תּפיסה־פענסטערל, פונקט אַזוי האָט זיך דערביוועט צו זיין צער און פאַרצווייפלונג — די טרייסט. יענע גרויסע טרייסט, וואָס קומט זעלטן שיין צום פּאָעט אין דער געשטאַלט פון אַ ליד:

אַך, טרוקן דיר נישט דעם מוח,
זיי נישט זאָ טיף געבויגט,
עס ווינט איין גאָט דאָרט הויך,
וואָס דיינע לײַדן ווייסט,
וואָס דיינע לײַדן וועגט.

איין פאָטער איבער שטערן,
וואָס דיינע וווּנדן היילט,
די זיפצן און די טרערן
מיט גרויס רחמנות ציילט,
מיט גרויס רחמנות ציילט.

און סטראָף נאָך סטראָף. אַלץ ליכטיקער שטייט פאַר אים אויף די טרייסט — אויב דו האָסט אַלצדינג פאַרלוירן, די הילף וועט באַלד קומען. האָסט נישט קיין פאָטער און קיין מוטער, קיינעם אויף דער ערד, דער טרייסטער איז פאַראַן איבער די וואָלקנס.

נאָך גייט דיין שיף נישט אונטער,
לאָז רוישן און ברויזן די וואַלן,
דער פרילינג קומט נאָך דעם ווינטער,
ברענגט רויזן און נאַכטיגאַלן,
ברענגט רויזן און נאַכטיגאַלן.

ער הויבט זיך אויף פון דער נארע, גליכט אוים די ביינער.
דערזעענדיק דעם שטערן אין פענסטער — זינגט ער אים אנטקעגן:

דיין הימל לייטערט זיך ווידער,
די וואָלקנס גייען אוועק,
נאָך וועלן דיך די לידער
באַגלייטן ביז צום ברעג,
באַגלייטן ביז צום ברעג.

מיכל גאָרדאָן

דער בריוו־טרעגער האָט אָנגעקלאַפּט אין טיר. מיכל גאָרדאָן, אַ הויכער ייד מיט אַן עטוואָס איינגעבויגענער פּלייצע, האָט געעפנט. דער בריוו־טרעגער האָט אים געבראַכט פופצן רובל און אַ בריוו...

מיכל גאָרדאָן האָט ביטער אַ שמייכל געטון. דאָס איז דאָס חודש־געלט, וואָס זיין עלטערער זון, באָריס, שיקט אים. ער איז אַ דאָקטאָר, דער זון זיינער, אין אַ קרייז־שטאָט פון דער טשערניגאָווער גובערניע, פירט אַ רייך לעבן און פאַרגעסט נישט צו שיקן דעם אַלטן טאַטן יעדן חודש עטלעכע רובל.

יעדעס מאָל, ווען דער בריוו־טרעגער ברענגט אים געלט און אַ בריוו פון זיין זון דעם דאָקטאָר, טוט מיכל גאָרדאָנען אַ שטאָך אין הארצן. דאָס געלט איז אים נישט ניחא. זיינע בלאָע אויגן ווערן טונקל, זיין הויכער שטערן וואָלקנט זיך.

די בושה, וואָס זיין זון באָריס האָט אים אָפּגעטון, קאָן ער נישט פאַרגעסן. זיין חתונה מיט אַ רוסישער פּריצה, און דער עיקר זיין שמדן זיך. דער אַלטער משכיל פילט ווי אַ ווונד אָט דאָס, וואָס איינער פון זיינע זין האָט זיך אָפּגעפרעמדט, אַוועקגעגאַנגען פונם פאָלק, פון וועלכן ער שטאַמט.

דערפאַר לויכטן אים אָבער אויף די אויגן פאַר פרייד, ווען ער באַקומט אַ בריוו פון זיין צווייטן זון דאַוויד. מיט דעם זון האָט ער זיך נישט וואָס צו שעמען. פאַרקערט, ער איז שטאָלץ אויף אים. דאַוויד האָט נישט אויסגעביטן דאָס רענדל, ווי באָריס. איצט, ווען דאָס צאַרישע רוסלאַנד רודפט די יידן, שלאָגט זיי מכות רצח, שטייט דאַוויד אויף דער זייט פון זיין גערודפט פאָלק. אָט אַזוי ווי ער, דער פאָטער, דער דיכטער מיכל גאָרדאָן, פילט ער מיט די יידישע צרות, ליידט מיט זיי אינאיינעם און חלומט פון בעסערע צייטן פאַר אָט דער געשלאָגענער און גערודפטער אומה.

פול מיט ליבשאפט שטעלט זיך מיכל גאָרדאָן אוועק פאַרן פאָרטרעט פון זיין זון דאוויד, וואָס הענגט אויף דער וואַנט. ער שפּיגלט זיך אין דעם שיינעם, אָפנהארציקן פּנים, מיט די גרויסע, שווארצע אויגן, וואָס קוקן אראָפּ צו אים מיט צערטלעכקייט און ליבשאפט.

דאָס בילד פון זיין זון באָריס האָט ער אראָפּגענומען פון דער וואַנט, עס זאָל אים נישט דערמאָנען זיין ווייטאָג. כאָטש באָרים איז א געטרייער זון, שטיצט דעם אַלטן טאַטן, העלפט אים מיט וואָס ער קאָן. דאָס טוט ער פאר זיין טאַטן. אָבער וואָס טוט ער פאר זיין פאָלק? — פרעגט מיטן הויכן לשון דער אַלטער משכיל יעדעם מאָל, ווען ער טראַכט וועגן זון.— זיין פאָלק האָט ער פארראטן.

דער מילך־ייד האָט אים געבראַכט מילך. די לעצטע טעג פילט זיך מיכל גאָרדאָן נישט מיט אַלעמען. דערפאַר נעמט ער מער מיט א קוואָרט מילך יעדן טאָג. גאָרדאָן האָט זיך מיט אים צורעכנט, אים באַצאָלט דעם חוב און בדרך אגב א פרעג געטון דעם ייד:

,,וואָס הערט זיך עפּעס, ר׳ אריה, אין דרויסן? איר ווייסט דאָך, אז זינט צען טעג גיי איך נישט ארויס פון שטוב. דער הוסט, ר׳ אריה און די עלטער זענען באמת נישט קיין אָנגעלייגטע אורחים, איר הערט, וואָס איך זאָג אייך?... גאָרנישט קיין אָנגעלייגטע אורחים, און פונדעסטוועגן קומען זיי נישט גערופענערהייט און מען קאָן זיך פון זיי נישט אָפּטשעפּען, ביז אין טויט אריין".

דער אַלטער מילך־ייד האָט שווער אָפּגעזיפצט: ,,איר פרעגט, וואָס עס הערט זיך, ר׳ מיכל, וואָס זאָל איך זאָגן? א ביטער שטיקל צייט אויף יידן. ווו מען גייט און ווו מען שטייט, הערט מען נאָר זשיד, זשיד און נאָכאמאָל זשיד. איז וואָלט עס כאָטש געבליבן ביים זאָגן, איז ניין. זענען זיך פאָניעס העגט מתקנא אינם מויל און ווילן אויך עפּעס טון. און ידים האָט פאָניע, ווייסט איר, זענען דאָס שוין איינמאָל ידים. און אז די ידים העלפן זיך אויס מיט דרענגער, אייזנס און נאָך אזוינע מכשירים, דערנאָכמאָל גיסט זיך יידיש בלוט, ווי וואסער"...

דער מילך-ייד האָט אויסגערעכנט אַ פּאָר שטעטלעך, ווו די רוצחים האָבן לעצטנס אַ הוליע געטון... „פאַראַן הרוגים און צע־שעדיקטע, ר' מיכל. פון שויבן און צופליקט בעטגעוואַנט איז אָפּ־געגרעדט".

אין מיכל גאָרדאָנס אויגן האָבן זיך געשטעלט טרערן. אין זיין דמיון האָט אויף אַ רגע אויפגעבליצט דאָס פּנים פון זיין זון באָרים. און ער איז ביי זיי, ביי די, וואָס פייניקן און שלאָגן יידן, זייער אמונה איז זיינע... דער אַלטער האָט דערפילט אַ גרינגט־לעכע, שאַרפע שנאה צו זיין געשמדטן זון. „און דער צאַר — טענהט ווייטער דער מילך־ייד — קוקט זיך צו צו דעם אַלעמען, שווייגט. איר געדענקט, ר' מיכל, דאָס ליד, וואָס איר האָט אַמאָל געשריבן „שטיי אויף, מיין פאָלק", דאָרט האָט איר געזאָגט, אַז יידן וועלן זיך איבעראַנדערשן, אָנטון דייטשישע קליידער, אָוועק־וואַרפן די אַלטע מנהגים, וועט זיי זיין גוט, ווי די וועלט. אין אַלע אומגליקן זענען זיך יידן אַליין שולדיק. נו, איצט האָט איר, ר' מיכל. אַ סך יידן האָבן געפאָלגט אייער עצה, געשיקט זייערע קינדער אין די גוישקע שולן, זיך אַליין אָנגעטון דייטשישע קלייד־דער, מיט לייטן גליך. און וואָס האָט דאָס אַלץ געהאָלפן? ווייזט אויס, אַז איר האָט געגרייזט, ר' מיכל?"

„ווייזט אויס, איר האָט געגרייזט, ר' מיכל"... אָט דער פּשוט־ער ייד זאָגט אים האַרבע ווערטער. אין זיין ליד „שטיי אויף, מיין פאָלק", וואָס איז געווען שטאַרק פּאָפּולער ביי די יידישע פאָלקס־מאַסן, האָט ער, מיכל גאָרדאָן, טאַקע אַזוי געשריבן. אויפגעשטעלט דאָס פּראָגראַם פון אייראָפּעאיזירן די יידישע פאָלקס-מאַסן. דאָס ליד איז געוואָרן דער געגראַמטער מאַניפעסט פון דער השכלה. אַ סך אַנדערע משכילים האָבן אויפן שטייגער פונם ליד „שטיי אויף, מיין פאָלק", געשריבן זייערע שירים.

„איר האָט געגרייזט, ר' מיכל"... אוודאי האָט ער געגרייזט. און נישט נאָר ער. אַלע משכילים האָבן געגרייזט מיט דעם, וואָס זיי האָבן צו־פיל געגלויבט אין אַלעקסאַנדער דעם צווייטנס רע־פאָרמען. אַלצדינג איז געווען אַ חלום. די יידישע גלייכבאַרעכטי־קונג איז געווען דער חלום פון דער השכלה. פאַר דער דאָזיקער

גלייכבארעכטיקונג זענען די משכילים געווען גרייט מקריב צו זיין א סך יידישע אייגנארטיקייטן. אפילו די יידישע פאלקס־שפראך, „דאס לשון, וואס קיינער פארשטייט נישט". טא ווער איז שול־דיק, וואס דער דאזיקער חלום האט געפלאצט, ווי א זייפנבלאז?

דער אלטער מילך־ייד האט נאכאמאל איבערגעציילט דאס געלט, עס איינגעקניפט אין טיכל, גענומען די קאן מיט מילך און מיט „א גוטן טאג, ר' מיכל" איז ער אוועקגעגאנגען.

לאנג איז מיכל גארדאן געשטאנען פארטראכט. אין זיינע בלויע אויגן האבן זיך געשפיגלט צוויי טראפנס טרויער.

פונדעסטוועגן — האט ער געטראכט — האט די השכלה אויפגעטון גרויסע זאכן. שוין דאס אליין, וואס זי האט אויפגע־רודערט און צערודערט דעם יארהונדערטער אלטן גליווער, אין וועלכן דאס יידישע לעבן האט געגליווערט, איז א גרויסער אויפ־טו. ערגעץ־ווו האט די השכלה דאך אויפגעריסן דאס גייסטיקע געטא. דאס ליכט פון דער השכלה, דער „הימלישער טאכטער", האט אויפגעוועקט גרויסע שיכטן פונם פאלק פון א דורות־אלטן לעטארג. די קערנדלעך, וואס די משכילים האבן פארזייט, האבן גענעבן פרוכטן. אמת, נישט אלע פירות זענען געווען אזוי, ווי די משכילים האבן געוואלט, אבער א סך זיסע און צייטיקע פרוכטן האט דער בוים פארט געצייטיקט.

ער אליין, מיכל גארדאן, האט א סך פארדינסטן פאר דער השכלה. א גאנצע ריי פראגראמאטישע לידער האט ער געשריבן אין דער פאלקס־שפראך. „שטיי אויף, מיין פאלק", „די בילדונג" און אנדערע. און די דאזיקע לידער זענען אריין אין פאלק און האבן געווירקט. אין אזא ליד, ווי „דער גט", האט ער אפגעלאכט פון דעם אלטפרענקישן שטייגער פון יידישן פאמיליען־לעבן, און אין ליד „צו דער פריינדין לאה", האט ער איר געראטן, זי זאל הערן זיין עצה און האבן אן אייגענע דעה ביים אויסקלויבן זיך א באגלייטער אין לעבן. נישט טון, ווי טאטע מאמע ווילן, אויב דאס אייגענע הארץ איז נישט מסכים. אט די געלט־ און יחוס־שידוכים האבן נישט איין מיידל אומגליקלעך געמאכט אויפן גאנצן לעבן. און זיין פריינדין לאה האט זיך טאקע צוגעהערט

צו זיין דעה, און נאָך אַ לאַנגן קאַמף מיט אירע „פאַנאַטישע" עלטערן, האָט זי אויסגעפירט אירס.

מיט ליבשאַפט דערמאָנט מיכל גאָרדאָן זיין געוועזענע שילע־רין. אַ שיין און קלוג מיידל, און דער עיקר אַ מוטיק מיידל...

אויף אירע תנאים האָט ער דאָס געזונגען זיין שטיפעריש ליד וועגן דער משקה, אַז „דורך משקה האָט דער טאַטע די מאַמען גענומען, דורך משקה בין איך אויף דער וועלט געקומען"...

אַ לאַנגע צייט נאָך דער חתונה, האָט אים זיין געוועזענע שילערין געשריבן בריוו, אים פאַרטרויט אַלע אירע סודות, ווי פאַרן אייגענעם טאַטן. אַלע תלמידים, וואָס האָבן ביי אים גע־לערנט דייטש, רוסיש און פראַנצויזיש, זענען אים איינגעבאַקן אין האַרצן. נאָר מער פון אַלעמען זי, לאה. ווו איז זי איצט? שוין לאַנג, לאַנג האָט ער פון איר גאָרנישט געהערט...

ער האָט פאַרמאַכט די אויגן און דערזען אין דמיון די אַלע געשטאַלטן, וואָס דער גורל האָט אים מיט זיי צונויפגעפירט אין משך פון זיין לעבן. די גימנאַזיסטן, וואָס זענען ביי אים געווען אין פּאַנסיאָן אין יענע יאָרן, ווען ער האָט געפרוווט ציען פרנסה פון דעם דאָזיקן קלאָגעדיקן געשעפט. די קינדער פון בראָדסקין, מיט וועלכע ער האָט געקנעלט, זיין שוואָגער דעם משכיל, דעם גרויסן העברעאישן פּאָעט י. ל. גאָרדאָן. ער דערמאָנט זיך אין זיין ערשטער פרוי, די שוועסטער פון יהודה ליבן, וואָס איז פרי אָפּגעשטאָרבן. זיין צווייטע פרוי, מרים, וואָס איז שוין אויך אויף יענער וועלט — אַלע, אַלע געשטאַלטן, האָט ער איצט געזען, וואָס זענען שוין העט־העט ווייט פון אים, און דאָך אַזוי נאָענט.

ער האָט זיך אויפגעכאַפּט פון זיין דרימל. דערזען, אַז דאָס פענדל מיט דער מילך שטייט און וואַרט מען זאָל עס אויפקאָכן. ער האָט גאַנץ געניט אָנגעהאַקט שפּענדלעך מיטן האַקמעסער און געמאַכט פייער. ער האָט אַרויפגעשטעלט די מילך אויף דער קיך, און נאָכאַמאָל געפילט, אַז זי, מרים, פעלט אים אויף דער עלטער, כאָטש ער האָט מיט איר נישט איבעריק גוט געלעבט. אויף איר האָט ער דאָס געמאַכט זיין ליד „די באָרד". אירע טענות צו אים, וואָס ער חברט זיך מיט אַזוינע מענטשן, ווי י. ל. גאָרדאָן, וואָס פאַר־

געסן אָן יידישקייט און נעמען זיך אַראָפּ די בערד, האָבן אים באַ־וויגן, אַז ער זאָל אָנשרייבן דאָס דאָזיקע ליד.

די מילך האָט אויפגעזאָטן. ער האָט זיך אָנגעגאָסן אַ היפּש טעפּל, אַריינגעבראָקט צוויי אַלט-געבאַקענע זעמל און גענומען זיך צו דער טרויעריקער, איינזאַמער עבודה פון עסן. דערנאָך האָט ער זיך אַוועקגעזעצט דורכקוקן זיינע כתבים. די לידער, וואָס ער האָט אַמאָל געשריבן פול מיט גלויבן אין זיינע אידעאַלן. סאַטירעס אויף די חסידישע רביים און פּראָגראַם-לידער פון דער השכלה. פון צייט צו צייט האָט זיך אויך אַריינגעריסן אין זיין דיכטונג אַ שטיפערישער טאָן, פון צייט צו צייט האָט זיך אַרויס־געחנדלט אַזאַ ליד, ווי „די משקה". דאָס דאָזיקע ליד איז שוין פון לאַנג געוואָרן אַ פאָלקס-ליד, און די, וואָס זינגען עס, ווייסן נישט אפילו, אַז ער, מיכל גאָרדאָן, איז דער מחבר.

בלעטערנדיק זיינע כתבים, איז אים נאָכאַמאָל געקומען אויפן געדאַנק דאָס, וואָס דער ייד האָט אים אין דער פרי אַ זאָג געטון: „איר האָט, ווייזט אויס, געגרייזט, ר' מיכל". די דאָזיקע עטלעכע ווערטער האָבן אים געעגבערט אין מוח און ער האָט באַשלאָסן, אַז ער וועט נאָכאַמאָל אַרויסגעבן זיין ביכל לידער, טאַקע די איי־גענע לידער, וואָס אַמאָל, נאָר מיט באַמערקונגען צו יעדן ליד, וואָס וועלן אָנווייזן, ווי די צייטן האָבן זיך געענדערט, און זיי, די באַמערקונגען, וועלן שטילערהייט באַשטעטיקן, אַז דער גלייך־באַרעכטיקונגס־חלום פון די משכילים איז צערונען געוואָרן, ווי אַ זייפן־בלאָז, אַז דער צאַר האָט זיי געמאַכט צו־שאַנד, און מען מעג שוין ענדער גלויבן אַ הונט אויף דער גאַס, איידער די הבטחות פון די מושלים...

אַ גאַנצן טאָג האָט מיכל גאָרדאָן זיך נישט געקאָנט באַפריי־ען פון אָט די אַלע מחשבות. זיי האָבן אים אויסגעפילט אינגאַנצן און ער האָט כמעט אינגאַנצן פאַרגעסן, אַז ער איז אַן עלנטער, איינזאַמער זקן. ערשט ווען דער פאַרנאַכט האָט אָנגעהויבן צו טונקלען אין צימער, האָט ער דערשפּירט בולט זיין עלנט און פאַר־לאָזנקייט.

ער האָט זיך אַרומגעדרייט איבערן צימער, זיך אָפּגעשטעלט

פון צייט צו צייט און זיך צוגעקוקט, ווי די זאכן ווערן פאמעלעך טונקעלער, ווי זיי לעשן זיך אויס. קודם די שאפע, דערנאך דער קאמאד, דערנאך די בילדער אויף די ווענט.

צום סוף איז נאך געבליבן דער וואנט־שפיגל, וואס האט געליכטיקט. מיכל גארדאן איז צוגעגאנגען צום שפיגל און אריינגעקוקט.

ווער איז די הויכע געשטאלט מיט דער עטוואס איינגעהויקערטער פלייצע דארט אין שפיגל?

...די געשטאלט האט גרויסע, בלויע אויגן און א קליין ווייס בערדל, וואס איז אמאל געווען בלאנד. ס'איז ער, מיכל גארדאן, צי אפשר גאר אן אנדערער? אזוינער, וואס האלט זיך ערשט אין דערנענטערן צו אים? אט דער, וואס דארף ערשט קומען? נאך א טאג, נאך א וואך, און ער וועט קומען.

מיכל גארדאן האט געטראכט וועגן טויט און, מערקווירדיק: אין דער דאזיקער רגע האט זיך דער פחד פון אים אפגעטון. ער האט נישט געפילט קיין שום מורא פארן „מלאך מיט די טויזנט אויגן". פארקערט, ס'איז אים געווארן ליכט און מאדנע גוט אויף דער נשמה, טראכטנדיק וועגן דעם סוף.

ער איז געשטאנען פארן שפיגל און שטיל און רואיק גענומען דעקלאמירן זיין ליד „מיין לעבנס־צייט":

פון מיין מוטערס לייב בין איך ארויס,
מיט גרויס געשריי, מיט גרויס געוויין,
אבער איצט אין ערד, מיין אייביק הויז,
וויל איך גאנץ שטיל און רואיק גיין.

אזוי ווי דורך אן אפן טיר
ארויס אין גאס פון ענגן שטוב,
אזוי גאנץ רואיק גיי איך מיר
אראפ פון בעט, אריין אין גרוב.

אט באלד איז מיין קורץ לעבן אוועק,
אט באלד קומט אן די לעצטע שעה,

נישט לאנג דער אָנהויב און שוין דער עק,
אָט ערשט געווען און באַלד נישטאָ.

און די הויכע געשטאַלט מיט די בלויע אויגן, מיטן ווייסן בערדל, וואָס איז אַמאָל געווען בלאָנד, די געשטאַלט אין שפּיגל, האָט געפּליסטערט — מיכל גאָרדאָן האָט עס בפּירוש געהערט — דעם סוף פון זיין ליד:

מיליאָנען יאָרן זענען פאַרשוווּמען,
איידער איך בין אויף דער וועלט געווען,
מיליאָנען יאָרן וועלן אָנקומען,
און איך וועל מער די וועלט נישט זען.

עס טוט אַמאָל פון ים אַ שפּריץ
אַ טראָפּן וואַסער קעגן זונענשיין,
און פאַלט געשווינד, אַזוי ווי אַ בליץ,
צוריק אַראָפּ אין ים אַריין.

אַזוי איז מיין קורצע לעבנס־צייט,
אַזוי איז מיין גלענצנד לעבנס־גליק,
עס גייט נאָר פּלוצים אַרויס פון אייביקייט,
און פאַלט אין אייביקייט געשווינד צוריק.

שפּעטער האָבן זיך פאַרקליבן אין שפּיגל אַריין. די געשטאַלט, וואָס האָט אַזוי וווּנדערלעך אַרויסגעאָטעמט איר לירישן־קאָסמישן אני־מאמין, האָט זיך אָנגעהויבן אויסצולעשן. פּאַמעלעך, פּאַמעלעך און זי איז נישט געוואָרן.

אין מיטן צימער איז בלויז געשטאַנען די הויכע, עטוואָס איינגעבויגענע פיגור פון מיכל גאָרדאָן און זיינע גרויסע, בלויע אויגן זענען געווען צוויי טראָפּנס טרויער...

מאַרק מאַרקאָוויטש וואַרשאַווסקי

שלום עליכם איז געשטאַנען בײם פענסטער און אַרױסגע־קוקט. דער שני איז נאָך אַלץ געפאַלן, נישט געהאַט אַפילו בדעה אױפצוהערן. די גאַס־לאַמטערנס האָבן שױן געברענט, אָבער זײער ליכט איז געװען בלאַס און אָרעם אַנטקעגן דער בלענדנדיקער ליכ־טיקײט פון שני, װאָס האָט זיך צולײגט ברײט און ־חבותדיק איבער די קיעװער גאַסן.

,,װי אמתע קאַסריליקעס זענען זײ אױס, די גאַס־לאַמטערנס, מײן איך — האָט שלום עליכם גערעדט צו זיך אַלײן — קאַסרי־לעװקער מיט די בײנער. אָרעם, װי די נאַכט, אָבער אױסגעצױגן, שטאָלץ, װי אמתע מיוחסים — מײנען זײ איבערצושײנען דעם גביריש־בלענדנדיקן שני, װאָס שעמערירט, פינקלט מיט מיליאָנען דימענטלעך".

איבער די גאַסן זענען געפלױגן שליטנס. אָנגעפעלצטע איז־װאָשטשיקעס האָבן געװיאָקעט צו די פערד, זײ אונטערגעגעבן חשק: ,,װיאָ, פערדעלעך, רירט זיך, הױבט די פיס, אַ שאָד יעדע רגע. דער עולם, זעט איר דאָך, װיל זיך קאַטאַיען"... און די פערד האָבן פאַרשטאַנען דעם װונק, באַװיזן זײערע באַלעבאַטים, אַז זײ זענען נישט אַזעלכע פערד, װי מען מײנט, נאָר טאַקע אמתע פערד. זײ זענען געפלױגן פײל אױסן בױגן איבער די פאַרשנײטע גאַסן און די גלעקלעך אױף זײערע העלזער האָבן געקלונגען.

שלום עליכם האָט באַטראַכט די פּאַנאָראַמע מיט הנאה. עס זעט אױס, װי אין אַ כישוף־מעשהלע. פאַראַן מענטשן, װאָס האָבן הנאה פון לעבן. יעדע צײט האָט זיך אירע פאַרגעניגנס. נישט װי זײ, נעבעך, זײנע קאַסרילעװקער, װאָס פינסטערן אָפּ זײער ביסל יאָרן. זאָגן גלײכװערטלעך און שטאַרבן אײנאײנעם מיט זײערע װײבער און קינדער זיבן מאָל אַ טאָג פאַר הונגער.

אײ, װען דער אױבערשטער װאָלט אים געפרעגט, װאָלט ער

זיך נישט געפוילט און געגעבן אים צו פארשטיין, אז ס'וואָלט גע־ווען א יושר אויפצוריכטן אביסל זיינע קאַסרילעווקער. „וואָס וואָלט עס דיר געשאדט, — וואָלט ער צו אים געטענהט — ווען די דאָזיקע אָרעמע און פריילעכע לייט וואָלטן אויך אַמאָל אַ לעב געטון?" ער, שלום עליכם אַליין, וואָלט געוועזן אַ בעלן צו זען, ווי זיינע קאַסרילעווקער קאַטאַיען זיך איבערן ווינטערדיקן שניי, גיבן זיך איינס דעם צווייטן צו פארשטיין דעם שכל פון שליטן. ווי זיי האָבן ווילד הנאה פון דעם ווינטער, און נישט ווי זייער שטייגער איז, אים צו שעלטן מיט טויטע קללות.

שלום עליכם האָט איבערגעלאָזט דאָס פענסטער, זיך דורכ־שפאַצירט עטלעכע מאָל איבערן שטוב, און אַ קוק טוענדיק אויפן וואַנט־זייגער אַ ברום געטון:

„שוין נאָך זעקס און דער זינג-פויגל איז נאָך אַלץ נישטאָ."

מיט עטלעכע טעג צוריק האָט שלום עליכם זיך באַגעגנט מיט זיינעם אַ באַקאַנטן אדוואָקאַט. שמועסנדיק וועגן דאָס און יענץ, האָט אים יענער דערציילט וועגן דעם זינג־פויגל:

„אנומעלט, הערט איר, פאַניע ראַבינאָוויטש, בין איך גע־פאָרן מיט אַ צווייטן אדוואָקאַט, אַ געוויסן מארק מאַרקאָוויטש וואַרשאַווסקי, קיין וואַסילקאָוו צו אַ פּראָצעס. האָט מיר דער דאָ־זיקער וואַרשאַווסקי אויפן וועג געזונגען לידלעך אויף זשאַרגאָן — טאַקע זיינע אייגענע לידלעך, — וואָס זאָל איך אייך זאָגן? גאָלד! און די ניגונים, הערט איר, אויך זיין אייגענע מלאכה — געפין איך פשוט נישט קיין ווערטער זיי אָפּצולויבן."

דעם נאָמען מארק מאַרקאָוויטש וואַרשאַווסקי, האָט שלום־עליכם שוין געהערט נישט איין מאָל. אין קיעוו האָט מען גע־ווּסט, אז דער געשווירענער אדוואָקאַט וואַרשאַווסקי איז אַ פריי־לעכער יונג, אַ פאַרשלעפּטע קרענק, ווי מען רופט עס אין קאַס־רילעווקע. אויף אַלע קערמעשלעך, וואָס די קיעווער אינטעליגענץ האָט איינגעאָרדנט, האָט ער פאַרנומען דעם אויבן־אָן. נאָר אז דער דאָזיקער וואַרשאַווסקי זאָל שרייבן לידער, פאַרפאַסן צו זיי אייגענע מוזיק, און זיי טאַקע אַליין זינגען — פון דעם האָט זיך דערוווּסט שלום עליכם ערשט פון זיין באַקאַנטן.

„זאָגט זשע מיר, פּאַניע, ווי אַזוי באַקענט מען זיך עס מיט דעם דאָזיקן זינג־פויגל? דאָס הייסט, ווי אַזוי כאַפּט מען אים אַריין אויף איין אָוונט צו שלום־עליכמען אין שטוב?"

און ס'איז געבליבן, אַז אין אַ זונטאָג אָוונט וועט מען ברענגען דעם זינג־פויגל צו שלום־עליכמען אין שטוב אַריין. אדרבא, זאָל דער גרויסער הומאָריסט הנאה האָבן פון וואַרשאַווסקיס לידלעך, וואָס זענען צוקער־זיס און צעגייען זיך אין יעדן אבר.

היינט איז דער אָפּגערעדטער זונטאָג. שלום עליכם האָט פאַרבעטן עטלעכע פריינט, זיי זאָלן אויך הערן דעם דאָזיקן פויגל זינגען און פאַר איין וועגס אויך הנאה האָבן, אויב ס'וועט זיין פון וואָס הנאה צו האָבן.

איינציקווייז האָט מען זיך אָנגעהויבן צונויפקומען. אַלע פאַרבעטענע זענען שוין געזעסן אַרום טיש, געררויכערט, דערציילט אַנעקדאָטן און געלאַכט. אין ווינקל האָט געוואַרט די כלה די פּיאַנע הייסט עס. נאָר ער, דער חתן מאַרק מאַרקאָוויטש וואַרשאַווסקי, איז נאָך אַלץ נישט געווען.

שלום עליכם האָט אַלעמאָל אַ קוק געטון אויפן זייגער. געטרייסט די געסט, אַז אַ יעדע רגע איז ער מחויב אָנצוקומען.

און עס האָט טאַקע קיין סך נישט געדויערט און מאַרק מאַרקאָוויטש האָט זיך באַוויזן צוזאַמען מיטן אדוואָקאַט, וואָס האָט צוגעזאָגט שלום־עליכמען, אַז ער וועט אים ברענגען דעם זינג־פויגל אין שטוב אַריין.

וואַרשאַווסקי, אַ מענטש פון אַריבער פופציק, קליין געוואַקסן, מיט קורצזיכטיקע, שמייכלענדיקע אויגן, האָט זיך אַנטשולדיקט פאַר זיין פאַרשפּעטיקן. אַ קליענט האָט אים פאַרהאַלטן. אפילו זונטאָג קאָן מען זיך נישט אָפּטשעפּען פון די קליענטן. און אַז גאָט העלפט, אַז דער קליענט איז אַ יידענע, וואָס רעדט און רעדט און ווייסט נישט, ווען אויפצוהערן, איז דאָך נישט שייך. אין אַזאַ פאַל קאָן זיך אפילו טרעפן, אַז ער, וואַרשאַווסקי, זאָל זיך פאַרשפּעטיקן נישט נאָר אויף איין שעה, נאָר טאַקע אויף צוויי און דריי, און פאַרוואָס נישט אויף גאַנצע פינף.

וואַרשאַווסקי האָט געלאַכט הויך און האַרציק. דאָס דאָזיקע

קליינע, גוט געפּאַקטע מענטשל, איז מיטאַמאָל געוואָרן גוט און היימיש מיט אַ יעדן איינעם.

שלום עליכם האָט אים באַטראַכט: דאָס אָפּגעטראָגענע רעקל מיט די גלאַנצנדיקע עלענבויגנס האָבן עדות געזאָגט, אַז ער איז נישט פון יענע אַדוואָקאַטן, וואָס פאַרשטייען צו רייסן פּאַסן פון זייערע קליענטן. פאַרקערט, אָרעמעליט דערשמעקן שוין דעם דאָזיקן מין אַדוואָקאַט, און ער ווערט זייערער. פאַרשטייט זיך, אַז אַזעלכע אַדוואָקאַטן האָבן זעלטן פּרנסה און שטאַרבן צו־ביסלעך אונטער פאַר הונגער, ווי אין פּסוק שטייט.

וואַרשאַווסקי האָט גערעדט הויך און געלאַכט נאָך העכער. יעדן איינעם האָט זיך געדאַכט, אַז מען קען דעם דאָזיקן מענטש נישט פון היינט, נאָר פון מי יודע וויפל יאָר.

שלום עליכם איז שוין געווען נייגעריק צו הערן די לידלעך. ווען ער וואָלט נישט געווען דער באַלעבאָס, וואָלט ער זיך נישט געשעמט און תיכּף אַרויס מיטן לשון: „פּאַניע וואַרשאַווסקי, — וואָלט ער געזאָגט — מען זאָגט, אַז איר מאַכט לידלעך, זענען דאָס שוין איינמאָל לידלעך. איז הלמאַי זאָלן מיר נישט הערן אָט די דאָזיקע לידלעך?" אַזוי ווי ער איז אָבער דער באַלעבאָס, מוז ער מאַכן אַ שוויַיג, איינהאַלטן די נייגעריקייט. קודם כּל זען מכבּד זיין די געסט מיט טיי און וואַרעניע, און ע־ש־ט שפּעטער מכבּד זיין דעם זינג-פויגל מיט מפטיר.

וואַרשאַווסקי האָט זיך נישט געלאָזט קיין סך בעטן. זינגען — אַדרבא, פאַרוואָס נישט? בפרט, אַז צווישן עולם געפינט זיך שלום עליכם, אָט דער גרויסער און איינציקער, דער כּישוף־מאַכער, וואָס איז געווען בכוח צו באַווייזן, אַז די גאַנצע יידישע מרה־שחורה זאָל זיך צעלאַכן.

וואַרשאַווסקי האָט זיך אַוועקגעזעצט נעבן פּאָרטעפּיאַן. מיט די פינגער האָט ער אָנגעהויבן צו בלאָנדזשען איבער די קלאַווישן און געקומען זינגען.

צום סאַמע אָנהויב האָט ער געזונגען דאָס ליד פון דעם ווייבל, וואָס דער מאַן האָט זי איבערגעלאָזט מיט צוויי פּיצלעך קינדער. פון וויין־סוחרים, וואָס זענען צום טאַטן געקומען, האָט

זי זיך דערוווסט, אז „ער האָט אַן אַנדער ווייב זיך גענומען, און איר די יונגע יאָר פאַרוויסט".

שטיל און טרויעריק דער ניגון. די ווערטער פשוט און אמת־דיק. אַט אַזוי וואָלט דאָס פאָלק אַליין געזונגען, ווען ס'וואָלט זיך צוגערירט צו דעם אומגליק, וואָס האָט געטראָפן די וויסטע עגונה.

איך קאָן זיך קיין אָרט אַצינד נישט געפינען,
אַזוי האָסטו מיר מיין לעבן פאַרשטערט —
נעם איך זיך רויטע פעדים שפינען,
ווערן זיי שוואַרץ, אַזוי ווי די ערד.

שלום עליכם האָט זיך צוגעהערט מיט טרערן אין די אויגן. ער האָט געקוקט אין ווינקל, וווּ ס'שטייט דער פאָרטעפּיאַן. נאָר ווער מיר פאָרטעפּיאַן, וואָס מיר וואַרשאַווסקי? דאָרט איז גאָר די פּריזבע, וווּ די עגונה זיצט און קוקט זיך צו צום פייגעלע, „וואָס האָט זיך אַ קערנדל גענעסן, געזונגען, געשפּרונגען, מלא חן".

וואַרשאַווסקי האָט פאַרענדיקט דאָס ליד. אַלע זענען געווען באַגייסטערט, און מער פון אַלעמען דער באַלעבאָס אַליין, שלום עליכם, הייסט עס. ער איז צוגעלאָפן צו וואַרשאַווסקין און אים אַרומגעכאַפּט קושן:

„ווען איך וואָלט נישט געוווּסט, פּאַניע וואַרשאַווסקי, אַז דאָס איז אייער ליד, וואָלט איך געקאָנט שווערן, אַז איך האָב עס שוין אַמאָל געהערט. און פון וועמען, אַ שטייגער, מיינט איר? אָסור צי איר וועט טרעפן. איך מיין פון מיין אייגענער מאַמען."

אַלע אַנוועזנדע האָבן מסכים געווען. שלום עליכם איז גע־רעכט. דאָס איז אמתער פאָלקסליד־נוסח. יידישער פאָלקסליד־נוסח. נאָר אַן אמתער דיכטער איז אים בכוח צו געפינען, אַנצוטאַפּן און ווייטער שפינען דעם פאָדים.

וואַרשאַווסקי האָט געלאַכט הויך און האַרציק, ווי אַ קינד. די אַלע שבחים האָבן אים שטאַרק הנאה געטון.

וואַרשאַווסקים פינגער האָבן ווידער אַ בלאָנדזשע געטון אי־בער די קלאַווישן פון פאָרטעפּיאַן. דאָס מאָל האָט ער געזונגען דאָס ליד פונם בחור, וואָס האָט זיך נישט געקאָנט אַנטשליסן,

וועלכע פון די צוויי שוועסטער פון ראַבמיסטריווקע צו נעמען פאַר אַ כלה. שרה, איינע פון די שוועסטער, האָט אַנדערע מעלות, און רבקה, די צווייטע, ווידער אַנדערע. דעם סוף פון אַזאַ חברהמאַן ווייסט מען דאָך: ער איז געבליבן אַן אַלטער בחור.

ווידעראַמאָל האָט שלום עליכם אַ קוק געטון אין ווינקל און נישט געזען קיין וואַרשאַווסקי, נאָר די צוויי שוועסטערלעך פון ראַבמיסטריווקע און דעם בחור, דעם שלימזל.

„אַ מצווה אויף אים — האָט שלום עליכם זיך אָנגערופן — אויף דעם בחור מיין איך. אַזאַ שוטה בן פּיקהאָלץ, אויף וואָס האָט ער געוואַרט? נאָר צוריקגעשמועסט, וואָס איז ער שולדיק? איך אויף זײַן אָרט, און איר אַליין — ווען מיר וואָלטן געשטאַנען צווישן אַזעלכע צוויי פייערן — וואָלטן מיר מסתמא אויך אויסגעזען, ווי אמתע לעקישבערן.״

און צוגייענדיק צו מאַרק מאַרקאָוויטשן, האָט ער אים געזאָגט:

„מ׳זאָגט, אַז איר זייט אַ געשווירענער אַדוואָקאַט, פּאַניע וואַרשאַווסקי. מסתמא איז דאָס אמת. איך אָבער זאָג אייך, אַז איר זענט אַ געשווירענער דיכטער, און ס׳איז אַ שאָד, וואָס איר האַלט אייערע לידלעך פאַר זיך אַליין. מען דאַרף זיי אויפשרייבן און טאַקע אָפּדרוקן. און זאָל דאָס פאָלק זיי זינגען בכל תפוצות ישראל. איך בין אייך מבטיח, אַז ס׳וועט נישט אַוועק קיין סך צייט און די לידער וועלן ווערן טאַקע אמתע פאָלקס־לידער.״

וואַרשאַווסקי איז רויט געוואָרן: „איך וועל אויסזאָגן אַ סוד— האָט ער געענטפערט פאַרשעמט — די לידער האָב איך ביז צום היינטיקן טאָג נאָך נישט אויפגעשריבן, פּשוט דערפאַר, ווייל, ווייל... איך האָב כמעט אינגאַנצן פאַרגעסן, ווי אַזוי מען שרייבט מיט יידישע אותיות...״

שלום עליכם האָט אים איבערגעריסן: „נאָר נישט געדאַגהט. שלום עליכם איז נישט פויל אויף דער פען. איר וועט דיקטירן און ער וועט פאַרשרייבן. דער דרוקער וועט דרוקן, און דאָס פאָלק וועט זינגען און הנאה האָבן.״

אַלע האָבן צוגעגעבן רעכט שלום־עליכמען.

אַן עוולה, אַ בפירושע עוולה, מען זאָל נישט אָפּדרוקן אַזעל־

בע לידער. און אין איין וועגס האָט מען געבעטן וואַרשאַווסקין, אַז ער זאָל מכבד זיין מיט נאָך עפּעס.

וואַרשאַווסקי האָט ווידער געזונגען. געזונגען זיס און האַר־ציק, און דערביי זיך אַליין באַגלייט אויפן פּאַרטעפּיאַן. עס איז געקומען דאָס ליד פון דער „מוזינקע״, פון „שמחת תורה״, פון „תנחום דעם טרובאַטש״ א. אַז. וו. א. וו. לידער האַרציקע און פּשוטע, פרייליכע און טרויעריקע. לידער, ווי פון פאָלקס מויל אַראָפּגעזונגען. און צום סוף האָבן זיך דערהערט די טענער:

אויפן פּריפּעטשיקל ברענט אַ פייערל,
און אין שטוב איז היים,
און דער רבי לערנט מיט די קינדערלעך
דעם אלף־בית...

דעם רעפריין האָבן אַלע אונטערגעכאַפּט. קודם שטיל, און דערנאָך העכער און העכער:

זאָגט־זשע קינדערלעך, געדענקט־זשע טייערע,
וואָס איך ווייז אייך דאָ...

שלום עליכם איז געזעסן מיט צוגעמאַכטע אויגן און געזען דאָס פייערל, וואָס פלאַקערט אויפן פּריפּעטשיק. אָט דאָס פייערל, וואָס טויזנט בייזע ווינטן, טויזנט אַנשיקענישן, האָבן אין פאַר־שידענע צייטן געפּרווט פאַרלעשן און נישט געקאָנט. ביים שיין פון דעם דאָזיקן פייערל וועלן די יידישע פאָלקס־מאַסן, ליידנדיק, ווייטער גלויבן און זינגען. ביז... ביז...

וואַרשאַווסקי האָט ווייטער געזונגען. אַלעמענס אויגן זענען געווען געווענדט צו אים, צו יענעם ווינקל, וווּ דער פּאַרטעפּיאַן איז געשטאַנען.

אָבער בלויז שלום עליכם האָט געזען, ווי איבערן צימער האָבן אַ פלאַטער־געטון די פליגל פון דער גאָלדענער פּאַווע, און איבער וואַרשאַווסקיס קאָפּ האָט זיך בולט אָפּגעצייכנט די געשטאַלט פונם שניי־ווייסן ציגעלע, דעם עמבלעם פונם יידישן פאָלקס־ליד.

יוסף באַרשעווער

„זעסט, עטל, דאָרט די ווייסע געביידע, ארומגערינגלט מיט דער שטיינערנער מויער? דאָרט איז דאָס שפּיטאָל פאַר גייסטיק קראַנקע.״

דאָס יונגע ארבעטער-מיידל טוליעט זיך צו איר באַגלייטער. יי זעט פון דער ווייטנס דאָס הויז, דאָס מאָדנע־ווייסע, אָפּגעזונדערטע פון דער וועלט. דאָרט געפינען זיך די געוועזענע מענטשן. די, וואָס זענען אריבער די גרענעץ פון זין און אומזין. דאָרט וועגעטירן די קינדער פונם שגעון, די געבלענדטע, די פיבערנדיקע, די אַנגסטיקע, און די, וואָס די אויסגעחלומטע קרוינען זענען פאַר זיי געוואָרןווירקלעכקייט.

דער יונגער ארבעטער בלייבט שטיין. באַטראַכט זיין באַגלייטערין, דאָס שוואַרצהאָריקע, שלאַנקע ארבעטער־מיידל. ער פילט, אַז זי האָט מורא. אַז דאָס ווייסע הויז, צו וועלכן זיי דערנענטערן זיך, שרעקט זי.

„האָבסט מורא, עטל? — פרעגט ער — זאָג אויס דעם אמת. איך האָב דיך געוואָרנט, דיר געזאָגט, אַז ס׳איז נישט פאַר דיר. דו האָסט אָבער נישט געוואָלט בלייבן אין דער היים. און איצט זע איך, אַז דו האָסט חרטה.״

„מורא האָב איך טאַקע אַביסל, הערי, — זאָגט דאָס מיידל — נאָר חרטה האָב איך נישט. איך בין גרייט צו מאַכן באַוושעווערן דעם וויזיט. ער געפינט זיך שוין עטלעכע יאָר אין „יענעם״ הויז, און ווער ווייסט, צי קימערט זיך עמיצער וועגן אים. ער איז דאָך אונזער דיכטער, אַן ארבעטער־דיכטער. וועגן אונזער נויט האָט ער געזונגען. אונז האָט ער דערמוטיקט צום קאַמף.״

אַ ווינט רוישט אין די פרילינגדיקע ביימער, וואָס שטייען

פּאַזע דעם וועג. יונגע שוואַלבן פלאַטערן איבערן וועג. אַ לערכנ־פויגל טרילערט איבערן פעלד און טראָגט זיינע פליגל צו דער זון.

די צוויי יונגע מענטשן שטייען אויפן שליאַך. אַ פּאָר מינוט גאַנג איז ביז צום טויער פונם משוגעים-הויז. ארום זיי איז פרי־לינג. און זיי הערן אין רויש פונם ווינט, אין פלאַטער פון די שוואַלבן און אין טרילערן פון דעם פויגל צו דער זון — דאָס פרילינגס־ליד פונם דיכטער. זייער דיכטער, יוסף באַוושעוועד.

רווישט־אויף איר שטראָמען פון מיין יונגער זעעלע,
און גריסט די וועלט, די נייערע, די העלע,
מיט כרובים־קלאַנגען זאָל מיין האַרפע זינגען,
ווי טויזנט פידלען זאָל מיין לוסט־ליד קלינגען.
פון אַלע פעלדער שפּראָצט אַ נייעס לעבן,
עס שוועבט אַ טיפע פרייד פון אַלע זייטן
און רופט מיט צויבער־טענער פון דער ווייטן.
ווי בשמים פון דעם הר־הזיתים שמעקט עס,
ווי מיט אַ לופט־געוועבטן שלייער דעקט עס
די בערג צו. און רעגט זיך זאַנפט און פרייער,
צו אַ נייער האָפנונג און אַ וועלט אַ נייער.

זיי שטייען און האָרכן אַנטציקטע. איינער וויל ביים צווייטן פרעגן: „האָסט געהערט?" נאָר קיינער פון זיי פרעגט ניט. אין רוישן פון דעם ווינט, הערן זיי די שטים פונם יונגן באַוושעוועד און ס'ווילט זיך נאָך הערן און הערן.

דאָס רוישן פונם ווינט ווערט האַסטיקער, מעכטיקער, צאָרנ־דיקער. ניין, ס'איז ניט דער ווינט, וואָס צאָרנט, נאָר די שטים פונם דיכטער. זיי הערן די שטים פונקט אַזוי קלאָר, ווי מיט יאָרן צוריק אויף אַן אַרבעטער־פאַרזאַמלונג, בשעת באַוושעוועד האָט דעקלאַמירט זיין ליד: „דער געניוס דער מענטשהייט":

הערט מיין שטימע, שטאַלצע הערשער,
וועלטן־רויבער, ליגן־שמידער,

און פארציטערט זאָלן ווערן
אייערע שמאָלץ־באַדעקטע גלידער.

אין די גרויסע, רייכע צימער,
אויף די ווייכע, זיידענע קישן,
ווו איר ליגט איצט ווייַן־באַטרונקען
און געניסט דעם שלאָף דעם זיסן.

מאָדנע: דער יונגער אַרבעטער און די יונגע אַרבעטערין דערפילן מיטאַמאָל, אַז דער דיכטער איז דאָ אין זיי און אַרום זיי זשומעט און צאַרנט זיין ליד. און דער דאָרט, וואָס ליגט זינט יאָרן אין יענעם שפּיטאָל, איז נאָר דער געבראָכענער שאָטן פון דיכטער. נאָר כּל־זמן דער דאַזיקער שאָטן בלאָנקעט נאָך אויף דער ערד, טאָר מען אים נישט פאַרגעסן.

גיין, מען טאָר אים נישט פאַרגעסן. ס'איז גוט, וואָס זיי האָבן באַשלאָסן היינט דעם פרייען זונטאָג אויסצונוצן, כּדי אַראָפּ־צוקומען אהער. אפשר נוויטיקט ער זיך, אָט דער, וואָס האָט זיי געטרייסט מיט זיינע לידער — אין אַ טרייסט־וואָרט. אפשר נוי־טיקט זיך דער, וואָס האָט זיי דערמוטיקט מיט זיין געזאַנג, אין אַ דערמוטיקונג פון זייער זייט.

עטל כאַפּט זיך אויף, ווי פון אַ חלום. איצט איז זי גרייט, מוטיק. זי וועט גיין און אַריבערגיין די שוועל, ווו פּ'הויזן די שאָטנס.

„הערי, קום!"
„קום!"

זיי לאָזן זיך גיין. דאָס כמאַרעלע, וואָס האָט זיך באַוויזן אין דער פרי אויפן הימל, האָט גענומען וואַקסן. אַ צווייטס איז אים אַנטקעגנגעקומען, אַ דריטס. וואַגאַבונדן ווערן גיך חבר. מען גייט שוין אין איינעם, נעגמטער און נעגטער צו דער זון.־

„ווי אַזוי האָט דאָס געקאָנט געשען, הערי, — זאָגט דאָס מיידל — ער איז געווען אַזאַ געזונטער, לעבנסלוסטיקער, קאַמפּס־לוסטיקער, און מיטאַמאָל..."

„אַז מען באַקענט זיך געגנויער מיט זיינע לידער, — גיט איר

צו פארשטיין, הערי, — הויבט מען אָן בעסער צו באַגרייפן אָט דעם טראַגישן סוף זיינעם. אמת, ער איז געווען האַפעררדיק, קאַמפּס־לוסטיק, אַ טרוימער פון אַ בעסערן מאָרגן, אָבער זיין נשמה איז פּאָרט נישט געווען קיין אויסגעגליכענע, קיין האַרמאָנישע. די מע־לאַנכאָליע איז אים כסדר נאָכגעגאַנגען, ווי אַ שאָטן. זי האָט גע־היטן זיינע טריט, ביז זי האָט געלייגט אויף אים די האַנט, אים געפאַנגען, אפשר שוין אויף תמיד.״

,,איך פאַרשטיי נישט גענוי, וואָס דו מיינסט, הערי. דער־קלער מיר קלאָר.״

,,אַז מען לייענט, למשל, ביי באַוושעווערן אַזאַ ליד, ווי ,,איינ־געהילט אין אַ כמאַרע״ — ס׳איז דאָס ערשטע ליד פון זיין ,,אַל־בום״ — ווערט מען פּשוט דערשיטערט. עס איז אַ ליד פון אַכט שורות, און זאָגט פונדעסטוועגן זייער אַ סך. הער זיך צו, עטל:

אײנגעהילט אין אַ כמאַרע,
ליגט דער הימל ווייט און ברייט,
דאָך קיין איינציק טראָפּן וואַסער
פון דעם שוואַרצן וואָלקן גייט.
אויף מיין האַרץ, ווי אויפן הימל,
ליגט אַ וואָלקן גרויס און שווער,
נאָר דער וואָלקן וויל נישט פּלאַצן —
ס׳רינט קיין איינציק, איינציק טרער.

,,אין דעם דאָזיקן ליד פּילט זיך די שווערקייט — ווי זאָל איך דיר זאָגן? אַ שווערקייט פון בליי. אַזאַ וואָלקן, אַז ער פּלאַצט, ברענגט ער נישט קיין מחיהדיקן פרילינג־רעגן, נאָר אַ געוויטער, אַ קאַטאַסטראָפע.״

עטל פילט, ווי אַ ציטער גייט איר דורך איבערן לייב. זי אָטעמט קוים אַרויס:

,,שרעקלעך.״

מער קאָן זי גאָרנישט זאָגן. ביז איצט האָט זי דאָס דאָזיקע ליד תמיד אַריבערגעהיפּערט. זי האָט אין באַוושעווערס בוך תמיד געזוכט די איר ליבע און באַקאַנטע קאַמף־לידער. איצט, ווען איר

חבר האָט זי רערויף געמאַכט אויפמערקזאַם, ווייסט זי, אַז דער וואָלקן האָט געפּלאַצט און פאַרשטייט, פאַרוואָס פון דעם וואָלקן איז אַרויסגעשפּרונגען דער אומזין און באַוויזן זיין גרויליק פּנים.

וואָס מער זיי דערנענטערן זיך צום שפּיטאָל, פּילט עטל, ווי דאָס ליד באַקומט אַ שליטה איבער איר. זי וויל זיך באַפרייען פון דעם דאָזיקן ליד. עס פאַרגעסן. גראָד איצט, ווען זי גייט באַזוכן דעם קראַנקן דיכטער, וויל זי זיין אַ ליכטיקע, אַ געליימערטע.

און כדי צו פאַרטרייבן, צו פאַרשרייען די דאָזיקע שווערע שטימונג, הויבט זי אָן צו דעקלאַמירן הויך, אויף אַ קול, באַוואושע־ווערם „געזאַנג צו אַ פאָלק״:

הויב־אויף דיינע אויגן, אַ פאָלק, וואָס דו ביזט אַזוי עלנט
און אָרעם,
הויב־אויף דיינע אויגן צו מזרח און מערב, צו צפון און
דרום,
און זע די געזאַמלטע אוצרות און זע פון דיין אַרבעט די
פּירות,
און זע דעם געבליבענעם רייכטום פון פריע געוועזענע
דורות.
הויב־אויף דיינע אויגן און זע אויפן ים די געלאָדענע שיפן,
און זע דעם געבליבענעם רייכטום פון פריער געוועזענע
לאָקאָמאָטיוון,
און זע, ווי זיי שווענן אין קומען געשווינד פון אַ געגנט
אַ ווייטן,
און פירן אין אַנדערע לענדער פּראָדוקטן און סחורות צו
בייטן.
הויב־אויף דיינע אויגן און זע די געמויערטע גרויסע
פאַבריקן,
ווו אַרבעטער זעגן און הובלען און וועגן און נייען און
שטריקן,
און שמידן און פיילן און טאָקן און שניצן אין גלעטן
און פּוצן,

און שאפן די וואארע און שאפן דעם רייכטום צום
מענטשלעכן נוצן.

עטל דעקלאמירט ווייטער סטראף נאך סטראף. זי פילט, ווי די כמארע טרעט־אפ, ווערט נישט, צערינט.
און אט האלט זי שוין ביים לעצטן סטראף:

הויב-אויף דיינע אויגן, א פאלק, גיי ארויס פון די
פינסטערע קברים,
הויב־אויף דיינע אויגן צו מזרח און מערב און צפון און
דרום,
און נעם די גערשנטע אוצרות און נעם פון דיין ארבעט
די פירות,
און שאפנדיק לעב, און געניסנדיק שאף אין די פריידיקע
דורות.

אט זענען זיי ביים טויער פון שפיטאל. דער טויער איז אפן. היינט איז זונטאג. היינט מעג מען באזוכן די קראנקע. נאר א וועכטער שטייט און היט דעם ארייגאנג. א מיטליאריקער, פעסט־געבויטער מאן. ער היט די גרענעץ צווישן זין און אומזין....
הערי פרעגט עפעס ביים וועכטער, וואס זיצט אויף א שטול ביים ארייגאנג. דער וועכטער ענטפערט אים נישט. ער ווארטשעט עפעס אריין אין זיך. עטלען דאכט זיך, אז זי האט פון דעם מורמ־לען ארויסגעהערט דאס ווארט „קאנצעלאריע”.
אין דער קאנצעלאריע פרעגן זיי זיך נאך אויף באוושעווערן. צי מען קאן אים זען. מיט אים רעדן. ווו געפינט ער זיך? זיי זע־נען ארבעטער פון ניו־יארק, און זענען געקומען באזוכן דעם דיכ־טער.
דער דיזשורירנדיקער דאקטאר, אן עלטערער הער אין א ווייסן כאלאט, פארבעט זיי זיצן. ער צינדט־אן א פאפיראס און רעדט געלאסן, בלאזנדיק דעם רויך:
„באוושעווערן ווילט איר זען? א סך ארבעטער קומען אים זען. מען זאגט, אז ער איז א גוטער דיכטער. איך האב אים נישט

געליִיענט. ער שרייבט אויף יידיש. יאָ, באָוושעווער... ס'איז אַ שאָד, אַ שאָד."

,,איז דאָ אַ האָפנונג, אַז ער וועט נאָך געזונט ווערן, דאָק־טאָר?" — פרעגט עטל, און די שטים אירע ציטערט.

,,געזונט ווערן, — ענטפערט דער דאָקטאָר — ווער ווייסט. איך האָב מורא, אַז נישט. זינט אַ פּאָר יאָר פאַרערגערט זיך אַלץ דער צושטאַנד. אָט ווערט ער ווילד, צערייצט, האַלט די גאַנצע וועלט פאַר זיינע שונאים. שעלין באַטראַכט ער פאַר זיין פּוסן־בענקעלע. ער אַליין איז געטע, שעקספּיר. ניין, מער, ווי זיי אַלע דריי צוזאַמען — אַפּאָללאָ, דיאָניזאָס, פּראָמעטעאוס..."

,,און אָט — דערציילט ווייטער דער דאָקטאָר — אָט ברעכט ער צוזאַמען, ווערט מעלאַנכאָליש. ער רעדט נישט אַרויס קיין וואָרט. שלייכט־אַרום, ווי אַ שאָטן. רעדט מען צו אים, קוקט ער אָן מיט אַזעלכע אויגן, וואָס דערמאָנען אייך די אויגן פון אַ גע־שלאָגענעם הונט. צווישן מאַניע און דעפּרעסיע, ווערט ער געשליי־דערט אַהין און אַהער. די דאָזיקע צושטאַנדן צורייצן אים, פרעסן אים אויף. ווער ווייסט, ווי לאַנג ער וועט דאָס נאָך אויסהאַלטן?"

,,אפשר קאָן מען אים זען, דאָקטאָר? מיר זענען ספּעציעל גע־קומען פון ניו־יאָרק. געפּטרט אַ פרייען זונטאָג צוליב דעם."

,,ער שפּאַצירט איצט אין גאָרטן. היינט איז ער ווידעראַמאָל מעלאַנכאָליש. איר וועט פון אים גאָרנישט נישט אַרויסבאַקומען."

,,מיר ווילן אים בלויז זען. זאָל זיין פון דער ווייטנס כאָטש, בלויז אויף איין רגע."

,,גוט — זאָגט דער דאָקטאָר — לאָמיר גיין."

אָט זענען זיי אין דרויסן. הינטערן שפּיטאָל געפינט זיך דער פּאַרק. קראַנקע אין שפּיטאָל־כאַלאַטן שפּאַצירן אַרום. אַ טייל זיצן אויף די בענק, וואָס זענען צושטעלט ביי די סטעזשקעס.

אין מיטן פּאַרק אַ קליין בערגל. אויפן בערגל שטייט אַ הויכע געשטאַלט אין אַ כאַלאַט. אויפן קאָפּ אַ ווייס מיצל. ס'איז יוסף באָוושעווער. ער שטייט פאַרריסן דעם קאָפּ צום הימל, זיי־נע אויגן זענען אָנגעשטרענגט.

די כמאַרעס שאַרן זיך פון רעכטס. באָוושעווער דערקענט

זיי. אַט דער מיט דער באָרד און מיט דער קרוין אויפן קאָפּ איז דער צאַר, דער מנוול. הינטער אים אַ מחנה קאָזאַקן מיט צעשויבערטע בערד. אומגעלומפּערטע קוטשמעס אויף די קעפּ. מוראַדיקע שפּיזן אין די הענט. די מחנה שאַרט זיך פּאַמעלעך, נענטער, נענטער, צו דער זון, וואָס לייכט, פינקלט, בלענדט.

באָוושעוווער זעט די געפאַר. די מחנה פון דער רעכטער זייט הימל ווערט גרעסער, געדיכטער, דראָענדיקער. „וואָס וועט זיין?״— מורמלט ער און זיינע אויגן ווענדן זיך אויף לינקס.

פון יענער זייט שאַרט זיך אויך אַ מחנה וואָלקנס... ניין, געשטאַלטן. ער זעט זיי גענוי, דערקענט זיי. געשטאַלטן אויסגעמאָגערטע, אָנגעטון אין טראַנטעס. באָרוועסע. זיי ווערן אויך מערער, מער־רער. זיי שליסן זיך צונויף. די מחנה רוקט אַנטקעגן דער צווייטער, זי וועט נישט לאָזן פאַרטונקלען די זון... קאַמף איז קאַמף.

באָוושעוווער קוקט זיך איין. זיין פּנים איז אָנגעשטרענגט. די צוויי מחנות זענען שוין נאָענט איינע צו דער צווייטער, די שוואַרצע מחנה פון רעכטס האָט שוין פאַרדעקט די זון... אַט־אַט וועלן זיי זיך צונויפשטויסן.

אַ בליץ, אַ בליץ... אַ דונער. באָוושעוווער אָטעמט שווער. פון דעם דאָזיקן קאַמף וועט די זון אַרויס אַ באַפרייטע, אַ באַנייטע, אַ שטראַלנדיקע.

„נאָר זיך נישט אונטערגעבן, — מורמלט ער — נאָר זיך נישט אונטערגעבן״...

בליצן קרייצן זיך. באָוושעוווער שטייט חויך און שלאַנק אויפן בערגל. זיינע אויגן זעען אַ געשטאַלט אַן אויסגעבענקטע, אַן אויסגעחלומטע. אַט פלאַטערן אירע האָר. זי ליכטיקט צווישן די בליצן. ס׳איז שטורעם... אויסגעבענקטער שטורעם. די געשטאַלט ביילט די פויסטן. זי זינגט... זי רעדט... זי דעקלאַמירט זיין ליד „רעוואָלוציאָן״:

איך קום, ווי אַ שטאָלצער קאָמעט, ווי די זון, ווען עס הויבט־אָן צו טאָגן,
איך קום, ווי אַ בייזער געוויטער פון בליץ און פון דונער געטראָגן,

איך קום, ווי אַ בלוטיקע לאַווע פון וואָלקן־באַדעקטע
וולקאַנען,
איך קום, ווי דער שטורעם פון צפון, וואָס וועקט און
דערשרעקט אָקעאַנען.
איך קום, ווייל איך בין אין דער מדבר פון הערשאַפט
געבוירן געוואָרן,
איך קום, ווייל עס האָבן די הערשער געוועקט און
דערצויגן מיין צאָרן.
איך קום, ווייל די מענטשלעכע ברוסט קאָן די זריעה פון
לעבן נישט טויטן,
איך קום, ווייל מען קאָן נישט די פרייהייט אויף אייביק
פאַרשמידן אין קייטן...

דאָס אַרבעטער־פאָרל שטייט און קוקט פאַרגאַפט.
באַוושעווער שמייכלט. די בליצן איבער אים קרייצן זיך.

הערשעלע אסטראפאליער

פארן הקדש אין מעדזשיבאָזש האָט זיך צונויפגעזאַמלט אַן עולם יידן, ווייבער און קינדער. די גאַנצע אַרעמקייט פון ר׳ ברוכלס רעזידענץ איז זיך צונויפגעקומען, כדי אָפּצוגעבן כבוד דעם לץ הערשעלע אָסטראָפּאָליער, וואָס איז יענע נאַכט געשטאָרבן אין הקדש.

„הייסט עס, איז שוין הערשעלע אָסטראָפּאָליער נישטאָ, — האָט אָפּגעזיפצט אַ געלער ייד מיט וואַסערדיקע אויגן. — אַ שאָד, אַ שאָד. מיט אים איז עפּעס געוועזן פריילעכער אויף דער נשמה. גרינגער דער הונגער. אַ שאָד, אַ שאָד.”

„וואָס האָט אים געפעלט?” — האָט אַ פרעג געטון אַ קליין מאָגער יידל, ווייזט־אויס פון דער פרעמד.

דער געלער ייד האָט אָנגעקוקט דעם פרעגער, אים אָפּגע־מאָסטן מיטן בליק פונם קאָפּ ביז די פיס און מיט ביטול אַ וואָרטשע געטון:

„פרנסה האָט אים געפעלט, פעטער. וואָס פאַרשטייט איר דאָ נישט?”

דאָס קליינע יידל פון דער פרעמד האָט געצויגן מיט די אַקסלען:

„פרנסה... אָט האָב איך, ב״ה, אויך נישט קיין פרנסה, און פונדעסטוועגן לעב איך, ווי איר זעט.”

יענער האָט אויסגעגלאָצט די אויגן:

„וואָס, איר ווייסט טאַקע נישט? עס רעדן דאָך שוין דערפון די פייגל אויף די דעכער.”

„וואָס, — פרעגט דער פרעמדער — וואָס, אַ שטייגער, דער־ציילן די פייגל אויף די דעכער?”

דער געלער ייד בויגט זיך אַראָפּ נידעריקער צום קליינעם יידל און רוימט יענעם איין אין אויער אַריין:

„דער רבי, ר׳ ברוכל, האָט אים, הערשלען, אַראָפּגעוואָרפן פון די טרעפּ. מען האָט הערשלען תיכף אוועקגעפירט אין הקדש און אין עטלעכע טעג אַרום איז ער געשטאָרבן.“

„אוי־וואַ, אוי־וואַ — האָט דער פרעמדער געשטוינט — פאַר־וואָס איז עס אים געקומען? דוכט זיך, אַז הערשל איז געקומען קיין מעדזשיבאָזש, כדי פריילעך צו מאַכן דעם רבין, אים אַרויס־צורייסן פון זיין עצבות. פאַרוואָס איז עס אים געקומען, איך בעט אייך?“

דער געלער ייד האָט זיך איינגעבויגן נאָך נידעריקער און דערציילט, אַריינגעשעפּטשעט דעם קליינעם יידל אין אויער אַריין:

„ווי איר ווייסט, פעטער, איז דער רבי ר׳ ברוכל, נישט אויסגערעדט זאָל עס זיין, אַ מרה שחורהניק, אַ כעסן און נישט קיין קליינער בעל־גאווה. יעדע צוויי מינוט גיט ער דיר אָן אָנ־צוהערעניש, אַז ער איז נישט אַבי־ווער, נאָר דעם בעל שם־טובס אַן אייניקל.“

„נו, נו, — שעפּטשעט נייגעריק דאָס קליינע יידל פון דער פרעמד — דאָס אַלצדינג ווייס איך. אָבער וואָס געהער זיך דאָס אָן מיט הערשלען, הא?“

„וואָס האָט איר אַזוי קיין צייט נישט, — כעסט זיך דער געלער ייד — לאָזט אויסרעדן, וועט איר שוין אַלצדינג געוווּיר ווערן.“

און דער געלער ייד דערציילט, ווי אַזוי דער רבי איז אַרום־געפאָרן מיטן לץ איבער די שטעטלעך. ווי אַזוי הערשעלע האָט אין אַ שטעטל אויסגעזוכט פאַרן רבין אַן אכסניה, וווּ די גאַנצע נאַכט האָט געוויינט אַ קינד. דער רבי האָט נישט געקאָנט צו־מאַכן קיין אויג. אין דער פרי האָט ער אויסגעשייגעצט הערשלען, געהאַט צו אים טענות:

„ס׳טייטש, — האָט דער רבי געזאָגט — כ׳האָב דאָך דיך געבעטן, דו זאָלסט מיר געפינען אַ שטילע אכסניה און צום סוף האָט די גאַנצע נאַכט געוויינט דאָס קינד.“

„נו, נו, — האָט דאָס קליינע יידל געזוצט די נשמה — טשעקאַווע, וואָס הערשל האָט אים געענטפערט?“

„הערשל האָט, ווי זיין שטייגער, אַ שמייכל געטון און גע־זאָגט צום רבין: איר מיינט, רבי, אַז דאָס קינד, וואָס האָט גע־וויינט די גאַנצע נאַכט, איז אַ פּשוט קינד. דאָס קינד איז אַן אייניקל, און פון די אייניקלעך וועלן יידן נאָך האָבן צו זינגען און צו זאָגן"...

„כאַ־כאַ, — האָט זיך צעלאַכט דאָס קליינע יידל — אָט דאָס הייסט געטראָפן אין פּינטל אריין. אָט דאָס הייסט אריינגע־זאָגט דעם אייניקל פונם בעל שם־טוב."

דער געלער ייד האָט דערשטוינט אָנגעקוקט דאָס קליינע יידל:

„וואָס לאַכט איר, פעטער? מילא, אַז הערשל האָט אריינ־געזאָגט די גבירים און די כלי קודש, פאַרשטיי איך, אַ מצווה אויף זיי. אָבער דעם רבין? איר הערט, וואָס איך זאָג אייך, דעם רבין?!"

דאָס קליינע יידל האָט געקייכט פאַר לאַכן:

„אָט דאָס הייסט אַ ליץ, אַ גרויסער ליץ. אפילו דעם רבין אריינגעזאָגט. כאַ־כאַ־כאַ."

„איר מעגט זיך לאַכן — האָט אָפּגעזיפצט דער געלער — אָבער ער, נעבעך, האָט פאַר דעם אמת באַצאָלט מיטן לעבן. דער רבי האָט עס אים נישט געקאָנט מוחל זיין. און אין אַ שיינעם טאָג, ווען הערשל איז צו אים צוגעשטאַנען, האָט דער רבי אים אָנגענומען פאַרן קאָלנער און אראָפּגעוואָרפן פון אַלע טרעפּ."

„טשעקאווע, — האָט זיך אָנגערופן אַ ייד, אַ בלינדער אויף איין אויג, וואָס איז געשטאַנען אין אַ צווייטן רעדל — טשעקאַ־ווע, צי דער גבאי ר' עוזר וועט קומען צו דער לוויה."

„איך גיי אין אַ געוועט, אַז ער וועט נישט קומען — האָט דודיע דער הויקער זיך אָפּגערופן. — הערשל האָט אים וואַשנע אריינגעזאָגט. דער גבאי ר' עוזר וועט אים דאָס נישט מוחל זיין."

„וואָס, וואָס האָט ער אים אריינגעזאָגט?" — האָט נייגעריק גע־פרעגט אַ דריטער, אַ ייד מיט אַ בילמע אויפן אויג.

דודיע דער הויקער האָט זיך נישט געלאָזט לאַנג בעטן און דערציילט די מעשה, ווי אַזוי דער גבאי האָט איין מאָל אָפּגע־שטעלט הערשלען אויפן שמאָלן בריקל. „זאָג עפּעס אַ חכמהלע",

האָט ר׳ עוזר געזאָגט צו אים און מיטן גראָבן בויך פאַרשטעלט הערשלען דעם וועג.

„צי שוין נישט אַרויס די נשמה, דודיע, דערצייל שוין גי־כער, וואָס הערשעלע האָט אים געענטפערט" — האָבן זיך אָפּ־גערופן עטלעכע יידן מיטאַמאָל.

און דודיע האָט דערציילט, ווי אַזוי הערשל האָט געפרעגט דעם גבאי אַ רעטעניש: „פאַרוואָס, ר׳ עוזר — האָט ער אים גע־פרעגט — איז דער אָדלער, וואָס פליט אין דער הויך, פון אונטן מאָגער און פון אויבן פעט?" דער גבאי האָט נישט געוווּסט. האָט אים הערשעלע אויפגעקלערט: „דער אָדלער, וואָס פליט אין דער הויך איז פון אונטן מאָגער, ווייל ער האָט מורא פאַר דער פייל פון יעגער; פון אויבן איז ער פעט, ווייל איבער זיך האָט ער פאַר קיינעם קיין מורא נישט." און איצט, גבאי, — האָט הערשל ווייטער געפרעגט — פאַרוואָס איז די קאַטשקע פון אונטן פעט און פון אויבן מאָגער?" און תיכף האָט הערשל אים געגעבן צו פאַרשטיין, אַז די קאַטשקע האָט מורא פאַרן רויב־פויגל, דערפאַר איז זי פון אויבן מאָגער; פון אונטן האָט זי פאַר קיינעם קיין מורא נישט, דערפאַר איז זי פון אונטן פעט.

דודיע דער הויקער האָט זיך אַ ווײַלע אָפּגערוט און פאַר־ענדיקט:

„דער גבאי איז געשטאַנען, ווי אַ גולם. נישט געוווּסט, וואָס הערשל וויל פון אים. ביז הערשל האָט מיט זיין שמייכעלע אויף די ליפּן אים אַריינגעזאָגט:

„אָבער איר, גבאים, האָט נישט קיין מורא נישט פאַר דעם פון אויבן און נישט פאַר דעם, וואָס אונטן. דערפאַר זענט איר פעט פון ביידע זייטן."

דער עולם האָט געלאַכט הויך און האַרציק. איצט האָט יע־דער געוווּסט אויף קלאָר, אַז דער גבאי ר׳ עוזר וועט נישט קו־מען צו דער לוויה. נישט ער און נישט דער גביר, ר׳ מיכל. קיי־נער נישט פון די אַלע, וואָס הערשעלע האָט אַריינגעזאָגט און אויסגעלאַכט ביי זיין לעבן. די לוויה פון דעם ליץ דעם אָרעמאַן הערשעלע אָסטראָפּאָליער, וועלן באַגלייטן נאָר די אָרעמעלייט.

אַט די אַלע, וואָס האָבן הנאה פון זיינע שפּיצלעך און ווערטלעך.
אַט די אַלע, וואָס שפּינען די מעשה וועגן דעם לץ הערשעלע פון אַסטראָפּאָליע.

דער גביר פונם שטעטל, ר׳ מיכל, איז פאַרבייגעגאַנגען, זיך אַ ווײַלע אָפּגעשטעלט און געוווּיר וווערנדיק, אַז באַלד וועט זיין די לוויה פון הערשעלע אַסטראָפּאָליער, האָט זיך דער מיוחס פון דער שטאָט, ר׳ מיכל זיידמאַן, אָפּגעטראָגן.

„ער קאָן אים נישט מוחל זיין דאָס שפּיצל, וואָס ער, הערשעלע, האָט אים אָפּגעטון״ — האָט אַ זאָג געטון דער געלער ייד.

„וואָס פאַר אַ שפּיצל, פעטער?״ — האָט אים איבערגעפרעגט דאָס יידל פון דער פרעמד.

דער הויכער, געלער ייד האָט זיך געחידושט:

„פון דעם שפּיצל האָט איר אויך נישט געהערט, ר׳ ייד? פון דעם דאָזיקן שפּיצל דערציילט מען אין גאַנצן קאַנט. ווער ווייסט דאָס נישט פון דעם שפּיצל, וואָס הערשעלע אַסטראָפּאָליער האָט אָפּגעטון דעם גביר ר׳ מיכל?״

„לאָמיר שוין הערן, פעטער — האָט זיך נייגעריק געבעטן דאָס קליינע יידל — אַז אַ ייד זאָגט אייך, ער האָט נישט געהערט, זאָלט איר אים גלויבן. וואָרום ווען ער וואָלט געהערט, וואָלט ער דאָך אייך געזאָגט, אַז ער האָט געהערט.״

דער הויכער, געלער ייד האָט אַ גלעט געטון די געדיכטע, געלע באָרד און גענומען דערציילן:

„געווען איז דאָס דעמאָלט, ווען הערשעלע איז נאָר־וואָס געקומען קיין מעדזשיבאָזש. דעם ערשטן פרייטאָג, אַ טאָג נאָך זיין אָנקומען, איז הערשעלע אַוועק אין מרחץ. אונזער גביר, ר׳ מיכל, איז גראָד געווען אין מרחץ. געזען אַ ייד זיך אַרומדרייען, האָט ר׳ מיכל געמיינט, אַז הערשעלע איז אַ „שמייסער״, איז ער צו אים צוגעגאַנגען און געזאָגט:

„שמייסער, זיי אַזוי גוט און קום אַרויף אויף דער אויבערשטער באַנק, וועסטו מיך אויסשמייסן.״

הערשעלע האָט תיכף פאַרשטאַנען, מיט וועמען ער האָט

דאַ צו טון, קיין פינגער אין מויל האָט מען אים נישט געדאַרפט אַריינלייגן, האָט ער אַ זאָג געטון צום גביר:

„פעטער, איך בין דער בעסטער שמייסער אין מרחץ. אויב איר ווילט, אַז איך זאָל אייך שמייסן, טאָ זייט אַזוי גוט און באַצאָלט מיר פריער. אַזוי בין איך זיך תמיד נוהג: קודם געלט, און דערנאָך „שמייסן".

דער גביר ר' מיכל האָט תיכף זיך געהייסן דערלאַנגען דאָס מלבוש, אַרויסגענומען עטלעכע קאָפּיקעס, באַצאָלט הערשעלען. דערנאָך איז ער אַרויף אויף דער אויבערשטער באַנק און גענומען וואַרטן אויפן שמייסער, וואָס איז געגאַנגען אויסבינדן אַ ניי בעזימל.

ליגט זיך אַזוי אונזער גביר אויף דער אויבערשטער באַנק, שוויצט און וואַרט און קיין שמייסער זעט מען נישט.

ווערט ר' מיכל אין כעס. ער קריכט אַראָפּ פון דער אויבערשטער באַנק, זוכט־אָפּ אונזער הערשעלען און שרייט זיך אויף אים אויס:

„שמייסער, כ'האָב דיר באַצאָלט, פאַרוואָס ביסטו נישט געקומען מיך אויסשמייסן?"

צושמייכלט זיך הערשעלע און זאָגט אים, דעם גביר ר' מיכל אַזוי צו זאָגן:

— פאַרשטייט איר מיך, ר' גביר, שמיץ קומט אייך טאַקע, נאָר דערפאַר, וואָס איר האָט זיך דאָס מאָל אַליין געלייגט, בין איך אייך מוחל..."

דאָס קליינע יידל פון דער פרעמד האָט זיך אַזש פאַרקייכט פאַר לאַכן. קוים געקאָנט כאַפּן דעם אָטעם.

פון דעם הקדש האָט מען אַרויסגעטראָגן דעם אָרון, און די לוויה האָט זיך אַוועקגעלאָזט צום אַלטן בית־עולם.

יידן, ווייבער און קינדער, די גאַנצע אָרעמקייט פון מעדזשיבאָזש און די אַרומיקע שטעטלעך איז נאָכגעגאַנגען נאָך דער לוויה. אויפן וועג האָט איינער דעם צווייטן דערציילט ווערטלעך און שפּיצלעך פון הערשעלע אָסטראָפּאָליער און דער עולם האָט געלאַכט.

א פרייליכע לוויה איז דאָס געווען. די פריילעכסטע לוויה, זינט מעדזשיבאָזש איז א שטאָט.

ערשט ווען הערשעלעס עלטסטער זון האָט געזאָגט קדיש אויפן פרישן קבר, האָבן אלע דערפילט, אז דאָס גראָז, וואָס וואקסט אויף די קברים, איז טרויעריק.

דער עולם איז זיך פאנאנדערגעגאנגען, איבערגעלאָזט דעם פרישן קבר אויף דעם מעדזשיבאָזשער בית־עולם. די לעצטע רויטע שטראלן פון דער פארגייענדיקער זון האָבן געציטערט איבערן בערגל ערד.

ווען קיינער איז שוין נישט געווען אויפן בית־החיים ערשט דעמאָלט האָט זיך פון צווישן די קברים אפגעשארט א הויכע, מאָגערע פיגור מיט אן איינגעפאלן, מרה־שחורהדיק פנים. די געשטאלט איז צוגעגאנגען צום קבר, זיך איינגעבויגן, מיטן שטעקן אויסגעגראבן א גריבל און אין גריבל אריינגעגאָסן א פלעשל בראָנפן.

דער רבי ר׳ ברוכל פון מעדזשיבאָזש האָט אריינגעשעפטשעט אין קבר אריין:

„זיי מיר מוחל, הערשעלע, דו פריילעכער ליץ. ווי אזוי קאָנסטו עס ליגן אזוי קאלט און רואיק אין קבר?״

דער אָוונט האָט גענומען טונקלען, ווען דער רבי ר׳ ברוכל האָט פארלאָזט דעם בית־עולם. הינטער אים האָט זיך נאָכגעשלעפט א שאָטן — זיין מרה שחורה.

הערשעלעס קבר איז געבליבן אליין, א פארשוויגענער, ווי אלע אנדערע קברים פונם אלטן מעדזשיבאָזשער בית־עולם. נאָר די אלטע בוימער אויפן פעלד האָבן שטיל גערוישט, דערציילט איינער דעם צווייטן די לעגענדע:

...אמאָל איז געווען א ייד, אן אָרעמאן, מיטן נאָמען הערשעלע אָסטראָפּאָליער, — מיט די שפּיצלעך, וואָס ער האָט אָפּגעטון די גבירים, כלי קודש און אפילו דעם רבין אליין, האָט ער געטרייסט די יידישע אָרעמקייט...

דער „בעלזמער" זצ"ל

דער כעלעמער רב איז געזעסן איבער א ספר, געקנייטשט דעם הויכן שטערן, געגלעט די שניי־ווייסע באָרד און אַלעמאָל א זיפץ געטון. יעדער זיפץ פונם כעלעמער רב האָט שיעור, שיעור נישט אויסגעלאָשן דאָס חלבנע ליכטל, וואָס האָט געברענט אויפן טיש.

און זיפצן איז געווען אויף וואָס. א קליינינקייט, טראָגן דעם עול פון א גאַנצער שטאָט מיט קינדער! תמימותדיקע קינדער מיט בערד און פיאות, וואָס קאָנען קיין קאָץ קיין עק נישט פאַר־בינדן. וואָס, וואָס קומט מען צו אים, דעם כעלעמער רב, אז ער זאָל אויפפלאָנטערן דעם פלאָנטער, אין וועלכן א כעלעמער תושב האָט זיך פארפלאָנטערט.

ס'איז א מזל פון כעלם — טראַכט דער קלוגער זקן — וואָס זי האָט מיך פאַר א רב. א שיין פּנים וואָלט געהאַט די שטאָט, ווען איך וואָלט נישט געווען. כעלם וואָלט אויסגעזען, ווי די יוני־שע שטאָט אבדערא פון פארצייטנס, אָדער ווי, להבדיל, די דייַ־טשע שטאָט שילדא.

און דער כעלעמער רב פילט, אז ער איז אויף זיין אָרט. מיט אהבה טראָגט ער דעם עול פון אָט דער עדה יידן, וואָס פרעמדע לצים רופן זיי אָן „כעלעמער נאַראָנים" און אין דער אמתן זענען דאָס בלויז תמימותדיקע מענטשן, וואָס גלויבן יעדן איינעם אויפן וואָרט און וואָס יעדער איינער, ווער עס האָט נאָר גאָט אין הארצן, פירט זיי אין באָד אריין.

זאָל מען נעמען א שטייגער, די מעשה פון פאַראיאָרן ווינ־טער — טראַכט דער כעלעמער רב ביי זיך אליין — דער ערשטער שניי איז געפאַלן, א ווייסער ציכטיקער שניי — די כעלעמער האָבן זיך מיט אים דערפרייט, ווי אמתע קינדער. זיי זענען געשטאַנען

ביי די פענסטער פון ווייערע שטיבער און זיך נישט געקאָנט אָפּ־חידושן פון אָט דער בלענדנדיקער ווייסקייט. און קוקנדיק אַזוי אויפן שניי, האָבן זיי זיך פאַרטראַכט, די כעלעמער, אַז ס'וועט זיין אַ גרויסער שאָד צו צעטרעטן דעם דאָזיקן שניי. די געפאַר האָבן זיי דערפילט אין שמש, וואָס וועט מוזן ביינאַכט גיין וועקן צו „חצות". ער וועט דאָס אַ תּל מאַכן פון דעם שניי. און ווי תּמיד אין אַן עת־צרה, זענען זיי געקומען צו אים, צום כעלעמער רב, ער זאָל געבן אַן עצה, אַז דער שמש זאָל וועקנדיק צו חצות נישט מאַכן אַ תּל פונם שניי.

ער, דער רב, האָט געטראַכט און געטראַכט (ווער דען, אַז נישט ער?), ביז ער האָט זיך דערטראַכט, אַז עטלעכע מענטשן דאַרפן טראָגן דעם שמש אויף אַ טיש, וועט דער שמש פאַרשפּאָרן צו טרעטן אויפן שניי...

נאָר די מעשה מיטן שניי איז נאָך אַ גאָרנישט מיט אַ נישט, אַנטקעגן די אַנדערע אויפטוען פונם כעלעמער רב. איבער דער גאַנצער וועלט, צווישן אַלע יידן, דערציילט מען פון זיין חכמה. אמת, אַז לצים מאַכן דאָס גרעסטע געשפּעט, אָבער וואָס אַרט עס אים. אַן אויסגעלאַכטע חכמה בלייבט אַלץ אַ חכמה. און אַ חכם, וואָס מען טוט אים אָן אַ נאַרן־מיצל, בלייבט אַלץ אַ חכם.

דאָס, וואָס די „וואַרשעווער" לצים שפּעטן פון אים און פון דער כעלעמער קהלה, אַרט אים, ווי דער פּאַראַיאָריקער שניי. דער־רויף זענען זיי דאָך לצים. אָבער דאָס, וואָס דער כעלעמער מגיד ר' הערשל האָט פאַראַכטאָגן שבת געדרשנט אין דער כעלעמער גרויסער שול, האָט אים יאָ פאַרדראָסן. ר' הערשל, דער כעלעמער מגיד, האָט אין זיין דרשה פאַרגליכן די חכמה פונם כעלעמער רב צו דער חכמה פון שלמה המלך און בשעת מעשה דערציילט, ווי ער, דער כעלעמער רב, האָט געפּסקנט וועגן ענין פון דער נייער שול, וואָס די כעלעמער באַלמעלאָכעס האָבן אויסגעבויט.

די קשיא איז געווען אַ האַרבע. אויסמאָלן די שול — וועט דאָך די שול אויסזען, ווי, להבדיל, אַ קלויסטער; נישט אויסמאָלן די שול — וואָס־זשע וועט זיין דער חילוק צווישן אַ פּשוטער שטוב און אַ מקום קדוש? ער, דער כעלעמער רב, האָט אָבער

נאָך דריי טעג און דריי נעכט טראַכטן, געפונען אַ פּשרה — „קודם אויסמאָלן און דערנאָך פאַרשמירן מיט קאַלך".

די גאַנצע שטאָט האָט געקאָכט מיט אָט דער גאונישער פּשרה. אָבער צו דער חכמה פון שלמה המלך קומט עס נישט. נישט מחמת דער בעלעמער רב איז אַזאַ עניו, נאָר איר פאַרשטייט: „ס'טייטש, שלמה המלך?"

דער בעלעמער רב האָט זיך אויפגעהויבן פון דער שטול און גענומען שפּרייזן איבערן צימער. זיין שאָטן האָט געמאַכט מאָדנע קאָזשעלקעס איבער די ווענט.

ער איז שטיין געבליבן, זיך אַרומגעקוקט אויף אַלע זייטן מאָדנע. עס איז נאָכאַמאָל נאַכט. די וויפלטע נאַכט זינט ששת ימי בראשית? גיי, זיי אַ בעלן און צייל. אויפן טיש טאַנצט דאָס חלבנע ליכט. אין פענסטער טאַנצט שימערירנדיק אַ שטערן.

דער גוף פונם בעלעמער רב טוט אַ ציטער. אוי־וואַ! אוי־וואַ! — טראַכט ער — די חכמה האָט טאַקע נישט קיין גרענעץ. גאַנץ בעלם ווייסט, אַז איך בין נישט קיין נאַר. זיי האַלט; מיך אפילו פאַר אַ חכם. נו, און שלמה המלך איז דאָך אוודאי געווען אַ חכם, נאָר ווי קומט אונזער ביידנס חכמה צו דער חכמה פונם בורא עולם?...

אָט ציטערט אַ שטערן אין פענסטער. גיי פאַרשטיי, צי פאַר שמחה, צי פאַר פּחד. און אפשר גאָר אויף צו־להכעיס אים, דעם בעלעמער רב?...

דער בעלעמער רב שפּייט אויס דריי מאָל: טפו־טפו־טפו. ס'שמעקט שוין מיט חקירה, רחמנא ליצלן. דער שטן, ימח שמו, ווייסט, משמעות, אַז בעלם איז אויך אַ שטאָט און דער בעלעמער איז אויך אַ צדיק און עס לוינט זיך דעם דאָזיקן צדיק אַראָפּצו־פירן פון וועג. ווער ווייסט, וויפל נעצן ער האָט שוין אויסגע־שפּרייט אַרום אים.

דער רב נעמט שפּאַנען אַביסל האַסטיקער איבער דער שטוב. פאַרטומלען די מחשבה זרה: ווערמען, ווערמען דער שטן, ימח שמו, ווערט נישט כאַפּן אין זיין נעץ, אָבער אים, דעם בעלעמער, „אַזאַ‏עיקר".

„ווי, א שטייגער, קאָנען זיי זיין? — טוט מיט אַמאָל דער בעלזעמער א זאָג אויף א קול — שוין זינט פיר וואָכן האָבן זיי זיך געלאָזט אין וועג אריין און נישט מען הערט און נישט מען זעט."

„א קליניקייט, א קליניקייט — ברומט ער — איך האָב ארויסגעשיקט צוויי מענטשן אין אַזא וויכטיקער שליחות און יענע האָבן זיך געלאָזט אין דער וועלט אריין און פאַרגעסן דעם „זייַ געזונט".

די שליחים, וואָס האָבן זיך געלאָזט אין וועג אריין, זענען נישט קיין סתם יינגלעך, נאָר חשובע באַלעבאַטים פון בעלם. בערל דער רויטער, דער טינטן-מאַכער, און זימל דער שווארצער, דער מילך-ייד. דאָס שליחות איז אויך נישט קיין געוויינלעכס. דער בעלזעמער רב האָט זיך אין א שיינעם טאָג פאַרטראַכט, אַז די וועלט מוז האָבן יושר און אָן יושר קאָן די וועלט קיין קיום נישט האָבן. און אַזוי ווי בעלם איז אויך א שטאָט אויף גאָטס וועלט, באַדאַרף בעלם אויך האָבן אביסל יושר. קוים האָט דער בעלזעמער זיך דערקייקלט צו דעם דאָזיקן געדאַנק, האָט ער תיכף צונויפגערופן אַן אסיפה און אויף דער דאָזיקער אסיפה טאַקע האָט מען באַשלאָסן ארויסצושיקן צוויי מענטשן אין דער וועלט אריין איינצוהאַנדלען פאַר בעלם אביסל יושר.

ארומשפּרייזנדיק איבער דער שטוב, האָט דער בעלזעמער רב מיטאַמאָל דערהערט, ווי דער נאַכט-וועכטער שאַלט אין זיין האָרן. ס'איז נישט קיין געוויינלעך וואַכעדיק שאַלן, נאָר א פּחד-אָנזאָג אָדער א בשורה-טובה פאַר ק"ק בעלם.

ס'האָט נישט לאַנג געדויערט און בערל דער רויטער האָט געעפנט די טיר. דאָס פּנים זיינס האָט געשטראַלט. קוים, קוים, וואָס ער האָט ארויסגעשטאַמלט:

„רבי, מיר האָבן געבראַכט א גאַנץ פעסל יושר."

ווען דער בעלזעמער רב וואָלט זיך נישט געשעמט, וואָלט ער ארומגעכאַפּט בערל דעם רויטן און וואָלט זיך מיט אים צעקושט. ער, דער רב, האָט זיך אָבער באַהערשט און קוים וואָס מען האָט געהערט, מיט א ציטערנדיקער שטים א זאָג געטון:

„דערציילן, בערל, ווי אזוי און פאר וועמען ווילסטו, און בײ וועמען
איר האָט געקויפט דאָס פעסל מיט יושר.״
און בערל דער רויטער האָט דערציילט, ווי אזוי ער, מיטן צווייטן שליח זימל דעם שווארצן, האָבן געוואַנדערט און געניש־טערט, ווו די וועלט האָט אַן עק, ביז זיי האָבן אין ווארשעווער קאַנט געפונען אַ שענקער אין אַ דאָרף. ער האָט דאָס געהאַט דאָס פעסל מיטן יושר, נאָר כאָטש האָט אים און בראָך אים, האָט ער עס נישט געוואָלט פארקויפן. קוים, קוים אים איבערגערעדט און באַצאָלט אַ גאַנצן טייסטער מיט געלט. זיי האָבן גענומען דאָס פעסל, אָבער דער שענקער האָט זיי געוואָרנט נישט צו עפענען דאָס פעסל אויפן וועג, ווייל דער יושר קאָן, חלילה, אַנטרינען ווערן.
„ווו, ווו איז דאָס פעסל?״ — האָט קוים ארויסגעאָטעמט דער רב.
„דאָס פעסל שטייט אין מיטן מאַרק. זימל דער שווארצער, שטייט און היט עס. איר פארשטייט, רבי, עס קאָן חלילה וחס אַ גנב...״
„איך פארשטיי, איך פארשטיי — האָט געענטפערט דער רב מיט שמחה — איצט, בערל, גיי און רוף צונויף דעם דיין, דעם שוחט, דעם ראש־הקהל און אַלע אַנדערע באַלעבאַטים און מירן גיין מקבל זיין דאָס פעסל מיט יושר.״
בערל דער רויטער איז אוועק. דער בעלעמער רב האָט אָנ־געטון די שבתדיקע קאַפּאָטע און דאָס שטריימל און מיט שמחה זיך געלאָזט אין מאַרק אריין, ווו ס׳איז געשטאַנען דאָס פעסל מיט יושר.
דער מאַרק איז געווען שווארץ פון מענטשן. גאַנץ כעלם איז געווען אויף די פיס. יידן, ווייבער און קינדער. אפילו דער שבת־גוי, סטאַשעק, איז אויך געשטאַנען אין רעדל. אַ גרויסע זומער־דיקע לבנה איז געווען אַ שטומער עדות פון דער דאָזיקער ווונ־דערלעכער צערעמאָניע.
אַלע האָבן געמאַכט אַ וואַרע פארן רב. דער גרייז־גרויער זקן איז פאַמעלעך צוגעגאַנגען צום פעסל. אַלע האָבן איינגעהאַלטן

דעם אָטעם. דער רב האָט זיך איינגעבויגן. איידער ער וועט עפע־נען דאָס פּעסל און ארויסלאָזן דעם יושר, ער זאָל זיך פאַרשפּרייטן איבער כעלם, וויל ער, דער רב, אויף טשעקאַוועס קודם אַ שמעק טון. ער וויל, הייסט עס, וויסן, ווי אַזוי דער יושר שמעקט.

דער ר'ב האָט אַ שמעק געטון און מיטאַמאָל איז ער אָפּגע־שפּרונגען און צוהאַלטנדיק זיך די נאָז, האָט ער אַ געשריי גע־טון, ווי נישט מיט זיין קול:

„יידן, פע!"...

„וואָס „פע"?"

„דער יושר שטינקט"...

די דאָזיקע אַנטפּלעקונג האָט געמאַכט אַ גרויסן רושם אין כעלם. אין אַלע שטובן האָט מען דערפון געשמועסט און זיך גע־חידושט. דער כעלעמער חקרן, נתן מיט די ברילן, וואָס כעלם האָט אים גערופן „נתן דער חכם", האָט אפילו געוואָלט אָנ־שרייבן די מעשה, מפורסם מאַכן די טיפע סענטענץ, צו וועלכער דער כעלעמער רב האָט זיך דערקייקלט. נאָר דער כעלעמער רב האָט עס אים פאַרווערט מיטן הארבן וואָרט.

און כאָטש אַזוי איז די מעשה פונדעסטוועגן מפורסם גע־וואָרן, פּונקט ווי אַלע אַנדערע מעשיות וועגן כעלם. אין יעדער יידישער שטוב פון דער גאָרער וועלט, האָט מען דערציילט די חי־דושים פון כעלם און פון דעם קלוגסטען פון די כעלעמער — דעם גרייז־גרויען כעלעמער רב.

יידן פון דער גאָרער וועלט האָבן זיך דערציילט איינער דעם צווייטן די מעשיות און געלאַכט פון גאַנצן הארצן. די לעגענדע איז געוואַקסן. די לעגענדע וועגן די כעלעמער נאַראָנים, די עפּאָ־פּייע, ווו דער שטות קושט דעם שכל הישר אין סאַמע שטערן אריין.

און מען מוז מודה זיין, אַז יעדער איינער פון די כעלעמער האָט אויסגעפּילט זיין פונקציע בשלמות. קיינער פון זיי איז נישט געבליבן הינטערשטעליק. דער ראש הקהל און דער בעדער, דער גביר און דער שנאָרער. אָט די אַלע וווּנדערלעכע קינדער פונם שטות, אָט די אַלע אויסטערלישע באַשעפענישן, וואָס די יידישע

פאָלקס־פאַנטאַזיע האָט באַשווירן און מייסטערהאַפט פאַרפּיק־סירט אין דער כעלעמער לעגענדע.

אָבער די שענסטע געשטאַלט צווישן די כעלעמער בלייבט אַליץ דער כעלעמער רב, זכר צדיק לברכה. דער אויסטערלישער זקן מיטן הויכן שטערן און דער שניי־ווייסער באָרד, דער געטרייער שומר, באַשיצער און באַראָטער פון זיין קעסטלעכער עדה.

אין דער מאָדערנער יידישער ליטעראַטור האָט די געשטאַלט פונם כעלעמער רב אויפגעבליצט עפּיזאָדיש אין פּרצס א נאָוועלע. אָבער אז מיר קוקן זיך גוט איין אין ר׳ יוזפל, דעם רב פון קאַסרי־לעווקע, קומט ער אונז פאָר עפּעס קענטלעך. ווו האָבן מיר באַ־געגנט אָט דעם תמימותדיקן רב? מיר שטרענגען־אָן דעם זכרון און דאַכט זיך, אויב מיר האָבן קיין טעות נישט: אין... כעלם.

און אויב מיר האָבן אפילו יאָ א טעות, איז דער קאַסרילעווו־קער רב אביסל ענלעך צו יענעם כעלעמער גאון. אפשר איז ער זיינס א געשוועסטער־קינד, אָדער א לייבלעך קינד.

און מיר וואָלטן טשעקאַווע געווען צו וויסן, צי האָט פאַר שלום עליכמען, בשעת ער האָט געצייכנט די מאָנומענטאַלע גע־שטאַלט פון רב יוזפל פון קאַסרילעווקע, נישט געפלאַטערט די שניי־ווייסע באָרד פונם כעלעמער רב זצ״ל.

די גאָלדענע פּאַווע

(געווידמעט דעם יידישן שניידער־געזעלן)

דער שניידער־מייסטער שמואל בענדעט איז געשטאנען ביים צושנייד־טיש, געצייכנט מיטן קריידל אויפן שטאף, וואס איז גע־לעגן פאר אים אויסגעשפרייט. אלע ווילע זיך פארטראכט, אפגע־קלאפט די קרייד־סימנים פון פריער און געצייכנט פון דאס ניי.

דער שניידער-מייסטער שמואל בענדעט ווייסט, אז פאר דעם גימנאזיע־דירעקטאר קאטשינסקי דארף מען אויפנייען אזוינס און אזעלכעס. א גוטער קונה איז ער, דער דאזיקער משוגענער „דייטש", נאר א מפונק, פארדרייט א קאפ. דוכט זיך, דער אנצוג ליגט ווי אויס־געגאסן און ער, דער „דייטש", טרעט נישט אפ פונם שפיגל. ער הויבט די אקסלען, זוכט, נישטערט און געפינט סוף כל סוף א חסרון.

איז וואלט ער כאטש געהאט א נארמאלע פיגור, דער „דייטש", איז דווקא ניין. איין אקסל איז העכער, די פלייצע רונד, א משונהדיקע פיגור. און דווקא ער איז דאס דער מבין און וויל ס'זאל זיין מיטן אקוראט. א פריציש זונדל, שטודירט אין פאריז, פון וואנען עס קומען אלע מאדעס, ווייסט ער, וואס ער וויל, און דער מייסטער שמואל בענדעט שטייט ביים צושנייד־טיש, קנייטשט דעם שטערן, מעסט מיטן סענטימעטער, צייכנט מיטן קריידל.

אין דרויסן איז א ליכטיק זוניקער פאר־פסח־טאג. קינדער שפילן זיך אין דרויסן. דעם שניידערס קינדער, דעם סטאליערס קינדער, דעם שוסטערס קינדער, זיי שפילן זיך און זינגען:

טרעטי, טרעטי, טרעטי,
וואס די טרעטי זאגג?
קומט א שיינער פויגל
און מאכט א שיין געזאנג.
האט געזונגען, האט געזונגען;

אין דריי יאָר ארום,
קערט זיך חנה אום.

די קינדער פונם הויזווירט שטייען אויפן גאניק און קוקן זיך צו צום שפּיל. זיי וואָלטן גערן אראָפּגעלאָפן אין הויף און זיך אויך א שפּיל געטון מיט די אנדערע קינדער, נאָר די מאמע לאָזט זיך נישט שפּילן מיט די קינדער פונם שניידערוק און שוסטערוק.

די קינדער דרייען זיך ארום דעם איינגעדארטן בוימל, וואָס שטייט אין הויף, א פארבלאָנדזשעטס פונם וויטן וואלד. די פריי־לינג־זון באשיט עס מיט גאָלד, א פויגל טשוויטשערט אויף א צווייג און די קינדער זינגען:

אויפן הויכן בארג,
אויפן גרינעם גראָז,
שטייען פיר דייטשן
מיט די לאנגע בייטשן.
הויכע מאנען זענען זיי,
קורצע קליידער גייען זיי...

דער שניידער־מייסטער שמואל בענדעט שטייט נאָך אַלץ מיטן צענטימעטער אויפן האלז און מיטן קריידל אין דער האנט. עס האלט שוין אויף א דרך. די גרויסע שער האָט דערפילט, אז אָט־אָט קומט די ריי אויף איר.

א צופרידענער האָט דער מייסטער אונטערגעברומט א לידל:

אָי, רבנו, טוראם, טאם, רבנו,
וואָס וועלן מיר עסן אויף דער סעודה, אוי?
וואָס וועלן מיר עסן אויף דער סעודה?
שור הבר מיט לויתן, שור הבר מיט לויתן,
שור הבר מיטן לויתן וועלן מיר עסן אויף דער סעודה, אוי!

דער שניידער־געזעלן לייבעלע בעקער איז געזעסן ביים ווערקטישל, א שווייגנדיקער, געוואָרפן מיט דער נאָדל, דער גע־זעלן נתן זאַק האָט געשטעפּט אויף דער מאשין, דאָס לערן־ייִנגל האָט אין דרויסן צעבלאָזן דאָס פייער אין א פרעסל.

אין צווייטן צימער האָט זיך צעוויינט דאָס קינד אין וויג. די שניידערקע איז אַרויסגעלאָפן פון דער קיך, אַריין אין דער צווייטער שטוב און גענומען פאַרוויגן דאָס קינד.

אמאָל איז געווען אַ מעשה,
די מעשה איז גאָרנישט פריילעך,
די מעשה הויבט זיך אָנעט
מיט אַ יידישן מלך.
ליולינקע, מיין פייגעלע,
ליולינקע, מיין קינד,
כ'האָב אָנגעווווירן אַזאַ ליבע,
ווי איז מיר און ווינד.

דאָס קינד איז אַנטשלאָפן געוואָרן. די מייסטערקע איז צוריק אַוועק אין קיך אַריין צוגרייטן דעם מיטאָג.

דער לערניונג, אַ דאַרפישער בחור מיט קלייען אויפן פנים, האָט אַריינגעבראַכט דאָס פּרעס־אייזן. נתן זאַק, אָדער ווי מען האָט אים גערופן „דער לאַנגער נתן", האָט זיך אַוועקגעשטעלט ביים פּרעס־טיש.

דער מייסטער, שמואל בענדעט, האָט גראָד פאַרענדיקט דאָס צושניידן דעם אַנצוג פאַרן גימנאַזיע־דירעקטאָר קאָטשינסקי, ווען דער „לאַנגער נתן" האָט פאַרטיק געמאַכט דעם ראָק צו דער צווייטער פּראָבע פאַרן מיל־באַזיצער בערנאַרד ראָזנער.

דער מייסטער האָט אַ רוף געטון דעם לערניונג:

„יונה, נעם דאָס שטיקל אַרבעט און מירן גיין פּראָבירן צום הערן ראָזנער."

דער לערניונג, וואָס איז איצט געזעסן אין ווינקל און „געריגעוועט" אַ ליוונט, האָט אַוועקגעלייגט די אַרבעט, אָנגעטון דעם קאַשקעט און איז אַוועק מיטן מייסטער.

קוים איז דער מייסטער אַרויס פון דער שטוב, האָט דער „לאַנגער נתן" גענומען דאָס וואָרט און זיך צעזונגען אויף אַ קול:

געפלויגן, געפלויגן די גאָלדענע פּאַווע
איבער אַלע ימען,

לאַז־זשע גריסן, דו גאָלדענער פויגל,
מיין ליבע, מיין האַרציקע מאַמען.
איז געפלויגן די גאָלדענע פּאווע
איבערן טייך דעם גלאַטן,

לאַז־זשע גריסן, דו גאָלדענער פויגל,
מיין ליבן, מיין האַרציקן טאַטן.

דער „לאַנגער נתן" האָט געזונגען און אַלעמאָל אַ קוק געטון צום צווייטן געזעלן לייבעלע בעקער, וואָס איז געזעסן אַ שווייגנ־דיקער ביים ווערקטישל און געניימ.

דער „לאַנגער נתן" ווייסט, וואָס דאָס שווייגן פון לייבעלע בעקער באַטייט. ער, דער פריילעכער שניידער־געזעלן לייבעלע בע־קער, האָט לעצטנס איבערגעלעבט אַ טראַגעדיע. דאָס שניידער־מיידל עלקע, מיט וועלכער לייבעלע איז אַרומגעגאַנגען גאַנצע דריי יאָר, איז אַוועקגעפאָרן קיין אַמעריקע. לייבעלע האָט זי באמת ליב און איצט בענקט ער נאָך איר. אָפּטמאָל שווייגט ער אַף גאַנצע טעג, ווי די וואַנט, און אָפּטמאָל צעזינגט ער זיך, ווי אַ קאַנאַריק. די בענקשאַפט, וואָס נאָגט אים און לאָזט אים נישט שלאָפן דורך די נעכט, זינגט אַרויס פון אָט די דאָזיקע לידער. אמת, די לידער וואָס לייבעלע בעקער זינגט, קאָן דער „לאַנגער נתן" אויך זינגען און אַלע שניידער־יונגען פון דער גאַנצער שטאָט קאָנען זיי. אָבער אַזוי זינגען, מיט אַזויפיל האַרץ און נשמה, ווי לייבעלע בעקער, וועמענס מיידל עס איז אַוועק קיין אַמעריקע, קאָן קיינער נישט.

דער „לאַנגער נתן" האָט פאַרענדיקט דאָס ליד פון דער „גאָלדענער פּאווע" און לייבעלע בעקער האָט נאָך אַלץ געשוויגן.

דאָס, וואָס דער „לאַנגער נתן" האָט געוואָלט, איז אים נישט געראָטן. לייבעלע האָט נישט געזונגען.

דער „לאַנגער נתן" איז אָבער אַ כיטרער יונג. ער ווייסט, אַז די בענקשאַפט און די טרויעריקייט, וואָס נאָגט לייבעלעס נשמה, וועט נישט לאַנג אויסהאַלטן אין איר שווייגן. די דאָזיקע גרויסע בענקשאַפט מוז זיך צעזינגען.

דער „לאַנגער נתן" איז געשטאַנען ביים פּרעס־טיש און זיך געגאָרגלט :

אין דרויסן איז אַ טריבער טאָג,
אין שטיבעלע איז אַ פּאַרע,
כ'האָב אָפּגעלעבט מיינע יונגע יאָרן,
נאָר ווי אין אַ כמאַרע.

ליבעלע בעקער שווייגט. דער „לאַנגער נתן" זינגט ווי־טער:

נאָר ווי אין אַ כמאַרע
זענען אַוועק מיינע יאָרן,
כ'האָב געהאַט אַ טייערן דימענט
און האָב אים אַנגעוווירן.

ליבעלע בעקער בויגט איין דעם קאָפּ. אַ טרער פינקלט אין זיינע אויגן.

דער „לאַנגער נתן" פילט, אַז ער האָט געטראָפן אין פינטל. די טרער אין ליבעלעס אויג איז אַן אָנזאָג, און אָט...

דער בלייכער שניידער־געזעלן מיט די טרויעריקע אויגן זינגט. אין אָנהויב שטיל... שטיל...

איך האָב אים אַנגעווירן
און קאָן אים נישט געפינען,
שטייען שטייט ער מיר פאַר מיינע אויגן
און איך קאָן צו אים נישט קומען.

און בשעת מעשה זעט ער פאַר די אויגן דאָס שניידער־מיידל עלקע. אָט די, מיט וועלכער ער איז געגאַנגען גאַנצע דריי יאָר, און וואָס איז דעם ווינטער אַוועקגעפאָרן קיין אַמעריקע.

דער „לאַנגער נתן" האָט זיינס דערגרייכט. ליבעלע בעקער האָט געזונגען הויך און האַרציק איין ליד נאָכן צווייטן. אין יעדן ליד האָט זיך גערעדט וועגן אַ צעשמעטערטער ליבע, אין יעדן ליד האָט געפינקלט אַן אמתע טרער.

צוויי טייבעלעך זענען איבערן וואַסער געפלויגן,
אין די פּיסקעלעך האָבן זיי זיך געקושט.
פאַרשאָלטן זאָל ווערן יענער מענטש,
וואָס האָט זיך אין אונזער ליבע אַריינגעמישט.

נישט צוויי טייבעלעך זענען איבערן וואַסער געפלויגן, — טראַכט דער „הויכער נתן", — נאָר איינע, עלקע הייסט עס. און

דאָס צווייטע איז געבליבן דאָ הי. לייבעלע בעקער הייסט עס, און זינגט זיך די נשמה אויס.

אזוי טראַכט דער „לאַנגער נתן" און ברומט שטילערהייט מיט. העלפט דעם ליידנדיקן חבר זיינעם זינגען.

און אַז דו וועסט קומען אין אַ פרעמד לאַנד, ליובעניו,
מיינע רייד זאָלסטו געדענקען,
און אַז דו וועסט קומען איבער אַ וואַסער, ליובעניו,
זאָלסטו זיך נישט דערטרינקען.

די שניידערקע איז געשטאַנען אויף יענער זייט טיר און זיך צוגעהערט. זי האָט ליב צו הערן די דאָזיקע שיינע לידער, בפרט, אַז דער שניידער־געזעלן לייבעלע בעקער זינגט זיי. זי האָט זיך געווישט מיטן פאַרטוך די אויגן.

אַז דו וועסט קומען אין אַ ווייטער שטאָט, ליובעניו,
מיינע רייד זאָלסטו באַקענען.
און אַז דו וועסט קומען איבער אַ פייער, ליובעניו,
פאַר צרות זאָלסטו דיך נישט פאַרברענען.

לייבעלע בעקער זינגט איין ליד נאָכן צווייטן. דער „לאַנגער נתן" העלפט אים אונטער:

אַ פייערדיקע ליבע
טוט אין מיין האַרצן ברענען,
גאָט ווייסט, מיין טייער לעבן,
צי וועלן מיר זיך נעמען.

די שניידערקע, וואָס שטייט אויף יענער זייט טיר, דערמאָנט זיך די צייט, ווען זי האָט דאָס דאָזיקע ליד געזונגען. אמאָל, אמאָל אין די מיידלשע יאָרן. זי זעט איצט נאָכאמאָל אויף קלאָר דאָס, וואָס די צייט האָט אָפּגעמעקט און וועט עס שוין קיינמאָל מער נישט אומקערן — איר ערשטע ליבע.

אָט זעט זי די שניידער־שטוב, ווו זי האָט אמאָל געאַרבעט. אָט זיצט איר חברטע רויזע ביי דער מאַשין און זינגט:

דאָרט, אויפן בערגעלע, שטייט אַ בוימעלע,

דאָס בוימעלע איז שוין לאַנג איינגעבויגן,
דאָרטן שטייט מיין געמיירייער חתן
מיט זיינע פאַרוויינטע אויגן.
און די רויטע ביילקע ענטפערט איר, ווי אַ ווייטע טרייסט:
מיינע עלטערן טוען מיך בעטן,
כ'זאָל שוין אָן דיר פאַרגעסן,
נישט איין וואַסערל וועט פאַרביילויפן,
אונזער ליבע וועט קיינער נישט פאַרלעשן.

אזוי דערמאָנט זיך די מייסטערקע אויף יענער זייט טיר, און זעט בשעת-מעשה די בילדער פון איר יוגנט. זי שטייט מיט פאַרלייגטע הענט אויפן האַרץ און מיט טרערן אין די אויגן. נאָר, אַז לייבעלע בעקער הויבט אָן זינגען דאָס ליד פון די פאַרשפילטע יונגע יאָרן, וואָס זענען אַוועק אָן נחת און פרייד, לאָזט זי אַראָפּ דעם קאָפּ און אירע טרערן קושן די ערד.

קערט זיך אום, יונגע יאָרן,
מיר וועלן אייך צונעמען —

זינגט לייבעלע, און דער „לאַנגער נתן" ענטפערט אים:

מיר ווען זיך נישט אומקערן,
מיר ווען זיך נישט אומקערן,
ס'איז נישטאָ צו וועמען.

און לייבעלעס קול בעט זיך, ממש אַ שטיין צו רירן:

קערט זיך אום, יונגע יאָרן,
טוט אונז נישט פאַרשעמען.
מיר ווען זיך נישט אומקערן,
מיר ווען זיך נישט אומקערן,
ס'איז נישטאָ צו וועמען.

די צוויי שניידער-יונגען זינגען. אויף יענער זייט טיר שטייט די מייסטערקע מיט פאַרלייגטע הענט אויפן האַרץ און ברומט נאָך יעדעם ליד, ווי אַ תפילה. אין דרויסן, אונטער דער פרילינג-זון, שפּילן זיך די קינדער. און אויף דער שוועל פון דער יידישער שניידער-שטוב שטייט די גאָלדענע פּאַווע. — —

אינהאַלט

פאָרוואָרט	3
אייזיק וואַליך ווירמייסן	7
ג ע ל ע	17
איציק אייכל	27
ד״ר שלמה עטינגער	37
ישראל אקסנפעלד	47
אברהם בער גאָטלאָבער	55
אייזיק מאיר דיק	65
בערל בראָדער	75
יעקב פסנתר	85
וועלוול זבאַרזשער	95
אברהם גאָלדפאַדן	107
אליקום צונזער	119
יעקב מאָרגנשטערן	129
בירך שאַפיר	141
מיכל גאָרדאָן	153
מאַרק מאַרקאָוויטש וואַרשאַווסקי	163
יוסף באָוושעווער	173
הערשעלע אָסטראָפּאָליער	185
דער „בעלעמער" זצ״ל	195
די גאָלדענע פּאַווע	205